STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08758

DI NAYSTE VERK

Moishe Nadir

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די נייסטע ווערק

פון

מ ש ה נ אַ ד י ר

מאָרגן איז מאָנטיק

די פאָרד-פאַבריקן
„ניטגעדאַיגעט"
מאַיסעס דאָרטן
לידער (געזעצט ווי פּראָזע)
פון מיר צו דיר
אַלטע מאַטעריאַלן

פארלאג „מאָרגן פרייהייט"
נומער פופצן, איסט דרייצנטע גאס,
ניו־יאָרק.

Copyright 1932
By
Isaac Moishe Nadir
(Isaac Reiss)

FREIHEIT PUBLISHING CO.
Fifty East Thirteenth Street
New York City

די פּאָרד-פֿאַבריקן

„ניטגעדאַיגעט"

די פֿאָרד-פֿאַבריקן

דער צוג רופֿט זיך „דער דעטראָיטער". סע איז אַ זייטזשע־מוי־כעל־גאָר־באַזונדערע־באַן פֿאַר די „מידע ביזנעסלייט", וואָס אַ מינוט איז בײַ זיי אַ רענדל. אין איין מינוט קען אַ „ביזנעסמאַן" אָפּנאַרן און אַרײַננאַרן מי־יווידייע וויפֿיל נאַראָנים און אויסנאַרן מי־יווידייע וויפֿיל געלט.

בײַ דעם „ביזנעסמאַן" ברענט די צײַט אונטער די הענט. אָט איז זי דאָ, אָט איז זי נישטאָ. צײַט רינט און ווערט רונד און רויט, ווערן דאַפֿון רונדע, רויטע רענדלעך. — האַ, ווי מיינט איר? טאַקע רענדלעך? צי עפּשער גאָר בלוטסטראָפּנס אַזוינע, וואָס בלישטשען ווי גאָלד אין ווינטשפֿינגערלעך.

וואָס טויג מיר די רייד. דער „מידער ביזנעסמאַן" פֿאָרט „מאַכן ביזנעס", און אַז ער פֿאָרט „מאַכן ביזנעס", מוז מען אים געבן די בעסטע, די גיכסטע באַן, אַ צוג, וואָס שלינגט רעלסן מיט אַ גיכקייט פֿון 60 ענגלישע מײַל אַ שאָ. און — ס'איז בײַ איר אַף 1 צאָן!

10 מינוטן נאָך זעקס פֿאַרנאַכט גייט־אָפּ די באַן פֿון אונטער דער אייזערנער יאַרמולקע פֿונם ניו יאָרקער גרענד־צענטראַל. — גייט אָפּ רואיק, ווי נישט זי מיינט מען, — איר וואָלט גאָרנישט כווישעד געוועזן, אַז זי... איז אַזאַ מײַלנשלינגערין!

אַמעריקאַנער (און ענגלענדער) זענען עפּשער די בעסטע פֿאָ־רערס אין דער וועלט. דער ענגלישמאַן איז בעטעווע אַ טוריסט — פֿאָרט ער נישט היינט, פֿאָרט ער מאָרגן. קען ער מאָרגן אויך נישט פֿאָרן, פֿאָרט ער כאָטש טעאָרעטיש. אין די הויפּט־גאַסן פֿון לאָנדאָן אָדער אַף דער ניו יאָרקער פֿינפֿטער עוועניו, קענט איר זען ווי אָרעמע ענגלישלייט פֿאַרברענגען זיך די צײַט מיט דעם, וואָס זיי שטייען בײַ די פֿענצטער פֿון די באַן־און־שיפֿסקאַרט־אַגענטורן, שטודירן די מאַ־פּעס און... רעדן איינער מיטן אַנדערן וועגן אינדיע, כינע, אַרגענטינע.

דער ענגלענדער רעגירט די וועלט — דורכן טעלעפֿאָן. „יויכינטשע בוהיי" (דזשאָן בול) קלינגט־אָן אַ ווייט, פֿרעמד פֿאָלק דורכן טעלע־פֿאָן (די אינדיער, לעמאָשל) און גיט אַ מאָך: „היז מעדזשעסטי, קינג זשאָרזש דער אַזוי־פֿיל־און־אַזוי־פֿילטער לאָזט אײַך וויסן, אַז

איר זייט פאַדאַנעס פון זיין קרוינבענקל, גודביי, מיר'ן זיך טרעפן באַ דער קינפטיקער מילכאָמע, אי"ה!"

דער אַמעריקאַנער ווידער רעגירט די וועלט דורך שטילער כוצפּע.

דאָרט וואו ענגלאַנדס קויעך איז אין „אַרויסנעמען די קויכעס", איז אַמעריקעס קויעך אין — איינהאַלטן זיך. מיט שטילע, געפערלעכע טריט גייט דער אַמעריקאַנער פלישטי איבער דער וועלט, ווי גרויסאַמעטענער בוהיי. מיט שטילע ציטערדיקע פלאַנקן, באַטראַכט שטילערהייט דאָס ערדקוגעלע פון אַלע זייטן — וויפיל ס'האָט די ווערט... אַז די צייט וועט קומען, וועט ער עס אָפּקויפן, אַהיימנעמען הינטערן פּידזשאַק.

אין גאַנץ אייראָפּע (אַ כויץ ענגלאַנד) ל ו י פ ט מען צו דער באַן — סי טוט זיך אַביסל! געוויינטלעך קומט איר מיט צוויי שאָ פריער, קעדיי צו פאַרכאַפּן אַ פּלאַץ, און אויב אייער פּלאַץ איז גענומערירט, קומט איר סיי־ווי־סיי מיט צוויי שאָ פריער אַ בליק טאָן צי עס איז נישט געמאַכט געוואָרן — אַ ט אָ ע ס אין דער נומעראַציע.

צום „דעטראָיטער" גייט איר פּאַוואָלי, אַז שוין גאָר פרי קומט איר אָן צו די באַן־גראַטעס פון דעם „גרענד־צענטראַל" וואָקזאַל אַקוראַט 6 דעם זייגער, בלייבט אייך נאָך 10 מינוט צייט אַף איינצוואָרדענען די פּאָר שטיקלעך געפּעק, אַראָפּגיין קריק אין גלאָז־געדעקטן „דרויסן" אַרויס, באַטראַכטן די אַנדערע פאַרשוינען, וואָס פאָרן־מיט אין אייער צוג. יענע גייען אויך שטיל, יעדער מיט אַ לעדער־פּעקל אין האַנט. אַמאָל גייט דער פּאָרטער פאָרויס, טראָגט־נאָך די שטיקלעך באַגאַזש, פיין אַרומגערימענט, גוט פאַרפּאַקט, מיט קונציקע מעשלעסער פאַרקלאַפּט.

דער „דעטראָיטער" גייט־אָפּ פון ניו יאָרק 10 מינוט נאָך 6. קומטאָן קיין דעטראָיט אַ פערטל־צו־ניין דעם אַנדערן אינדערפרי, אַקוראַט צו דער מינוט. ער האָט פיינט כאָכמעס.

דער „דעטראָיטער" שלעפּט פון 12 ביז 15 וואַגאָנעס — אַלע פ ו ל מ אַ ן שלאָפוואַגאָנעס, אַ כויץ צ ו ו יי רעסטאָראַן־וואַגאָנעס און אַ באַזונדערן „אָבזערוואַציע־וואַגאָן" — העט צום סאָף פון דער קייט מיט וואַגאָנעס.

דאָ זענען דאָ פריוואַטע קאַבינעס פאַר פּאָרלעך, „אַפּאַרטמענטן" פאַר פאַמיליעס. יעדער וואַגאָן האָט אַ וואַש־און־דרויכער צימער, אויסגעבעט מיט לעדערנע זיצן. די וואַש־בעקנס זענען אַלע געניקלט. פון אַ קליין ניקל־רערל רינט פליסיקע זייף אַז איר גיט אַ קוועטש דאָס צאַפּנדל. איבער די וואַש־שיסלען אַף ניקעלנע, קליינע פּאָליצעס, שטיי־

ען צונויפגעדרייעקעכט פרישע האַנטיכלעך, מיט די שפּיצן אַרויף. עס שמעקט יונגער רויך, ציכטיקייט, וועלט-הערשאַפט.

אינדערפרי איז אין די מענערישע וואַש־קעמערלעך זייער לע־בעדיק. די „ביזנעסלייט" גאָלן זיך. יעדער שלעפּט אַרויס אַן אַנדער מין ט יי ע ר ן ראַזיר־מאַטעריאַל און ראַזיר־געצייג... דאָ קענט איר זען די נייעסטע אַמעריקאַנישע ראַזיר־מעסערס, וואָס אַרבעטן ווי אַן אַווטאָמאַטישע ביקס — זיי שיסן אַרויס אַזוינע שמאָ־לע, שאַרפע קלינגלעך.

דאָ קענט איר אויך זען די טייערסטע ראַזיר־שאָלן פון זילבער, אַלערליי אויסלענדישע זייפן, פּאָמאַדעס, פּודער־שטויבן.

דער „ביזנעסמאַן", אָנגעטאָן אין זיין זיידענער פּאַזשאַמאַ, מיט אַ שלאָפראָק פון אויבן (שטעקשיך למע"ה פונם זעלבן קאָליר ווי דער שלאָפראָק!) מאַכט זיך גרייט פאַר זיין טאָג שווערן... גאַרנישט־טוען. ער איז פינקטלעך, העפלעך און ציכטיק. ער זאָגט הונדערט מאָל אַ מינוט „אַי בעג יור פּאַרדאָן", ער איז אַ זוי אײדל, אַז ס'איז אַ געוואַלט. אָפּגעוואַשן זיך אין דער ניקלענער שיסל, און אַרומגעווישט זיך מיט דעם פרישן האַנטיכל, שווענקט ער דערנאָך אַליין אויס די־זעלבע שיסל מיט פרישן וואַרעמען וואַסער פונם קראַן, ווישט־אויס מיט זיין האַנטוך, שמייכלט אויס אַן „אַי בעג יור פּאַרדאָן" און גיט אייך איבער אַ ריינע, געגלאַנצטע שיסל.

:: :: ::

באַם וואַגאָן שטייט אַ פּוס־בענקעלע (קיין פּעראָן ווי אין אייראָפּע איז דאָ נישטאָ). איר שטעלט אַרויף אַן איידלעם פוס, און אַ גוטן זאַק. דער האַלב־שוואַרצער פּאָרטער כאַפּט באַ אייך צו ס'געפּעק, גלייך ווי עס וואָלט כאָלילע געשען ס'גרעסטע מאַלעיר ווען איר טראָגט עס אַליין אַרויף אַף די צוויי אייזן־טרעפּלעך.

אַ קאָנדוקטאָר, וואָס שטייט באַם אַריינגאַנג פון וואַגאָן, מיט אַן אויסגעלאָשענעם לאַמטערן אין דער האַנט, גיט אַ בליק אַף אייערע צוויי בילעטן. (באַן־און־פּולמאַן) זעט צי איר זענט אין ריכטיקן נו־מער, זאָגט אַף יענקי־ענגליש „טהענקיו".

איר זענט אינעווייניק. עס איז וואַרעם ווי אין אַן ערשט־קלאַסע־נעם גאַניידין. עלעקטרישע באַרן — אָנגעציליעט אין צוויי גלייכע שו־רעס, און איבערגעדעקט מיט פּאָרצעליי־היטעלעך, גיבן דאָס נויטיקע ביסל „עלעקטרישע זאַפּט". אַ גרין־פּלושענער זיץ איז גרייט פאַר אייך. שפּעטער ווערט פון אים אַ ווייך־וואַרעם בעט. פון די פּיליטורטע האָלצקאָלירטע זייטנשטיקער איבער אייער זיץ, ווערט נאָך אַ בעט. ביידע בעטן זענען פאַרהאַנגען מיט אַ גרין „פּאַרטוך". ביידע

בעטלעך אָפּגעזונדערט איינס פון ס'אַנדערע דורך דעם פּאַרהאַנג, וואָס פאַרקנעפּעלט זיך פון אינעווייניק אַף אייער זייט, און פעסטיקט־זיך־צו צום אונטערשטן ראַנד פונם בעט, וואָס איז איבער אייך.

אַז דער קאַווע־מיט־מילעכדיקער פּאָרטער (עס ווייזט אויס, אַז מער ווי כאָצי־נעגערס האָט די פולמאַן־געזעלשאַפט נישט ס'האַרץ אָנ־צושטעלן!) פירט דיך צו צו דיין פּלאַץ, דאַרף ער דיר זאָגן „יעס־סיר, טהענק־יו־סיר, עניטהינג־עלס־סיר?" און דו — דאַרפסט גאָר־נישט זאָגן. סיידן דו ווילסט עפּעס. אַנישט דאַרפסטו בלויז אַ שאָקל טאָן מיטן קאָפּ, וועט יענער זאָגן: „יעס סיר, נייס וועטער־סיר, טהענק־יו־סיר" און אַוועקגיין מיט שטעקשיכענעם דערעך־ערעץ און מיט דער האָפענונג אַז דו וועסט באַ סאָף רייזע, אַז ער'ט אַרויסשטעלן דיין געפּעק לעבן דער טיר און דיך אַליין אַ נעם־טאָן אין וואַגאָן־קאָרידאָרל אַריין און דיך אַרומפּוצן מיט אַ באַרשט, אַרונטערלייגן זיין האַנט אונטער דיין אויבערמאַנטל און דיר אַראָפּציען דאָס סאַקל, אַזוי אַז דער אונטערשטער קאָלנער זאָל כאָלילע נישט זיין העכער פון דעם אויבערשטן (קאָלנערס האָבן אויך קלאַסן!) — אין דער האָפענונג, הייסט דאָס, אַז דעמאָלט וועסטו אים אַריינלייגן אין דער טונקעלער האַנט אַריין אַ זילבערשטיקל די גרויס פון אַ האַלבן דאָלאַר.

טאָמער ביסטו נישט קיין עמעסער אַמעריקאַנער „ביזנעסמאַן", און אַף דעם האַלב־נעגערס „גוטנאָוועגט" ענטפערסטו כאָלילע „גוט־יאָר!" קוקט דיך דער נעגער אָן ווי מעשוגע. ער ווייסט שוין, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט נידריקן קלאַס מענטשן, און ער האָט שוין פאַר דיר קיין דערעך־ערעץ נישט.

דער פאַקט, אַז דו ביסט נישט קיין זשענטעלמאַן, גיט זיך באַלד איבער איבערן גאַנצן „דעטראָיטער". אַז דו קומסט שפּעטער אַריין עסן אין איינעם פון די רעסטאָראַן־וואַגאָנען, גיט דער אויבערקעלנער צו דיר אַ שטילן פייף מיטן מויל (אָנשטאָט אַן איידעלעם קנאַק מיטן פינגער), ער זעצט דיך אַוועק אין אַ ווינקל, ווי אַ באַשטראָפטן. אַז דער האַלב־שוואַרצער קעלנער דערלאַנגט דיר דאָס באַשטעל־צעטל מיט דער בלייפעדער אַף צו פאַרשרייבן וואָס דו ווילסט עסן, שטייט ער פון דער ווייטן, וויל זיך אָן דיר נישט אָנרירן. דו ביסט „ווייסער אָפּפאַל" („ווהייט טרעש"), איינער, וואָס וויטעט זיך מיט נעגערס.

פונקט צען מינוט נאָך זעקס, גיט דער ריזיקער לאָקאָמאָטיוו אַ צוויי שפּאָרעוודיקע פייף (ווי יעדער באַל־קויעך רעדט ער ווינציק!), סאָ־פּעט־אָפּ מיטן איבערפלייץ פון זיין געוואורע, וואָס קאַפּעט אים פון די גלאַנציקע שטאָלרעדער אַראָפּ, ווי איבעריק בלוט, פון אַ כאָיע־שער מאָרדע, און ער גיט זיך אַ נעם: גריינג־גליטשיק, שאַרף־שטיל.

דורך די פאַרהאַקטע טאָפּל־פענצטער, וואָס לאָזן דעם ווינט נישט אַריין, לויפן אהיים (עסן וועטשערע ?) פאַנאַרן, טעלעגראַף־דרענגלעך, עלעקטרישע שילדן, פאַבריק־קוימענס, וואָס פּילעווען זיך מיט פייער, שויבן־שטיקער. דאָס זענען שטעט, האַפּאַנים, וואָס האָבן אונז עפּעס צו זאָגן, לויפן אונז נאָך, נאָר ווער האָט דען צייט צו הערן וואָס שטעט זאָגן ? מיר זע־מיר „ביזנעסלייט״ !

„דער דעטראָיטער״ איז אַ יונג מיט שטאָלענע ביינער. ער איז אַ „דזשענטעלמאַן״ און אַ „וואָרטסמאַן״, ער האָט צוגעזאָגט, אַז זיי־גער אַכט מיט 45 מינוט אויפן זייגער, איז ער אין דעטראָיט. מוז ער האַלטן וואָרט.

טאָמער נישט, טאָמער פּאַרשפּעטיקט ער מער ווי פינף און פופ־ציק מינוט (קנאַפּע פיר מינוט אַף אַ שאָ, איז דאָס העכסטע וואָס ער קען זיך דערלויבן — די געוויינטלעכע פיר פּראָצענט פאַר „קעש״) קערט ער אייך אום קריק אַזויפיל־און־אַזויפיל געלט מעזומענע אַנקלסעמישע דאָלאַרן !

אָה, יעס, ביזנעס איז —ביזנעס...

פונדעסטוועגן, אַז איר ליגט באַנאַכט אַף אייער בעטל, נאָכדעם ווי איר האָט אויפגעהאַנגען די הויזן אַף 1 הענגער, דאָס אַנדערע אָנגעטועכץ אַף דעם אַנדערן הענגער (ביידע זענען צוגעפּעסטיקט יע־דער צו אַ האַלבן פאַרהאַנג), דאָס זייגערל אויפגעהאַנגען אויפן האַקענדל וואָס לעבן דעם קליינעם עלעקטרישן נאַכט־לעמפּל איבער אייער צו־קאָפּנס, — אַז איר ליגט שוין, זאָג איך, באַקוועם און ווארעם, צישן צוויי פרישע ליילעכער און ווייס־וואָלענע דעקעס, און איר הערט זיך איין ווי דער האַלעדראַן, דער ווינט, רייסט דאָס פענצטער, און ווי דער גאָס־רעגן פּלעמט די שויבן מיט אַזאַ סאַדיסטישן קאָס און פרייד, ווי אייער רעבי פּלעגט אייך שמייסן אַפן הוילן, דאַכט זיך אייך, אַז דער לאָקאָמאָטיוו נעמט זיך אָן אייער (און די שויבנס) קריוור־דע און ער שרייט : „מאַ־מע־ניו״.

און זאָגט מיר : וואָס קען זיין טרויעריקער, ווי אַז אַזאַ גרויסער, שטאָלענער „ביזנעסמאַן״ לויפט אין דער נאַכט אַריין, סלינעט און שרייט „מאַ־מע־ניו״ ? !

:: :: ::

מיין שטיקל באַגאַזש ליגט אַף דער באַנק. ס׳איז ערשט 7 אַזיי־גער. אַ וואָוילערישער זשורנאַל אין אַ גרין יאַקל („אַמעריקן מוירקורי״) שמייכלט צו מיר מיט מר. מענקענס געזונטע ביזנעסמאַנישע ציין. אָט אַן עמעסער אַמעריקאַנער, טראַכט איך, האָט געמאַכט אַ געשעפט פון אַנטי־אַמעריקאַניזם !

די מיטפּאַרער: דאַפּקע נישט קיין 100 פּראָצענטיקע יענקים, נאָר אחינו בני.. מאַנטל־פאַבריקאַנטן! האָבן דערטאַפּט אַן אויפשטעל־טישל, האַקן אַ פּאָוקער, דערהאַרגענען דאָס לאָשן פון לאָנגפעלאָו און ראָקעפעלער...

פון גרויסן קהאָלשן ציבער ווערן וועגן ווערטער אַרויסגענומען, איבער־געוואָרפן צו מיר. „איר פּאָרט צו פּאָרדן", (איינער זאָגט דאָס אַזוי אַז סע האָט אַ טאַם ווי איין וואָרט: „יאַיפּאַציפּאָדן). „איך פּאָר קיין דעטראָיט". „ביזנעס?" „נישט קיין ביזנעס?"

אַ לאַנגע נאַכט, פון ליטער שאָען. אַף דער באַן איז שווער צו שלאָפן. — עס איז שווער צו שלאָפן, אָן דער זיכערקייט, אַז דיין געלעגער וועט נישט רוען איינייגעם מיט דיר... עס איז ווי צו זיין טויט אין אַ שטענדיקן־אַרומפּאָרנדיקן קייוועד!

דער צוג האָט אַ 15 וואַגאָנעס. איך בין אין איינעם פון די ערשטע. קומט אויס דורכצוגיין אַ סאַך טירן, ביידע רעסטאָראַן־וואַ־גאָנעס, ביז מען קומט-צו צו דעם „אָבזערוואַציע־וואַגאָן", וואָס איז אָפּן סאַמע לעצט פון דער באַן.

די וואַגאָנעס האָבן אַבוץ נומערן, אויך נ ע מ ע ן: „לאַסאַל", „מענדעלסאָן", „קאַרטאַזש", „רוים", „מיני".

„מענדעלסאָן" איז אַ לוקס שבעלוקס. דאָ איז אַ באָד־צימער פאַר־אַנען. „רוים" איז... אַף צאָרעס. אַ פּראָסטער פּולמאַן! „מיני" איז האַלב־ליידיק.

וואָס איז דער סייכל, טראַכט איך, וואָס די וואַגאָנען האָבן אי נומערן, אי נעמען? אַהאַ, איך פאַרשטיי שוין: בייעס די וואַגאָנען גייען, זענען זיי אַרבעטער, רופט מען זיי בא די נומערן. אַז זיי בלייבן שטיין ליידיק, זענען זיי דזשענטל־לייט, מוזן זיי שוין האָבן נעמען.

„איך וויקל אַרום דעם האַלז און וויקל־אויף דעם האַלז", ווי אברהם מיט עפּעס אַנדערש. אין די קאָרידאָרן איז — קאַלט. דער נאַסער ווינט שטופּט־אַריין זיין לאַנגע גלעזערנע נאָז. אינעווייניק איז פאַרנע, געשוואָלן־וואַרעם!.. מיין האַלז, ווי איר ווייסט, איז זייער אַ דעליקאַטער. אַ גליק אַ גרויס, וואָס איך בין נישט קיין אָפּערע־זינגער, און וואָס אַז איך פאַרקיל מיר די „שטימבענדער", פאַרקיל איך מיר נישט קיין 500 דאָלאַרן אַ נאַכט...

אָט דאָ־דאָ איז עס די אָבזערוואַציע, זעצט זיך צו, מיסטער ביז־נעסמאַן, פּליז!

שאַ, עפּשער דאַרפט איר שיקן עמיצן אַ טעלעגראַמע? אין די ווינקלען פון אַלע קאָרידאָרן שטעקן אין אַזוינע בריוועקעסטלעך די

טעלעגראַמע־בלאַנקן, שרייבט־אַן, זייט מויכל, וואָס איר ווילט, אַ נעגער וועט צונעמען, באַ דער ערשטער סטאַנציע אַראָפּלויפן און עס באַזאָרגן.

צי עפּשער דאַרפט איר... שאַ, וואָס קענט איר דאַרפן?

היססט. באַראַט זיך מיטן פּאָרטער. ער'ט אייך זאָגן אין יעדער שטאָט, וואו און ווען...

„דזשענטעלמענער האָבן ליב בלאָנדע"?

אַ גרויסע מעציע הייגט ב ל אָ נ ד !

מ'זאָגט (טאַקע דערזעלבער פּאָרטער זאָגט עס מיט מירמל־ ווייסע ציין), מ'זאָגט אַז אַ סאַך פון זיי האַלטן אונטערן קישן צווייערליי שייטלען — איינס אַ בלאָנדס, פאַר... אידן, דאָס אַנדערע אַ שוואַרצס, פאַר — די אַמעריקאַנער.

אין דער „אָבזערוואַציע" איז קיין געלעגערס נישטאָ. בלויז ווייכע גרין־פּלושינע קישעלעך. אַ שרייב־טישל מיט אַלע מאַטריקלאַסן צום שרייבן. עטלעכע זשורנאַלן איינגעבונדן אין לויזע לעדערטאָוולען: „לייף", „דזשאָדזש", „סאַטורדעי איווניגג פּאָסט", „ליטעראַרי דייד־זשעסט", גרינגע „ליטעראַטור", געפּוצטע, פעטע ליגנס מיט געשוואָלענע קעפּ...

איך מאַך אויף די גלאָז־באַשויבטע טיר צום גאַניקל פון דער „אָבזערוואַציע". איבערן קאָפּ ברענט אַ גרויס ליכט, הינטער אַ מעטאַלענעם שירם אויסגעוויסט אינעווייניק. באַ די מעשענע שטאַכעטן שטייען צוויי ברענעדיקע נאַפט־לאַמטערנס. צו יעדן פון זיי איז צוגעפעסטיקט אַ פאַרוויקלטע רויטן פאָן. — ווען די „געפאַר" וועט קומען, וועט מען אַ פאָך טוען, וועט זיך דעם „ביזנעסמענס ספּעשל" דערשרעקן, אָפּשטעלן.

עס שטייען דאָ „דאַמפּער־בענקלעך" ליידיקע. קיינער קוקט באַנאַכט אין דרויסן נישט ארויס. באַטאָג, ווען די זון שיינט, איז עפּעס אַנדערש. דעמאָלט נעמט מען בילדער, מען „קאָדאַקט", מען זויגט ס'ביסל זון, ווי אַ מאַראַנץ, מען פאַשעט־אָן די אויגן מיט לאַנדשאַפטן.

איצט איז נאַכט. אַ רעגן גיסט. אַ ווינט וויינט. אַ שטאָלענער לאָקאָמאָטיוו שרייט „מאַ־מע־ניו" — אַזוי גיך ווי ער דערזעט נאָר ערגעץ אַ סימן פון לעבן.

איך שטיי דאָ אויף צולאָכעס מיר אַליין, און „צום־וואָהל־אַמבעסטן" פון אַלע מיינע „ליטעראַרישע סאָנים", וואָס ווילן איך זאָל מיך פאַרקילן און שטאַרבן.

דער ווינט רייסט מיר דעם קאַפּעליש פונם קאָפּ, גלייך איך וואָלט אים עפּעס שולדיק געווען. ער וויינט מיר אַרויף טרערן אויף די באַקן.

זיי זענען אזוי קאַלט און פאַלש. די אויגן און די נאָז — יאָוואויל, איך האָב שוין לאַנג געטראַכט, אז ווען איך בין גאָט, וואָלט איך אַרומגעגאַנגען איבער דער וועלט מיט אַ ריזיקער נאָזפּאַטשיילע און אַלע מענטשנקינדער אויסגעווישט די אויגן, אָפּגעווישט די נעז.

אין אַ רעגע פון גרויסמוט בין איך געגאַנגען נאָך ווייטער און געטראַכט, אז ווען איך וואָלט געווען יעהאָווא, וואָלט איך מיר אָנגעטאָן אַ ווייס פאַרטוך, גענומען אין דער האַנט אַריין אַ קוישל מיט געבעקס, און אַרומגעגאַנגען און געטיילט אַלע מענטשנלייט פרישע פּאַרקעס מיט פּוטער און זיי געטרייסט און געזאָגט אז ס'וועט נאָך זיין אַלרייט, ס'עט נאָר זיין אַלרייט!

היינט באַנאַכט אַפן „דעטראָיטער" איז „גאָט" אַזאַ ערנסטער און אַ נאַסער.

אַז די פּיס ווערן מיר קאַלט, טראַכט איך: די צאָרע מיט „גאָט" איז, וואָס ער איז אַ דערוואַקסענער, אַן ערנסטער, אַן אַלטער. ווען ער זאָל זיין יונג, ווייס א י ך וואָס עס וואָלט געווען! דעמאָלט וואָלטן מיר זיך איינס ס'אַנדערע געשנעלט אין די נעז, זיך אָנגעבלאָזן די באַקן און געמאַכט איינס ס'אַנדערע מיט אַ פינגער איבער די ליפּן „פּוטיאַמבאַסם"!

:: :: ::

איך גיי קריק אַריין אינעווייניק.

דאָ זיצט איין מענטש אַליין. אַ ברילן־מענטש. אויגן שלאָפן הינטער גרויסע האָרן־ברילן. די פּיס זענען אַף אַ פּיס־קישעלע. דער בויך הויבט זיך און ווייזט די גאָלדענע קייט — אַהין און אַהער. אַ רענדל אַרויף, אַ רענדל אַראָפּ, וויפיל גיט איר?

איך באַטראַכט דעם שלאָפעדיקן. זיין געבלעזלעריי מיט די ליפּן, צוגעמאַכטע אויגן, וואָס קוקן דערך ברילן האָבן אין זיך עפּעס אַזוינס!

ער איזדרעבעט זיך, וויל געניצן. דערזעט מיך, זאָגט ער: „עקסקיוז מי, סיר!" די ברילן ווערן אָנגעפילט מיט אויגן נוסיקע, ברווינלעכע, געשמאַקע, זאַטע.

מען צערעדט זיך. ער איז אַ — ווינער. ער „רייזט אין די אינטערעסן פון אַזוינע גומיזאַכן, וואָס מי טאָר ניט דערמאָנען". זיין נאָמען איז — (איך וואָלט עס קיינמאָל ניט געגלויבט!) זיין נאָמען איז — פּפאָרצהיימער.

וואו מיינט איר, האָט ער געוואוינט אין ווין? אין מאַריאַהילף, ניט ווייט פון גערנגראַסס. אויב איר געדענקט!

— ..אַ שיינע שטאָט וויען. בעסער ווי אַמעריקע. אַמעריקע איז נישט קיין שטאָט. ניו יאָרק איז נישט אַמעריקע. אין ניו יאָרק שטאַרבט אים דער טאַטע, דער אַלטער פּפאָרצהיימער, שוין זייט די לעצטע 8 כאַדאָשים. צוקער. ליגט אין בעט און הערט נישט אויף צו שטאַרבן. סי נעמט קיין סאָף און קיין עק נישט. צוקער. — הערנזי איר האָט שוין געהערט דעם וויץ?

מיסטער פּפּ — ווערט גרינג, פאַרגעסט, אַז דער טאַטע שטאַרבט אים, דערציילט מיר וויצן וועגן דער צייט, ווען ער איז געווען אין באָסניאַ — אין באָסניאַנסקי גראַדישקאַ. „איז געקומען אַ פרעמדער אינם גרויסן האָטעל אריין. האָט עפּעס געוואָלט און קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס. אַן אַמעריקאַנער, האַפּאָנים, לויט דער שפּראַך וואָס ער קייט־און־שפּייט. קומט צעלויפן דעם האָטעליערס טעכטערל צו מיר: הער פּפּ.! הער פּפּ.! „וואָס איז?“ „קומט גיכער — איר קאָנט דאָך ענגליש?“ „איך קען אביסל“... איך קום צוגיין, זע איך אַ לאַנגן דראָנזשיק מיט אַמעריקאַנער ברילן. בייזערט זיך — גאָדעמיואָל. ראַטען סוויין. זאָג איך: וואָס איז? זאָגט ער — סעי, ווהער איז יור טאָילעט — כאַכאַ! געקומען פון אַמעריקע קיין באָסניאַנסקי גראַדישקאַ — — —

דורך די ברייטע „אָבזערוואַציע“־פענצטער זע איך ווי דער „דעטראָיטער“ שפּייט די רעלסן און וואַרפט זיי דער נאַכט אין פּאָנים אַריין.

— פאָרדס פאַבריק האָט איר ווען באַזוכט, הער פּפאָרצהיימער?

— ניין. דעם וויץ האָט איר שוין געהערט? אַן אַנטיסעמיט האָט געקויפט אַ פּאַפּוגיי און זי אויסגעלערנט זאָגן „שמוציקער איד, שמוציקער איד“. איינמאָל קומט צו אים אַריין אַ אידישער שאָכן. צעשרייט זיך דער פויגל: „שמוציקער איד, שמוציקער איד!“ בלייבט דער איד שטיין און מאַכט: מיט אַ ז אַ נאָז דאַרף מען האָבן אַ האָזע צו זאָגן „שמוציקער איד“ — כאַ־כאַ...

...און דעם וויץ וועגן דעם אידן מיט דעם איירישמאַן האָט איר שוין געהערט?

איך האָב געזאָגט, אַז איך האָב שוין געהערט און מיך געלאָזט גיין קריק צו מיין שלאָף־פּלאַץ.

דער „רייזנדער אין גומי־אַרטיקלען“ איז נעבעך געבליבן אַליין אין גרויסן וואַגאָן, — אַליין מיט זיינע עטלעכע שימלדיקע וויצן, און מיט דעם געדאַנק וועגן זיין פאָטער, דעם אַלטן פּפאָרצהיימער, וואָס שטאַרבט און שטאַרבט און קען גאָרנישט פאַרטיק ווערן.

2

דעטראָיט

א פלאַכע שטאָט — פלאַכגעלייגט, נישט דורך געבוירענער פלאַכ־קייט, נאָר דורך אויסשטודירטער.

די וועלט־געשיכטע איז זיך מאַטריך און דערציילט (מיט א האַלב מויל!) אַז אין יאָר 1796 איז, לויט דעם באַקאַנטן „דזשעי“־אָפּמאַך צווישן בריטאַניע און יו־עס, די שטאָט דעטראָיט אָפּגעגעבן געוואָרן צו די יוניאָניסטן.

מיט וועלכע 90 יאָר פריער האָט ניי־פראַנקרייך זיך געהאַט א רוק געטאָן דורך מאָנטרעאָל. דער פראַנצויזישער גענעראַל קעדילאַק איז געשיקט געוואָרן פון דער פראַנצויזישער מעלוכע צו גרונט־פעסטיקן א פעסטונג באַ די ברעגן פון קאַלעמוטנעם דעטראָיט־ריווער. עס איז געווען זייער געניייטיק צו באַשיצן דעם פוטערוואַרג־האַנדל קעגן די בריטישערס. דער נעמלעכער מסיו אַזוי־און־אַזוי־און־אַזוי דע־לאַ קעדילאַק (זיין נאָמען פאַרנעמט עפשער א האַלבע מייל!) האָט אויפגעבויעט די „פעסטונג פאָנשאַרטר“, אַף דעם אָרט וואו דער דעטראָיטער וואַסערברעג איז. מיט דער צייט איז דער נאָמען געביטן געוואָרן אַף דעטראָיט (דעטרואַ), וואָס איז אומגעפער דער טייטש: די שטאָט „פון די יאַם־אויסגוסן“.

מיט די אינדיאַנער האָט דער לאַנגנאָמענדיקער מסיו קעדילאַק אין אָנהויב געלעבט בעשאָלעם. ער האָט זיי — ווי די טעווע איז געווען פון די ווייס־הויטיקע — געגעבן טשערעפּלעך, גלאָז־פּאַטשערקעס און זיי האָבן אים געגעבן טייערע פוטערוואַרגן.

דאָס איז אָבער נישט אָפּגעגאַנגען אַזוי גרינג, ווי מסיו קאַדילאַק האָט געמיינט. פון 1755 ביז 1760 זענען די באַנאַזלטע אינדיאַנער געווען אַף מעסער־שטעך, סיי מיט די פראַנצויזן סיי מיט די ענג־לענדער, וואָס האָבן אָנגעפירט א רויב־מעמשאָלע, דורך זייער גענעראַל ברעדדאַק און די אינדיאַנער האָבן ברעדדאַקן „אַנידערגעלייגט“, לעבן דער שטאָט פיטסבורג.

אין 1749 האָט נאָך דעטראָיט געהאַט א רעגאַטקע, וואָס איז געשטאַנען אַף דעם אָרט, וואָס עס שיידן זיך היינט די וועגן צווישן בירמינגהאַם און פּאָנטיאַק. עס האָט געקאָסט 5 סענט דורכצוגיין די „שראַנק“. אַף איטלעכע פינף מייל איז געווען א שלאָג־בוים, און

געקאָסט האָט די מעציע אומעטום פאר „א פּאָר פערד מיט מענטשן" נישט מער און נישט ווייניקער ווי פינף סענט. אז מ'האָט אייך געכאַפּט „שמאָגלען די רעגאַטקע" האָט דאָס אייך געקאָסט אַזוי גרויס ווי 25 דאָלאַרן, אָדער אַ שיינע פּאָר טעג אין „קערקער".

ווי לאַנג אידן וואוינען שוין אין דעטראָיט איז שווער צו זאָגן. מ'איז זיך אָבער מעשאַער, אַז אַ שיינע פּאָר יאָר. וואָרין פאַרוואָס זאָלן אידן נישט האָבן אַריבערגעכאַפּט זיך אין דעטראָיט, לאָמיר זאָגן, אין דער צייט ווען אַלע זענען געלאָפן צו מייריוו־צו, גראָבן גאָלד אין קאַליפאָרניע? צי־זשע איז געמאָלט, אַז אידן זאָלן, לעבאָל האַפּאָכעס, נישט האָבן נאָכגעלאָפן די גאָלד־זוכערס?

היינט איז דעטראָיט אַ שטאָט ווי אַלע אַמעריקאַנישע שטעט. אַף „מעין סטריט" זענען די בענק, די גרויסע קירכעס. טעמפּלען, רעס־טאָראַנען, טעאַטערס. אין די פענצטער פון די בענק זעט מען עלעקטרי־שע שווינדל־שילדלעך מיט פּסוקים פון טאַנאַך, וואו עס באַווייזט זיך, אַז דער בעסטער פּאַספּאָרט צום הימל איז אַ... באַנקביכל! אין די קירכעס קלינגען גלעקער מיט ליידיקע מיילער. זיי האָבן גאָרנישט וואָס צו זאָגן. אַ כויז דאָס וואָרט „ביז־נעס, ביזנעס", אָבער דאָס וואָרט „ביזנעס" האָט בלויז 1 נון, און אַ גלאָק האָט ליב אַ סאַך נונען אַף אַמאָל.

יאָ, דעטראָיט איז אַ שטאָט ווי אַלע שטעט: אַפּאַרטמענט־הייזער מיט „קעלווינאַטאָרס" (פריר־קאַסטנס), מענטשן מיט אויסגעשניטענע „מאַנדלען" און אָן „בלינדע קישקעס". דעטראָיט שטייט נישט אָפּ פון אַנדערע שטעט. זי איז פּראָגרעסיוו. אירע „קיוואַניס" און „ראָ־טאַרים", אירע „האַנדלס־קאַמערן" טרייבן דעם שטאָטישן האַנדל, ווי פאַרעס באַלעגאָלעס האָבן געטריבן די רייטוועגן. די רעדער פון מיס־כער דרייען זיך שנעל ווי שיידים. אונטער זייער וואָג קנאַקן ביינער מענטשלעכע.

צו די קנאַפּע 300 טויזנט אַרבעטער, וואָס געפינען זיך אין דעטראָיט טוליען זיך אַ 70 טויזנט... פּלישטים. דער שוויים פון די פּאָרד־ און קעדילאַק־אַרבעטער איז דער גוטער קאָניאַק פון די... ביז־נעסלייט. די האַרטע נויט פון די פּראַצעוווניקעס איז דער אָנשפּאַר־זייל פון זייערע פינאַנסן...

דעטראָיטער בולוואַרן זענען לאַנג און ליכטיק. באַבוימט און באַ־גראָזט. גיט איר זיך נאָך אַ קערעווע א יי ן גאַס אַראָפּ פונם בול־וואַר געניצן שוין גאַסן מיט דולער נויט... לויפן שוין פאַרשמירטע קינ־דער אַרום די רעדער פון אייער אַטאָמאָביל, גרעפּצן שוין געוועלבלעך מיט רייכעס פון פוילער שפּייז.

„אין דעטראָיט“, זאָגט מיר א דעטראָיטער אינזשעניר, „זענען די מענטשן פריינטלעכער ווי אין ניו יאָרק. דאָס לעבן איז דאָ באַק־וועמער, די פּאַרנאָסע גרינגער“.

נו יאָ. אָף „שיקאַגאָער בולוואַר“ זענען טאַקע די מענטשן טאָמער העפלעך, און גוט געשטימט. זייער פּאַרנאָסע איז אָן סאָפעק א גרינגע...

„די סטאַטיסטיק“ — זאָגט מיין פריינט דער אינזשעניר — „באַ־ווייזט טאַקע“...

געבענטשט זאָל זיין די סטאַטיסטיק, זי קען אַלצדינג באַווייזן. זי דאַרף נאָר דאַצו האָבן צייט און... געלט.

וויפיל געלט האָט איר, און וואָס ווילט איר באַווייזן? מעלדט זיך אין אונזער סטאַטיסטישן באַווייז־אָפיס, רעכטס, פּליז!

אָך, האָט דאָס דעטראָיט אביסל א וואַקס געטאָן — די לעצטע פּאַר יאָר! אויסגעשפּרייט זיך ביז בעל־איילאַנד, געהויבן זיך אין דער הויך, דאָרט וואו עס איז געווען פאַרשטעלט דער אינדערברייט. די וואונדערלעכע „פישער־געביידע“ אויפגעשטעלט, וואָס באַנאַכט איז זי פון 5טן ביזן לעצטן שטאָק אין ליכט דערטרונקען... שווימט פון דער פינצטערניש אַרויס אין דער פאַנטאַסטישער ליכטיקייט אַריין! אינעווייניק זענען די ווענט מיט גאָלד־בלעטער געדעקט, טייערסטע מאָזאַיק, אין מיזרעך־סטיל. אַלע אַרקעס, ווענט־פאַלבן און סופיטן מיט דער האַנט באַמאָלן!

און פון דער אַנדערער זייט: אָרעמע שמאָלע גאַסן, מיט פאַר־טשאַדעטע האָריזאָנטן. גראָז און בוימער וואַקסן דאָ קרום. זיי דאַרבן גיך. נאָר פאַר יעדן פּאַרוואַנעטן שטיקל גראָז קומט־צו א מענטש: „פאַרנאָסע זוכן“. ברווט! ברווט! דאָס ביטערע געשריי פון מענטשן, אָף דעם בלוטיקן שלאַכט־פּלאַץ וואָס הייסט „וועלט“.

יעדע גרויסע שטאָט האָט געוויינטלעך א וויץ אָפן כעשבן פון איר נאָמען. אין לעמבערג איז דער הימל פאַרשטעקט מיט שמאַטעס. אין בערלין רעגנט מיט ביר. כאַרקאָוו האָט א שטאַבילן וויץ וועגן איר טייך ניעטעטשין (אָנשטאָט ט ע ט ש י ן). פילאַדעלפיע האָט א טרייפענעם וויץ וועגן דער ווייבלעכער קוואַליטעט פון איר „ליבערטיגלאָק“. ניו יאָרק האָט דערוויי̈ל קיין שטענדיקן וויץ נישט — א כויץ עפשער, אז מען זאָל רעכענען אונזער „בירגערמייסטער“ דזשימי וואָקער פאַר דעם געלונגענסטן וויץ פון אונזער צייט...

דעטראָיטס צייט־וויץ (און עפשער איז דאָס אַ עמעסער אַנעק־דאָט) גייט אַזוי:

פאָרן דריי מענטשן אין א פאָרד־קאַר. איינער איז הענרי פאָרד, דער צווייטער דזשאָן די. ראָקפעלער, דער דריטער — קאַלווין קולידזש.

קומט־מען־צו צו א „פארד־סטאנציע" פארריכטן עפעס. פארטיק געווארן מיט זיין ארבעט, רופט זיך אן דער מאן פון גאראזש: דאס וועט אייך קאסטן קאך־וואך.

פארוואס אזוי טייער? — וויל וויסן דער שאפער.

מאכט דער גאראזש־מאן: — פרעגט נישט בא מיר, פרעגט בא פארדן, ער העכערט אלע וואך די פרייזן!

רוקט פארד ארויס דעם קאפ:

— ווער, איך? איך העכער אלע וואך די פרייזן?

— נישט איר, נאר הענרי פארד!

— איך בין הענרי פארד.

— טאקע? — זאגט רואיק דער גאראזש־מאן — וויפיל גאז ווילט איר?

— גיסט־אן פול!

— שוין אנגעגאסן. א דאלאר מיט צוואנציק סענט, פליז.

— פארוואס אזוי טייער?

— וואס פרעגט איר בא מיר? פרעגט ביין דזשאן ראקפעלערן. ער וויל פארזשעברען די וועלט!

רוקט זיך ארויס ראקפעלערס פליכעוואטער קאפ:

— ווער, איך וויל פארזשעברען די וועלט?

— נישט איר, נאר דזשאן ראקפעלער, — האב איך געזאגט!

— טאקע? — מאכט דער גאראזש־מאן קאלטבלוטיק און ציילט די מאטבייעס, וואס מ'האט אים דערלאנגט — איר זענט דאס אליין דער דזשאן ד. ראקפעלער?

— איך אליין.

דער גאראזש־מאן פארטראכט זיך א ווייליע. שטעלט זיך אוועק מיט א פוס אפן טראטוארעט, קוקט אריין דער־כן פענצטער און גיט א מאך, מאינסע־כוויזעק:

— און ווער איז אט־די־א מאלפע? מיסטאם פרעזידענט קו־לידזש?!

דער גאראזש־מאן האט זיך צעלאכט אף אזא קאל, אז גאנץ דעט־ראיט לאכט־מיט־אים־מיט זינט די לעצטע 4 כאדאשים.

:: :: ::

דעטראיט איז א „פליסיקע שטאט". איינער האט דאס מיר גע־זאגט נאך בעסער: עס איז א גומענע שטאט. זי ציט־זיך־איין און ציט־זיך־אויס. לויט די ארבעט־באדערפענישן פון דער אטאמביל־אינ־דוסטריע.

פלאך און רויכיק איז „די שטאט פון די יאם־גוסן". א שוועס־טער־שטאט צו פיטסבורג. יענע טראגט אויך אזוינע רויכיקע שטעק־נאדלען אין איר היטעלע, וואס איז געצירט מיט גאלד און בלוט! נאר יענע האט, פראוודע, אויך בערג, וואוהין די מיליאנערישע זין און טעכטער קענען זיך ראטעווען פון דער פינצטערניש פון די קוימענס.

דערטראַיט האט שיינע גאסן, שיין־געבויטע אינסטיטוטן, רייכע וואוין־הייזער, אין אלערליי פרעמדע סטילן. באגאניקט און באגארטנט. בלומען פיעסטשען זיך אין די פענצטער, הינטער די קרעם־גרעלע, זייד־דענע האנגען.

אף „לאסאל" און „שיקאגא" און די אנדערע „גראן־בולווארן" זענען בוימער זעלנעריש צעשטעלט, בעזימדיק־פארכטיק, מיט די בעזים־זייטן ארויף. פארנאכט. פארסט לאנג דורך אזוינע לאנגע בול־ווארן, פארנאכטיקע, וואו לאמטערן־אוירינגלעך פינטלען שטיל ערגעץ אין די טומאנישע שטאפן. די בעזים־וואך לויפט דיר נאך מיט דער־זעלבער גיבקייט ווי דיין אטאמאביל. זיי זאגן גארנישט אט־די־א וויינטיקע בעזימער פון דעטראַיט. זיי זענען נאר שטאלץ בא זיך — כמורנע, דערעסן־שטאלץ, און שטייף — ווי ענגלישע „באטלערס" (טיר־לאקייען) אדער אלט־דייטשע גרענאדירן.

מיר האבן אייך שוין געזאגט: אז איר נייגט־אפ בלויז איין גאס פונם בולוואר, פאלט איר אריין אין דעטראַיטס געדיכטער ארעמ־קייט און נויט. אלערליי ארעמקייטן, אלערליי נויטן, צעטיילט לויט נאציעס. אידישע ארעמקייט — מיט ציבעלע־קנישעס, פוילישע ארעמ־קייט מיט „שאדלע־מליעקא", פראנצויזישע — מיט פייער „סאזע". אי־טאליענישע — מיט ביטערן קיאנטי־וויין.

אפן וועג צו „בעל־אייל" איז א ריזיקער פאנטאן, וואס זומער אר־בעט ער מאינסים. ער וויל נישט אנדערש ווי ווערן א ניאגארא וואסער־פאל! ער ארבעט מיט דער גאל (דער נארישער אויטאמאט־גווילעם!) אריבערצושטייגן דעם עמעסן ניאגארא. עס גייט אים אין לעבן, דעם בעהיימעניק! (איצט שלאפט ער שטיל, אנגעטאן אין הילצערנע פי־זשאמעס).

און ווער מיינט איר האט דא צום לעבן געבראכט, אט־דעם ריזיקן שפריץ־בעכער? דאפקע א „בוטלעגער", א מאשקע־שמוגלער, וואס איז מעשוגע־רייך געווארן פון דעם ביטערן טראפן. דאפקע ער, וואס האט קיינמאל קיין מויל וואסער נישט פארזוכט, האט זיך געלאזט אויסשפריצן זיין אומשטערבליכקייט פון... וואסער!

„דאס איז אבסאלוט דער גרעסטער „שפריצער" אין דער וועלט.

א מיליאָן דאָלאר קאָסט ער!" אזוי זאָגט מיר יעדער. מ'וויל אַף מיר אַן איינדרוק מאַכן. איך זאָל נישט פארגעסן: דער גרעסטער.

„מיר האָבן דאָ אויך", זאָגט מיר אַן אנדער דעטראָיטער טווישעוו, „מיר האָבן אויך אַ צירק פון פליי. האָבן מיר צישן זיי איין פלוי, איז זי די גרעסטע אין דער וועלט. אבסאָלוט די גרעסטע. זי קאָסט אַ פארמעגן. זי איז פארסטראַכירט אַף צוואַנציק טויזנט דאָלאר! אויב זי וועט שטאַרבן פאַר 1929 באַקומט איר באַלעבאָס 2 טויזנט דאָלאר!"

אָרעמקייט גרויסט זיך מיט — פרעמדער גרויסקייט. „מיר האָבן די גרעסטע קאַנאָנעס. אונזער סאַם־גאַז איז דער גיפטיקסטער. אונזערע „דרעדנאַטס" קענען — — —

— און דו אַליין, דו אינדוסטריעלער שקלאַף?

— איך אַליין? איך בין נישט קיין שקלאַף? ס'איז עמעס. דערווייל שקלאַף איך אַביסל אונטער! נאָר עס איז גאָרנישט. פאָרד אַליין האָט אויך אַמאָל געשקלאַפט פאַר יענעם, ביז ער האָט זיך ארויפגעאַרבעט. „לוק עט הים נאַו". („גיט אַף אים אַ קוק איצט!" הייסט דאָס).

ער ענדיקט:

„פאָרדס פאַבריק איז די גרעסטע פאַבריק אין דער וועלט — ווייסט איר דאָס? באַ אים אין „ריווער רוזש" ווערן אין איין יאָר צעקאַליעטשעט און געהאַרגעט מער מענטשן, ווי אַן אנדער פאַבריק האָט אינגאַנצן. ווייסט איר דאָס? איט'ס ביג! גרויס! זייער גרויס!

:: :: ::

מיר האָבן זיך איצט קאַטאַיעט דורך הענרי פאָרדס „בעל־איילאַנד", אַ שטיק זומפּיק וואַסער, וואָס פאָרד האָט אָפּגעקויפט באַ קאַנאַדע, עס אָנגעשאָטן מיט ערד, צוגעשטיקעוועט צו אונזער „אַמעריקע", עס זאָל זיין גרעסער... גרעסער.

עמעס, פאָרד אַליין זאָגט, אַז אונזער לאַנד איז גרויס גענוג. אָבער ס'איז נישט גענוג „גרויס־גענוג". האָט הענרי טאַקע צוגעשטוקעוועט נאָך אַ שטיקל פון קאַנאַדע...

גאַנץ דעטראָיט איז — פאָרד.

אַף פאָרדס „בעל־איילאַנד" שטייען בלעכענע אויוועלעך. פאָרדס אויפּטו. אין די זומער־זונטיקס קומען אהין אָרעמעלייט, קאָכן זיך אַליין עסן, קייען לופט פון צוויי מעדינעס (אַמעריקע און קאַנאַדע), שעפּן זיך אָן מיט קויעך, צו קענען מאָנטיק קריכן ארבעטן אין פאָרדס געהעניעמס...

װענט איר עפּשער אַ באַלן אָנקוקן פֿאָרדס שפּיטאָל? זײַט־זשע מוחל. אָט איז דאָס! אַ גרױסע געבײַדע (עפּשער די גרעסטע אין...) דאָ אַרבעטן די גרעסטעסטע כירורגן פֿון אַמעריקע. דאָ שנײַדט מען אױס די גרעסטעסטע בױך־געשװירן אין דער װעלט. מענטשן שטאַרבן דאָ פֿון די גרעסטע קאַנסערס, װאָס מען קען זיך נאָר פֿאָרשטעלן!

אין פֿאָרדס שפּיטאָל כירורגירט מען די אַרבעטער אָפּ... אױס־צאָלן! אַז איר אַרבעט בײַ פֿאָרדן און אַ מאַשין צעקאַליעטשעט אײַך אַ האַנט, אָדער אַ פֿוס, נעמט מען אײַך אַװעק אין פֿאָרדס שפּיטאָל אַרײַן. „דער גרעסטער כירורג" כאַפּט אײַך אַראָפּ די האַנט, אָדער דעם פֿוס, הײלט אײַך אױס (מער־װײניקער), לאָזט אײַך אַרױס אָפּ... אַ קאַליע, אָדער מיט אַ לײדיקן אַרבל. פֿאָרד, דער גרױסער באַל־ראַכ־מאָנעס, נעמט אײַך קריק צו דער אַרבעט. פֿון יעדער װאָך סכירעס נעמט מען בײַ אײַך אַראָפּ אַ היבשן פּראָצענט פֿאַר דער אָפּעראַציע. און אַז איר האָט שױן אױסגעצאָלט דעם גאַנצן כױװ, שיקט מען אײַך סאָף־װאָך רופֿן אין אָפֿיס אַרײַן, מען דערלאַנגט אײַך אײַער „קאָנװער־טעל מיט געלט", אינם זעלבן קאָנװערטל געפֿינט איר אױך אַ צעטעלע געדרוקט אױף שײנעם בלאָען פּאַפּיר: „מען באַדױערט זײער װאָס ס'איז פֿאַר אײַך מער קײן אַרבעט נישטאָ. עפּשער װען־עס־איז שפּע־טער. איר דאַרפֿט נישט קומען אַלײן. מ'װעט אײַך מעלדן דורך אַ בריװ".

אונטערגעשריבן: „הענרי פֿאָרדס עמפּלאָימענט־אָפֿיס".

:: :: ::

אַ פֿאָרדישן „זונזעצנזיך" האָט איר שױן געזען? נײן? איר זאָלט אַזױ זײַן געזונט, װי איר מוזט זיך אָנטאָן דאָס פֿאַרגעניגן און אומיסנע זען װי אַזױ פֿאָרדס זון גײט אונטער אין דעטראָיט! זי פֿלאַמט און ברענט װי אַ יונגע צערײצטע אַלמאָנע נעבעך. דער שװאַר־צער רױך־שלײער פּאַסט איר צום פּאָנים. װאָס זאָל איך אײַך זאָגן. קינדער? איר מוזט פֿאָרן זען באַשײנפּערלעך װי רױט פֿאָרדס זון גײט אונטער... און װי רױט עס װערן די ראַנדן פֿון דער שטאָט דעט־ראָיט! אַנדערע שטעט האָבן אַ טעװע, אַז זײ העלפֿן דער זון אונטער־גײן דורכבדעס, װאָס זײ שיסן־אױס מיט אַ קאַנאָן; אַז די זון הערט אַז מ'שיסט, דערשרעקט זי זיך און — קנאַק! זי פֿאַלט אַראָפּ, װי אין דרערד אַרײַן. ביז מאָרגן אינדערפֿרי, װען יעהאָװאַ מיט אַלע זײַנע 17 געהילף־געטער מינטערן זי אױביסל אָפּ און שטופּן זי װידער אַרױס אױפֿן הימל.

דאָ־הי אין דעטראָיט זעצט זיך פֿאָרדס זון שטיל — זײער שטיל. קױם קױם װאָס מען קאָן הערן װי זי זעצט זיך!

בעיים מיין אויפהאַלטן זיך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד פלעגן מיך אַרבעטער באַלעגערן מיט פראַגעס, צי איך האָב געזען פאָרדס פאַבריקן? אַז איך האָב געזאָגט, אַז ניין, האָט מען מיך אָנגעקוקט ווי אַ מענטש אַ פאַרעלטערטן, אַן אָפּגעשטאַנענעם.

וואָדען. וואָס הייסט? ווי אַזוי קען מען זיין אין אַמעריקע און נישט זיין קיין באַלן צו זען דאָס וויכטיקסטע וואָס אַמעריקע פאַרמאָגט — פאָרדיזאַציע?

אָף טויזנט אויפאַנים איז די וועלט אומעטום מעגאַזעם גוזמאָעס. פאָרד איז אַ גוזמע. דעריבער לייגט־יעדער־צו צו זיין פיל־נוליקייט נאָך אַ נול, ביז ער ווערט... אַ לעגענדע פון דעם באַראָן מינכהויזענס מאַינסעלעך אַרויס.

צישן די פראַגן, וואָס אַרבעטער האָבן מיר געשטעלט אין קיעוו, געדענק איך:

„איז דאָס עמעס, אַז יעדער פאָרד־אַרבעטער האָט אַן אייגענעם אָטאָמאָביל, אַן אייגן הויז, און אַז ער גייט עטלעכע מאָל אַ וואָך אין דער אָפּערע?“

„איז דאָס ריכטיק, אַז פאָרד באַצאָלט זיינע אַרבעטער די העכסטע געהאַלטן?

„איז עס עמעס, אַז אין די פאָרד־פאַבריקן זיינען דאָ שולעס, וואו די אַרבעטער קענען לערנען פאַכן, פראָפעסיעס, וויסנשאַפטן?“

:: :: ::

„דער מעשוגענער הענרי“ האָט מען גערופן פאָרדן, איידער ער איז געוואָרן דער גרויסער „קאָפּ־מענטש“. אַ צעדרייטער מויעך, אָנגעשטאָפּט מיט אָפּשניצלעך פון געדאַנקען, קיינער פון זיי נישט אָריגינעל, קיינער פון זיי נישט דערטראַכט אין אַ ווינקל אריין — אַ כוץ דעם עכט־אַמעריקאַנישן לאָזונג: „פּריוו, עפּשער וועט דיר געלינגען“.

צום רייסטער פון פאָרדס גרויסע אויפטועך, שרייבט מען היינט צו זיין דערפינדערשקייט בענויגייע מאַסנפּראָדוקציע.

אָבער אויך דאָס איז אַ גוזמע. הענרי האָט בלויז דערפונדן — דערפינדער. ער האָט בלויז אַנטדעקט — אַנטדעקער.

ד א פ ק ע דאַפאַר, ווייל ער איז קיין ע מ ע ס ע ר מ ע ־ כ א נ י ק נישט געווען, נאָר אַ פאַרטאַטש, האָט אים — ד א פ ק ע א י ם, דעם מעשוגענעם הענרי — געקענט איינפאַלן צו מאַכן אַן אווטאָמאָביל, וואָס זאָל מעכאַניש זיין אָף אַזוי פיל נידעריקער, ווי אַלע אווטאָמאָבילן פון זיין צייט.

און עס האָט אים אָפּגעגליקט!

א ליטישן באלמלאכע וואלט דאס הארץ נים דערלאזט צו באשאפן אזא מאשין, ער וואלט זיך געשעמט דאמיט.

א קלוגער מענטש, וואלט געמוזט פריער אויסרעכענען, אז א „בלעכן קענדל, וואס מ׳שפייט אין דעם אריין און ס׳גייט“, וועט פארכוויזעקט ווערן צום טויט.

מיט העגרים „פארד“ האט געטראפן דאסזעלבע, וואס מיט דער נארישער פיעסע: „אייבים אייריש ראוז“ — די פיעסע איז אזוי לאנג אפגעלאכט און געזידלט געווארן פון אלע קריטיקער ביז זי איז געווארן שרעקלעך פאפולער. זי גייט נאך ביז היינט.

„העגרי“, „בלעכן קענדל“ „בלעכענע ליזי“, „קען־א־פארד“ און אנדערע כאכמעדיקע טיטולן האבן זיך א גאס געטוען אף דער בענטשונג פון דעם „מעשוגענעם העגרים הענט“, אזוי גיך ווי זיין פראדוקט איז ארויס אפן מארק. און — ער איז געווארן פאפולער, ער האט מאצליאך געווען.

דער בושע־צייכן איז געווארן א רעקלאם־צייכן, א פאטענט־ווארט!

און אז העגרי איז געווארן... פארד, און אז דער ערשטער מיליאן האט א פינקל געטוען פאר זיינע קליינע אייגעלעך, האבן זיך געפונען עקספערטן, וואס האבן זיך (פאר געלט) אנגעבאטן צו זיין פארדס מויעך, פארדס פאנטאזיע.

אט־אזוי האט בא אים אין קאפ געארבעט, אנשטאט געדאנקען, — מענטשן.

דאס „בלעכענע קענדל“ איז שוין היינט קיין בושע נישט.

איבער דער גאנצער וועלט קלינגט דאס, ווי די לעגענדע פון אמעריקעס אלכעמיע — די אלכעמיע וואס מאכט פון בלעך גאלד!

:: :: ::

אז דער מעשוגענער העגרי האט מאצליאך געווען, האט זיך קויעך־האדימיאן די הינערשע פליגל צעשפרייט. געוואלט פליען, אנגעמאכט א שטיקל ווינט, געשיט זאמד אין די אויגן אריין. געערדט מיט רעקארד־ציפערן. געמישט זיך אין גרוים־פאליטיק. זיך א נעם געטאן צו די אידן, געשיקט א פרידן־שיף...

ווי צעזארם נאמען, האט פארדס נאמען אנגעהויבן טריפן מיט בלוט!

וו עמעם אמעריקע? העגרי דזשיימס? דעבסעס? אינגערסאלס? אפטאן סינקלערס? וויטמאנס? ניין, העגרי פארדס! אל דזשאלסאנס! וואלוואוירטס!

אזוי זאגט מען טאקע אין אויסלאנד — מיט קינע:

„מיר אייראָפּייער האַלטן די אויגן אויפן אייגענעם נאָפּל. אַמעריקע האַלט די אויגן צו די שפּיצן פון די טורעמס!“

דער אידעאַל: וואָלוואָוירטס 5־און־10 סענט געשעפט, פאָרדס אָטאָמאָביל.

גיך מאַכן, גיך פאַרדאַרבן!

אַ רעגנמאַנטל פון געאוילטן פּאַפּיר — נאָכן רעגן וואַרפסטו אים אַוועק! עס־געשיר פון... ביסקוויטן. אויפגעגעסן איינענעם מיט דער וועטשערע. פייער? — אין קעשענע אַ באַטעריי, דערוואַרעמט די פיס. גענוג!

דער גוטער באַלמעלאָכע האָט אַ זין פאַר ווערטן. ער וועט שווער און פּאַוואָלי בויען, אָבער נאָך שווערער צעשטערן. באַם פאַרטאַטש איז דאָס בויען אַ קלייניקייט, און דאָס צעשטערן — אויך גאָרנישט. דאָ גייען נישט קיין לעבעדיקע נעשאָמעס צו גרונט!

פאַר אייראָפּע איז אַמעריקע אַן אידייע. אַמעריקאַניזאַציע, איז ניט נאָכמאַכן דער פּאַקטישער אַמעריקע, **נאָר דאָס וואָס די וועלט וויל אַז אַמעריקע זאָל זיין.**

פאָרדיזאַציע (אין סאָוועטנפאַרבאַנד) איז נישט דאָס קאָפּירן פון פאָרדס געהעניטמעשן פאַבריק־סיסטעם, נאָר דאָס, וואָס פאָרדס פאַבריקן וואָלטן געקענט זיין אונטער דער מאַכט פון די סאָוועטן!

איז איינער אַ דערפינדער פון אַ גרויסער זאַך, וועט ער אין דער „אַלטער וועלט“ גיכער געפינען אַ באַלן אויף זיין דערפינדונג, ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

אַ דערפינדער אָבער פון אַ מאַשינדל צו שיילן און שניצן קאַרטאָפּליעס אין אַלערליי פאָרמען — דער וועט דאָ באַגליקט ווערן...

אַ געלערנטער מעכאַניקער האָט מיר דערקלערט:

עס זענען פאַראַן צווייערליי סאָרטן מעכאַניזירונגען:

1) דער מעטאָד פון דער „וועסטינגהאַוז קאָ.“, וואָס וויל מאַכן פון דער מאַשין אַ מענטש. געבן איר אַלע טויזנטער ריר־מעגלעכקייטן פון אַ לעבעדיק וועזן.

2) דער פאָרד־מעטאָד: צעוואַרפן יעדע אַרבעט פון מענטשלעכע הענט אויף טויזנט קליינע ברעקלעך — יעדער פאַר זיך גוילעמוואַטע, טעמפּ, לאַנגווייליק, ביז מעשוגאַאַס.

קומט, וועלן מיר זיך אַביסל דורכגיין דורך די פאַבריק־טיילן פון פאָרדס נייעסטן פּלענט, וואָס הייסט „ריווער רוזש“, און מיר וועלן

זעען מיט די אייגענע אויגן דעם פיל־רעקלאמירטן „גאניידן", וואו ארום 125 טויזנט מענטשן פרעגלען זיך אין פייערן 8 שאָ א טאָג — א סאך פון זיי: 7 טעג א וואָך, אנגעטריבן פון א מאַלעך־כאבאָלע, וואָס הייסט „בעלט" — א באוועגלעכער פּאַס, וואָס דער־לאַנגט אייך אַלצדינג פון דער האַנט: די שטיקלעך אייזן, די שאָען, די יאָרן — דאָס לעבן...

אָה, ער האָט דאָס קלוג געמאַכט, דער „מעשוגענער העגרי": א מאַשינאָווע בייטש טרייבט, יאָגט דאָס לעבן ארוים און ס'איז נישטאָ וועמען פיינט צו האָבן, וועמען אין מאָרדע צו דערלאַנגען...

3

איצט ווייס איך שוין ווי אזוי דער גנהענעם זעט אויס.

פאָרדס „ריווער-רוזש" האָט מיר א סאך קלערער ווי דאַנטעס „אינפערנאָ" אָפּגעמאָלט די שרעקן פון יענעם מאָקעם. די פּיין וואָס מען פייניקט מיט איר מענטשן, און זיי טאָרן אפילע די ליפּן נישט עפענען. —

נאָך אין סאַמע שטאָט זעט איר טראַמען מיט אויפשריפטן: „פאָרדס וואָירקס", „פאָרדס היילאַנד פּאַרק", „פאָרדסאָן", „ריווער־רוזש". — טראַמען שלעפּן שלעפּעריקע ארבעטער פון און צו די פאַב־ריקן („ריווער־רוזש" און „פאָרדסאָן" —ביידע זענען ווייט הינטער דער שטאָט).

די לעגענדע, אז יעדער פאָרד־ארבעטער האָט אן אייגענעם אָטאָ־מאָביל איז — אָט זעט איר דאָך! מיט וועמען זענען די טראַמווייען פול? מיט „ביזנעסלייט", מיליאָנערן?

מיר פאָרן-אָפּ אָף אן אָטאָמאָביל באַ א האַלבער שאָ פון צענטער שטאָט, קומען מיר אָן אין דעם „פאָרדסאָן". א וואַלד מיט קוימענס. מישפּאָכעס פון זעקס אָדער אַכט קוימענס מיט אמאָל. טאַטע־קוי־מענס הויכע, ברייטע; מאַמע־קוימענס — אביסל פּאַסאָנישער! די איבעריקע — קינדער־קוימענס אין אַלערליי גרויסן... אַלע האָרע־וועען איינייגעם, מאַסנפּראָדוקציע, אָטעמען־אויס גראָבע שטיקער רויך־קליאַטשע, צעלאָזן עם אָף שווארצע טרויער־פאָנען איבער די אייגענע קעפּ. (טייל קוימענס הייגען־אראָפּ פון די קנוילן־רויך, שאָטנדיקער ווי דער רויך אַליין!)

ארום דעם שטעטל „פאָרדסאָן" ווייזן זיך די אַלטמאָדישע טראַם־דראָטן, וואָס גייען אין דער הויך, בילדן א נעץ א ווייטע, וואָס כאַפּט־אויף דעם רויך, ווי פידל־סטרונעס כאַפּן־אויף א טאָן.

דאָ זעט איר אומעטום אויפשריפטן: „פּאָרד". אַף צעקרימטע פּלויטן, אַף אָרעמע פּאַלאַטעס, אַף גזעזאַלין־סטאַנציעס... אַף פּעסער, אַף רעדער, אַף אַקסן... אַף בלעכלעך וואָס די ארבעטער טראָגן צו־געטשעפּעט צו די טונקעלע העמדער —

פּ אָ ר ד —

פּ אָ ר ד ס אָ ן —

פּ אָ ר ד ס ו ו אָ י ר ק ע ר ס —

ס'איז הימל און ערד און פּאָרד.

:: :: ::

דו פאָרסט דורך דאָס שטעטל פּאָרדסאָן, פאָרסטו אריין אין א טויער. דאָס איז דער טויער צו „ריווער רוזש" וואו די נייעסטע פּאָרד־פאַבריקן זענען.

א „מענטש" שטעלט דיך אָפּ, פרעגט דיך מיט די אויגן וואָס דו ווילסט. דו זאָגסט אים, ער ענטפערט נישט, נאָר ער גיט א מאַך מיט דער האַנט, אז ס'איז אָלרייט.

פּאָרדיזאַציע.

שפּאָרונג פון קויכעס.

צו וואָס רעדן? ווען מ'קען אויספירן דאָס אייגענע דורך א מאַך מיט דער האַנט?

דורכגעפאָרן דעם טויער, זעסטו עס לויפן א סאַך אַטאָס, א סאַך טראַמען. — גיסן זיך אַהין אריין, וואו די מישפּאָכעס מיט קוימענס שטייען און שוואַרצן זיך ס'פּאָנים צוליב מ'שטיקל ברויט. —

די וועגן זענען ערטערווייז צעמענטירט, ערטערווייז אָנגעשיט מיט קליינע שטיינדלעך. עלעקטרישע דראָטן הודיען מיט „זאַפּט", מיט פונקן, א פייער שלאָגט ערגעץ פון אַן אָפענעם שמעלץ־אויוון, וואָס איז אין א גרוב — .

דער לענגסטער טאַמטאַביל־וועג אין „ריווער־רוזש" הייסט „קאָ־לידזש האַיוועי" — א נאָמען נאָך אונזער כיינעוודיקן פּרעזידענט, וואָס איז העגרי פּאָרדס א גוטער ברודער.

אָט שטעלסטו דיך אָפּ, ווייטער קענסטו נישט גיין. די וועגן זענען פאַרצאַמט מיט שווערן דראָט.

עטלעכע צאַמען. א קאַסטן אין א קאַסטן. לאַבירינטן פון דראָט־גראַטעס. אין יעדן: שורעס מיט אָטאָמאָבילן, אַלע מיט די פּענימער צו די קוימענס. בלויז זייער א קליינער צאָל פון זיי זענען „פּאָרדקאַרס".

א שטיק פלאַכע ערד פון א צענדליק מייל. געביידעס צעוואָרפן אין גרופּעס. דאָס שטיק ערד איז איבערגעשניטן מיט דעם „ריווער־

רוזש", אַ שטינקענדיק שטיק וואַסער, וואָס פֿאָרד האָט פֿאַרבעטן אַהערצו אַזש פֿונעם „דעטראָיטער ריווער" (אַ מאַהאַלעך פֿון שיינע עטלעכע מייל!) קעדיי צו קענען צופֿירן ביז אַהער זיינע שיפֿן מיט אייזנבראָך, (אָדער שיפֿן וואָס זענען אַליין אייזנבראָך — ער האָט טויזנטער פֿון זיי!)

דו שטעלסט אָפּ דיין אָטאָמאָביל און קוקסט דיך אַרום: הענג־בריקן אומעטום — אויף יעדער בריק צוויי שטראָמען מענטשן: א י י ן שטראָם א ה י ן, דער אַנדערער א ה ע ר. אָן אומענדלעכער אויס־פֿלוס און צו־פֿלוס, ווי צוויי שטראָמען אין אַ יאַם, וואָס ציען יעדער אין אַ פֿאַרקערטן וועג.

פֿיס, פֿיס, פֿיס.

שטילע פֿיס, מידע פֿיס, „אָפּהענטיקע" פֿיס! די בריקן זענען ווי קאָרעטעס, וואָס גיסן־צו פֿרישע שטאָפֿן צום פֿייער און טראָגן אַוועק די אַלטע: וואַרעמע און קאַלטע שטראָמען!

דער אַריינגייענדיקער שטראָם באַוועגט זיך גרינגער, מוטיקער, וואַרעמער.

דער אַנדערער מענטשן־שטראָם גייט שלאָף, קאַלט, ווי אויף אַ טרויער־פּראָצעסיע פֿון אַ באַגראָבענעם טאָג.

פֿייערן שלאָגן פֿון קוימענס, פֿונקען בלומען פֿאַלן ווי פֿייער־ווערק, פֿון די „שוטס" וואו דער אייזנגאָס רינט אין וואַגאָנעטקעס אַריין.

אין דעם קויטיקן טייכל, וואָס איז אַ ברייטער רינשטאָק, זידן אַריין הייסע לעש־וואַסערן פֿון די שמעלצערייען — זידן אין אַלערליי פֿאַרבן, געל־שוואַרץ, ברוין־גרין, טונקל־פּיאָלעט.

דער רינשטאָק זידט, זידט פֿון די רער־עפֿענונגען אַרויס, שלינגט קאָכעדיקער ברוד, אַ געשטאַנק שלאָגט אַרויס פֿון מעטאַל־פֿאַרב, פֿון שוועבל, פֿון קופּער־זאָט.

אַביסל העכער אויף אַ בערגל, איז אַ קאַלט־געוואָרענער רער מיט אַ פֿאַרכלינעט שטיק אייזן אין מויל. — עס דאַכט זיך: דעם רער איז נישט־גוט געוואָרן, האָט מיט אייזן געבראָכן, און געשטאָרבן. קיי־נער האָט אים דאָס מויל נישט אָפּגעווישט.

היט זיך, אַ צוג פֿאָרט. פֿאָרדס צוג! ער פֿירט אייזנפּלוס, רויט אייזנזאַפּט, פֿריש פֿון די שמעלץ־אויוונס.

דער וואַגאָן זעט־אויס ווי אַ קוגל־טאָפּ — פֿון אונטן שמאָל, פֿון אויבן ברייט. ער איז רואיק, זאָגט נישט אויס וואָס ער טראָגט אין זיך. פֿון זיינעט וועגן קען ער זיין אַ בלומענטאָפּ, וואָס האָט ערשט מיט אַ פּאָר מינוט פֿריער געהאַט צו טוען מיט פֿייערדיקע בלומען, און איצט ווייסט ער אַליין נישט וואו זיי זענען אַהינגעקומען, צו גוטן יאָר.

מיר גייען אַראָפּ פון אָטאָמאָביל, ווייטער פאָרן קען מען נישט. פאָרדס „קעניגרייך“ ווערט געהיט פון אַ גוט־אויג, קיין „פאַרשלעפּטע קרענק“ ווערן אַהער נישט צוגעלאָזן. בלעטלעך פאַרשפּרייטן טאָר מען דאָ נישט. אַ כויץ פאָרדס אייגן בלעטל „פאָרדס ניוס“. קימאַט בײַ יעדער געבײַדע שטייט אײַנער מיט אַ זאַק און צעטיילט דאָס צייטונגל. איך נעם און גיב אַ בלעטער: אָט דער ערשטער זייט אַ בילד פון אונזער נייעם ניו יאָרקער גובערנאַטאָר, מר. רוזוועלט, אין אַ... פאָרד־קאַר! אַ פאָטאָגראַפיש בילד פון אַ רייע פאָרד־פאַעטאָנען, וואו דער „פאָליציי־דעפּאַרטמענט“ פון דער שטאָט סאַנקט אַנטאָניאָ, טעקסעס, האָט באַשטעלט. — אַן אַרטיקל וועגן „אונזער לינדבערגן“, אַ נאָטיץ, אַז אַלע פאָרד־פאַבריקן אינײנעם וואַרפן איצט אַרויס העכער זעקס טויזנט אָטאָמאָבילן אַ טאָג.

אַן אַרטיקל וועגן... ווייטאָמיינס (וויטאַמינען), וועגן פאָרדס נייעם „פינאַנץ־פּלאַן“, וועגן דעם, אַז מ׳דאַרף היטן ס׳געזונט, ווייל ס׳איז נויטיק צו דער אַרבעט...

עס גייט־אָן אַ סעריע „די געשיכטע פון 199 שיפן“ (נישט וויי־ניקער!) אַ בילד און אַ באַשרייבונג פון עפּעס אַ פּאַלאַץ אין טרינידאַר, שפּאַניען. ציפערן וועגן פאָרדס נייער פאַרגרעסערטער פּראָדוקציע. ציפערן זייער שיינע וועגן דעם לעבן פון די פאָרד־אַרבע־טער (קוואַליפיצירטע, איינציקע מעיוכאָסים!) עטלעכע טעכנישע אַרטיקלען, אַן אַרטיקל וועגן פאָרדס גלאָז־פּראָדוקציע, וועלכע איז אַ פינפטל פון דער גאַנצער גלאָז־פּראָדוקציע אין די פאַרייניקטע שטאַטן א. א. וו.

איז דאָך דאָס זייער שיין און זייער פיין. אַיאָ? גיט־זשע אַ לייען, אומיסנע, וואָס דער „פאָרד וואָרקער“ שרייבט! ער שרייבט, אַז ס׳איז אַז אָך און אַז וויי צו דעם לעבן פון די „פאָרד־אַרבעטער“, און אַז די עקספּלואַטאַציע איז דאָ ערגער ווי בײַ פּאַרע־מעלעך־מיצראַיעם.

נאָר ווער איז דאָס דער „פאָרד־וואָרקער“?! וויים איך! עפּעס אַ האָלעדראַן, אַ קאָמוניסט, אַן אַרבעטער, וואָס סי גייט אים אין לעבן, אַז אַלע אַרבעטער זאָלן ציִשן זיך זיין אַזוי מישפּאָכעדיק כאָטש ווי די קוימענס, אָדער ווי די צעשמאָלצענע שטיקער רויע אייזן, וואָס פאַלן אין איין שמעלץ־טאָפּ אַריין.

פון 125 טויזנט פאָרד־אַרבעטער, זענען בלויז אַ 200 אָרגאַני־זירט. די איבעריקע — שפּענדלעך אָפן יאַם. אָפּגעהאָרעוועט דעם טאָג, איז מען צו מיד דעם מויעך צו באַוועגן. נעמט מען דאָס אייגן „פאָרדל“, וואָס מ׳האָט (אויב מ׳האָט), אָדער מען נעמט דעם טראַם און — מ׳שלעפּט זיך אַהיים. דאָרט עסט מען אָפּ, מען לייענט די

„קאַמיקס“ אין די געלע בלעטער, מ׳רעדט וועגן „בייז־באָל“ און „פּרייזפייטס“ און — מ׳גייט שלאָפן. באַנאַכט — ווייל קיין אנדערער צייט־פאַרטרייב איז נישטאָ — ווערן נייע פּאָרד־שקלאַפן פאַרזייעט, וואָס וועלן שפּעטער מיט וועלכע 18—17 יאָר גיין איבער די בריקלעך... איבער די בריקלעך...

מיר קומען אַריין אין דער הויפּט־געביידע, דאָ נעמט מען אויף באַזוכערס. נישט פּאָרד אַליין, פאַרשטייט זיך, נאָר זיינע מענטשן. די געביידע איז ריין, גרויס, מירמלשטיינערדיק. שיינע טישן מיט בענק, פּאַמפּלעטן וועגן... פּאָרדן, פּאָרדיזם, פּאָרדסאָן טראַקטאָרס, פּאָרדיזאַציע. דאָ גיט מען אייך אַ געדרוקט קאַרטל אונטערצושרייבן, אַז טאָמער וועט מיט אייך געשען עפּעס אַן אומגליק, בעיים אייער באַזוך אין די פאַבריקן, וועט ער, פּאָרד, נישט שולדיק זיין אין דעם. זיינע הענט זענען ריין, זיינע קאַוואָנעס זענען גוטע. נישט מער — „די אַרבעט איז אַזאַ... איר פאַרשטייט דאָך אַליין“ — זאָגט דער מענטש, וואָס דערלאַנגט דיר ס׳קאַרטל אַף אונטערצושרייבן. „איר פאַרשטייט אַליין, אַז דאָ איז נישט קיין טעאַטער און נישט קיין באַל, דאָ איז אַ פאַבריק... סי קען עפּעס פאַלן אין קאָפּ אַריין. מ׳קען זיך אויסגליטשן. מ׳קען ווערן היסטעריש — יו נאָו... טהענק יו!“

מיר זענען אַרום 40 געסט. צישן אונז צוויי פרויען. שטופּן מיר זיך אַלע פּאַוואָלי אין אַ קליינעם „אַמניבוס“ און אַ פירער מיט אַ אידישער נאָז און אַ שיין יונג פּאָנים, וואָס איז נישט מילכיק און נישט פליישיק — פירט אונז צען די פאַבריקן.

:: :: ::

פון די 40 „געסט“ זענען אַרום אַ העלפט — אַגענטן, וואָס זענען עקומען צוליב „געשעפט“. זיי נעמט מען ערגעץ באַזונדער. סי הערט זיך פון זיי שוין סיי־ווי־סיי גענוג בראָנפן. אַז איינער שפּייט־אוים אַף דרערד, האָב איך מוירע אַף דעמזעלבן אָרט אַראָפּצעוואַרפן אַן אָנגעצונדן שוועבעלע.

מיר בלייבן אַ 20. צישן אונז איז אויך אַ כינעזער מיט אַ שטיל פּאָנים און כאַפּעדיקע אויגן, אַ פרוי אָנגעטאָן אין אויסשטודירטע פּראָסטע קליידער, וואָס מ׳דאַרף אַף זיי זיין אַ מייווין צו וויסן, אַז זיי זענען געקויפט אין אַ העכסט־עקסקלוזיוו געשעפט און קאָסטן אַ פאַרמעגנס.

דאָס זאָל זיין אַן „אָפּליפטערין“, איינע וואָס האָט ליב צו זאָגן, בעיים זי זיצט אין איר שיינעם אַפּאַרטמענט, איבער אַ שטיק טייערן פלאָמענטאָרט:

„מיין פריינט דער אַרבעטער —“

דערנאָך לאָזט זי זיך אַריין אין „נויט־שילדערונגען“. זי האָט דאָפּון האַנאָע ווי פון פרעמדע פּריקרע עסנס. אָדער פון האַרבע געטראַנקען, וואָס זי נעמט אַף צו רייצן אירע אויסגעשטשערבעטע אַפּעטיטן.

דעם בינעזערס אויגן זענען ווי צוויי קליינע פלינקע מייזלעך — זיי ווייסן נישט וואוהין צו לויפן פריער. זיי שרעקן זיך, און שרעקן איבער. זיי אַנטלויפן, באַהאַלטן זיך און לאַכן פון אַ שפּעלטל אַרויס.

דער סאַד פון „פּאַרדיזאַציע“ גליט אין זיינע שוואַרצאַפּלען. נישט בודאַ, נישט קאָנפוציוס, נישט לאָנג־טסע — נאָר ער דער שטאָלענער גוילעם — פאַרד! ער וועט זיי ווייזן — אַז ער'ט אַהיים קומען קריק קיין כינע. „איך“, וועט ער זאָגן צו די פאַרזאַמלטע מאַנדאַרינען מיט די גענזענע פינגער־נעגל, „איך האָב אַליין געזען מיט די־אַ אויגן פאַרדס שטאָלווערק... קינדער פונם הימל, אַט־די־אַ צוויי אויגן מיינע האָבן עס אין זיך“.

:: :: ::

אייזנבראָך.

טויזנט־טויזנט שטיקער אייזן, אַלע פון איין פאָרם: ווי אַ שליטן מיט עטלעכע לעכער אין די זייטן פאַר פענצטער — אויפגעטורעמט איינס איבער ס'אַנדערע, איז דער אייזערנער באַרג מיט פענצטערלעכער. פון דאַנעט זעט מען די שיפן, וואָס האָבן זיך אַליין אַהערגעבראַכט, דאָ צו פאַרענדיקן זייער לעבן. דאָ וועט מען זיי איבערשמעלצן. זיי אויסשמידן אַף... ביליקע פאַרדלעך. שפּעטער וועלן זיי מיסטאָם פאַרלייקענען זייער יאַם־אָפּשטאַם, און אַז מ'וועט צו זיי רעדן וועגן וואַסער, וועלן זיי פאַרקרימען די נעז און זאָגן: „כ'ווייס, דער יאַם איז אויך מיר — אַ מעדינע... אַ שיף איז אויך מיר אַ מענטש... די העכסטע ראַסע אין דער וועלט איז — פאַרדקאַרס... דאַנטשענאַ?“

דאָס געשמאַדטע ראַדיאַטאָרל וועט דערבײַ זידן, ווי פון גרימצאָרן; זידן פון צאַאַר, וואָס ער דאַרף טראָגן אינזיך וואַסער... אַ זאַך, וואָס דערמאָנט אָן יענע יאָרן, ווען מ'איז נאָך נישט געווען דאָס, וואָס מ'איז היינט, און מ'האָט געמיינט, אַז אַ יאַם איז מי־ווידייע וואָס!

:: :: ::

מיר גייען איינס לעבן ס'אַנדערע. האַלטן זיך ווי פאַרבלאָנקעטע שאָף. דעם פירערס געקעסטלטער מאַנטל ראַטעוועט אונז פון פאַרלוירן־ווערן. אַט גיט ער אַ הויב־אויף די האַנט, רייניקט זיך אויס דעם האַלז פון רויך און זאָגט אין זיין אייגענער זשמעניע אַריין — אבי יוויצע צו

זיין: „עלבערגע־דיז־אַנטשע־טוירבן, אַלעוויו קאַמאַנינאַ לעיו...“

איך פאַרשטיי נישט אַ וואָרט, נאָר איך גיי מיט דער גרופּע. מיר זענען אין „עלעקטרישן פּלענט“ — די סאַמע שפּיגל־ווערק פון די פאַרד־פאַבריקן.

דאָ איז מעכאַיעדיק־הײם. אַ טויבער רויש ציט אַריין אין זיך אַלע מאַמאַשעסדיקע שטאָפּן — לעבעדיקע און טויטע. עס איז אַ וויל־דער געשריי אין זיך אַריין, אין אייגענעם בויך אַריין — אַ בייזער געפערלעכער געשריי, וואָס קען נישט צו־זיך־קומען און זיך באַפרייען.

צילינדערס ריזיקע; טורבינעס און לעוורעס די גרויס פון 10 מענטשן. עס ניקלט און פינקלט אין די אויגן. אַלדינג גייט אַזוי גרינג ווי אַ קישעה... דאָס גערויש וויל דיך אַריינציען אין זיך, וויל דיך אויפעסן. עס איז אַזוי מערדעריש־שטיל!

עס ציטערן מעש־שטאַנגען. די גאַנצע געביידע דרענעט אַביסל. צי עפּשער ציטערט די לופט אינעווייניק — ווי איין פעסט שטיק, וואָס מ'האָט עס אונטערגעגראָבן אַף דעם וואַג־פּונקט, פון אַקס אַרויס־געבראַכט?

מיר גייען אַרויף אַף עטלעכע אייזנטרעפּלעך. איך באַטראַכט מיר די יאַרמילקע־געביידע פון לויטער שטאָל: שטיל און שווער. אַ זידנדיקע שטילקייט וואָס קאָכט זיך אין אַ קעסל און האָט גרויסע יעסורים. מענטשן זעט מען דאָ ווייניק. זיי גייען שטיל, אין שטעק־שיך, מיט נייע ווייסע לייוונטענע העניטשקעס אַף הענט, וואָס זענען נאַקעט ביז די עלענבויגנס.

ליכטיקייט איז אַף זייערע אייל־פּעטע, בלאַ־געשטרייפטע הויזן און העמדער. דאָס זענען מענטשן פון אַ פרעמדן הייסן קלימאַט אַרויס, ערגעץ אין אַ ווייט־לאַנד, וואו שטילקייט איז נישט קיין שטילקייט...

דאָס איז פאַרדס אויסשטעלונג פון קראַפט, פון מאַשינען־שיינ־קייט.

איינער שטייט און פוצט דאָס מעש, אַן אַנדער קלייבט שטיקלעך פּאַפּיר פונם דיל.

אין אַ ווינקל שטייט אַ ניקלענע טאַטשקע, מיט אַ ניקלענער לאָפּעטע:ביידע ריין, בלישטשענדיק, אַ מעכאַיע...

— „קוקט אַ ה ע ר, פּליז!“

דעם פּירערס קאָל.

מיר שטייען לעבן די „אויוונס“. קוילן־שטויב שיט זיך ערגעץ דאָרט אַף י ע נ ע ר זייט, שיט זיך אווטאָמאַטיש, און דאָ זענען

האַלב־אָפענע קליינע קוקערלעך, ווי קליינע בוידעם־פענצטערלעך, קוקסט אַריין, זעסטו עפּעס אַ ווילדע, הודענדיקע בלאָקיים.

דער פירער מאַכט עפּעס מיט די ליפּן. דערנאָך נעמט ער אַרויס אַזאַ מין האַנט־שפּיגל. מיר קוקן דורך דעם שפּיגעלע אין די אָפענע קוקערלעך אַריין און מיר זעען — אַ יאַם מיט פייער וואָס וואַיעוועט אַזוי בלוי־גרין און אַזוי שרעקלעך, אַז דער אָטעם פאַלט דיר אַרויס פון האַלז. מיר גייען אַראָפּ פון די טרעפּלעך. דער כינעזער פרעגט פראַגעס, באַקוקט די טורבינעס, ווייל האָבן ציפערן, פאַרצייכנט — אינם גאַנג טאַקע — אויף אַ לאַנג שטיק פּאַפּיר מיט אַ דיקע און ברייטע בלייפעדער, פון דעם סאָרט בלייפעדערן וואָס סטאָליאַרעס נוצן.

אַז מיר קומען אַרויס אין דרויסן איז פינצטער. עטלעכע רעגנעס קענען מיר גאָרנישט זען. ס'איז ווי אַז מ'קומט אַריין פון אַ זוניקן דרויסן אין אַ האַלב־טונקעלער שטוב אַריין. דאָ איז פּונקט פאַרקערט: דער זוניקער דרויסן איז אַ י נ ע ווי נ י ק אין די אויוון־פייערן, אין דרויסן אָבער איז כמאַרנע און ניט זייער ליכטיק.

דורך ברייטע טויערן, וואָס שיבן זיך אויף רעדלעך, גייען מיר אַריין אין אָפּטייל נומער צוויי. דאָ זענען די „געצייג־מאַכערס" — קוואַליפיצירטע אַרבעטער, וואָס גייען אָנגעטאָן אין זייערע אייגענע קאַפּעליושן, טראָגן ברילן, רעכענען אויף ברעטלעך.

אין יעדן אָפּטייל איז ריין. יעדער איינער מוז ריינהאַלטן זיין שטיקל פּלאַץ. די לופט איז דאָ זייער שווער פאַר אַ דרויסנדיקן מענטשען, נאָר מיין פריינט דער טעכניקער פאַרזיכערט מיר, אַז די ווענטילאַציע איז דאָ אַזוי גוט, ווי עס קען נאָר געמאָלט זיין אין אַזאַ געהענעם.

מאַשינען, מאַשינען.
מאַשינען אויף צו מאַכן מאַשינען וואָס מאַכן מאַשינען.
מאַשינען אויף צו פאַרריכטן מאַשינען.
מאַשינען אויף צו פאַרריכטן מאַשינען, וואָס פאַרריכטן מאַשינען.

אין אַלע קאָרפּוסן באַ די ווענט אַ געשטעל מיט די אַרבעטערס איבערקליידער. צעטעלעך מיט נומערן. אַ רעגיסטריר־זייגער, וואָס פאַרצייכנט די צייט. וואַסער־בעכערס אַווטאָמאַטישע, ווי אין די אַמעריקאַנישע וואָקזאַלן. גיסט אַ קוועטש אַ הענטל, שפּריצט אַ וואַסער־שטראַל איבערן „בעכער" אַריבער. טרינקסטו דאָס וואַסער, פון קיינעמס מויל נישט אָנגערירט.

פון מאַשינען רינט אייל. מאַשינען פּרעגלען זיך אין אייגענער זאַפט. פון איינער רינט — דאַכט זיך — מילך... אַ מאַשין מעלקט

זיך, באָדט זיך אין אייגענער מילך, ווערט פעט... קרעפּטיק, צעבייסט מיט די ציין שטיקער אייזן!

טירן שיבן זיך אויף, טירן שיבן זיך צו. אונזער גרופּע ווערט אַלע מאָל שיטערער. די פייערן ווערן געהענעמדיקער, די לופט ער־גער. דער ראַש העכער. „אונזער פרוי“ איז שוין נישטאָ. געגאַנגען אהיים עסן... פּלוימענטאַרט און באַדויערן „איר פריינט דעם אר־בעטער“.

דאָ ליגן „בייגל“ מיט קופּער־דראָט, בליי-דראָט, דאָ הויבן־אָן גע־דייען די ערשטע זאָמען פון דעם שעד, וואָס הייסט פּאָרד־קאַר. דאָ איז דער אויפנעם פון די „זאָמען“ אין דער פּאַרזשאַווערטער געבער־מוטער פון אייזן...

דורך אַ פענצטער זעסטו: אַ מאַגנעט הויבט אייזנבראָך, ציט־צו מיט דעם קויעך פון „אייגענעם בלוט“. דערנאָך וואַרפט ער עס אראָפּ פון זיך, צעשפּליטערט ווידער.

ווי די האַנט פון אַ פּאַרר'עטער, הויבט זיך דער מאַגנעט צו דעם מאַסנהאַרץ.

דאָס מאַסנהאַרץ לאָזט זיך נאַרן, עס גייט דאָך אין דערהויבן ווערן!...

די שמעלץ־אויוונס ברעכן מיט פייער־שטאָף, זידן מיט איבער־פלוס פון באַליידיקטן מעטאַל, וואָס זוכט אַ פּורעם, אַ געדאַנק...

„קענען מיר עפּשער גיין צו יענע שמעלץ־אויוונס?“ פרעג איך בא אונזער פירער.

„ניין, מאַי דיר סיר; דאָרטן איז צו געפערלעך. דאָרטן איז בלויז פאַר אַרבעטער!“

ער דערציילט איבער די מאַינסע, וואָס מייקל גאָלד האָט אמאָל באשריבן.

אַן אַרבעטער איז אין אייזן־גוס אריינגעפאַלן. אז דער מעטאַל האָט זיך אָפּגעקילט איז ער געווען... אַ שטיק אייזן. מ'האָט אים גע־מוזט ברייגנען צו קוואורע איניינעם מיט דער גאַנצער מאַסע אייזן.

זיין מיטע האָט געוואויגן העכער צען טויזנט פונט. דער קאַסטן איז געווען פון רויע אַלטע ברעטער צונויפגעקלאַפּט. עפּשער 60 אר־בעטער האָבן אים געטראָגן צו קוואורע...

„ער האָט געהאַט אַ שווערן טויט“ — לאַכט דאָס באָכערל מיטן געקעסטלטן מאַנטל, — „אַ שווער לעבן און אַ שווערן טויט“.

דער בינעזער פרעגט:

„איז דאָס סאָ?“

שווער צו וויסן, צי איז אים וויניק צי צופּיל.

קעדיי אָבער צו געבן א פולע מאָס, דערציילט דאָס באָכערל, אז אף דעם מאַיריוו באַלקאָן, אין דער געביידע וואָס איז באַצייכנט מיט דעם בוכשטאַב B האָט עקספּלאָדירט דער טאָפּ מיט ציאָניד. האָט זיך באַם ארבעטער אָנגעכאַפּט א האַנט. איז ער געלאָפן איבערן „פלענט" מיט אַברענעדיקער האַנט, אַזוי ווי א שטורקאַץ...

„איז דאָט סאָ?" — פרעגט קאַלט דער כינעזער.

ס'איז שווער צו וויסן, צי אויך דאָס איז אים צו ווייניק, אָדער צו פיל.

דאָס באָכערל טראַכט און דערמאָנט זיך: אין דער נאַכט פון 10טן אָקטאָבער האָט מען געפונען א וועכטער טויט אין דער פאָרדסאָן־געביידע, וואו מען פרעסט שטאַל... דאָס איז שוין דער צווייטער פאַל היינטיקס יאָר.

„א—סאָ?" — פרעגט דער כינעזער, און מען ווייסט ווידער נישט, צי איז עס אים צו ווייניק, אָדער צו פיל.

דער פירער האָט אַן אָנזאָג צופרידנשטעלן אַלע געסט — ביפראַט אויסלענדער. טראַכט ער אַביסל און דערמאָנט זיך:

צוויי ארבעטער — יאָזעף פוטיטאַר און גאַבריעל באַטיסט, זענען פאַרברענט געוואָרן אַף טויט, דעם צווייטן טאָג אין נאָוועמבער. עס האָט זיך געהאַט אויסגעגאָסן בענזאָל אין דער שאַכט, וואו דער „ליפט" גייט, האָט מען זיי געשיקט אויסווישן. אַזוי גיך ווי זיי זענען אריין אינעווייניק, האָט זיך דאָס אָנגעצונדן — איינער אַף טויט... דער אַנדערער האָט זיך נאָך געמוטשעט אַביסל — יעס, סיר, מאַי דיר סיר. ווהאַט דו יו סעי, סיר?

„אָלעלייט" — זאָגט דער כינעזער דזשענטעלמאַן, וואָס קען קיין ריש ניט אַרויסרעדן. און מיר גייען ווייטער.

אין גאַנג ווערט דיין אויג דערוויילן געניט. דערקענסט די „שפּי־קעס" — די וואָס שטייען בא די טירן. מעסטן דיך אָפּ, אז דו קומסט אריין, מאַכן באַלד צו די טיר, גייען ריינער אָנגעטאָן ווי די אַנדערע.

עס איז פייכט און הייס. עס שמעקט מעטאַל־פאַרב — מ'פאַרבט דיר די נאָזלעכער, רייצט דעם האַלז צום שפּייען. אַף א סקעפאַלד אין דער הויך איבער די ארבעטער שטייט א פאַרבער מיט א שוץ־מאַסקע אַפן פּאָנים, שפּריצט פאַרב פון א רער אַרויס, מיט עלעקטרישער קראַפט.

דיין גאַנג איז שנעל. מען לאָזט דיך נישט שטיין לאַנג. צונויפ־רעדן מיט די ארבעטער טאָרסטו נישט — דאָס הייסט: דו מעגסט, דו ביסט דאָך א גאַסט און צו א גאַסט איז מען פריינטלעך! נאָר די

אַרבעטער זאָגט מען אָן, זיי זאָלן זיך נישט דערוועגן פאַרפירן א שמועס מיט א פרעמדן מענטשן. פרעגסטו איינעם עפּעס, לאַכט ער טאַמעוואַטע, אָדער ער שטעלט דיר אַרויס א נאָז — קיינער זאָל נישט זען. אָדער ער גיט א מאַך מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט: „פרעג נישט, ברודער".

5

מיר גייען אַריין און אַרויס. דאָס אויג קען נישט זען אַזוי גיך. א טשאַד לייגט זיך אַפן מויעך, א פּאַגע. דער רויך שטיקט צום הוסטן. דער שטויב וואַרגט. פון אַלע ווינקלען בליצט בלאָ און עלעקטריש. א געדיכטער טומל פון טויבע מאַשינען, וואָס רעדן אַף פאַלשע קוילעס, דרייט זיך ווי א שרויפציער אַרום זיך אַליין. די גענעענטערסטע צו דער ב ע ל ט, צו דעם לעבעדיקן, פּליסיקן פ א ס, וואָס איז מוזיק און בייטש... דער „בעלט", וואָס מאַכט פון דעם מענטשן א — כוויזעק...

דאָס איז דאָך דאָס ערגסטע! ביז צו דעם פּעריאָד פון „הענ־ריזאַציע" האָט די אַרבעט דעם מענטשן געמאַטערט, געפּרייט, אויסגע־שעפּט, אָנגעמוטיקט, צעבראָכן, געהיילט, אָבער דער מענטש איז טאָמער געשטאַנען אין צ ע נ ט ע ר, טאָמער וו י כ ט י ק גע־ווען.

הענרים „מעשוגענער בעלט" האָט א נייעם אויפגעטאָן: ער האָט דעם מענטשן צו לוג־און־שפּאָט געמאַכט, א כוויזעק! דער מענטש — א באַדינער, א שאַמעס... א לעץ, וואָס גייט נאָך זיין שאָטן וואָס איז געוואָרן ער־אַליין... באַדינט אים, גיט אים זיין לעבן איבער.

דאָס דאַרף מען דאָך זען און פאַרשטיין: דער פאָרד־סיסטעם לאַכט דעם מענטשן אויס... און ווער סי האָט גענוג סייכל, דער מוז פון זינען אַראָפּ, און ווער סי שטאַרבט ניט פון לונגען־און־האַרץ קראַנקהייט, דער שטאַרבט פון אַרטעריע־סקלעראָז, אָדער פון בלייַ־פאַרגיפטונג... דאָס בלאָע „טאָג־ליכט" עסט־אויף די אויגן, טרייבט אַריין אין א מאַנכאָליע... זעט איר טאַקע, ווי דאָ־דאָרטן שטייט איי־נער, מאַכט מאָדנע האַוואַיעס, לעקט דאָס אייזן, מאַכט איבעריקע האַנט־מינאָיעס, קרימט דאָס פּאָנים, צוקט מיט די אַקסלען.

נעמט אַליין באַרעכנט:

פון די 125 טויזנט אַרבעטער אין „ריווער־רוזש" זענען העכער 110 טויזנט נישט־קוואַליפיצירטע. וואָס דאַרף דאָ א מענטש קענען?

א היים שרייפל איינטונקען אין וואסער. אפפיילן א שפיץ פון א טשוואָק, איינפעדימען א ניהט. יעדער שטיקל ארבעט איז דאָך צע־פיצלט אף דאָס קלענסטע. יעדער סייכל ארויסגענומען פונם מענטשנס האַנט און עס איבערגעגעבן א מאשין, וואָס איז אליין אויך נישט קלוג, נישט אויפטועריש.

א נישט־קוואליפיצירטער ארבעטער קריגט 75 סענט א שאָ.

רעכנט־אראָפּ די שאָען וואָס גייען אוועק אין פאָרן צ ו דער ארבעט און פ ו ן דער ארבעט (לאָמיר זאָגן פון א שאָ ביז אַנדער־האַלבן), וועט שוין בלייבן בלויז וועלכע 60 סענט. רעדט מיט אייער באַקאַנטן דאָקטאָר אין דעטראָיט, וועט ער אייך זאָגן, אז ס'רוויוו אר־בעטער אין „ריווער־רוזש" קענען נישט אויסהאַלטן מער ווי העכס־טענס 8 יאָר. דערנאָך — אויב זיי בלייבן לעבן לענגער — זענען זיי מענטשנבראָך, זענען א לאַסט אפן שטאַט, אָדער אף די אייגענע קרויווים. מירן זאָגן, אז א מענטשנס ארבעט־פּעריאָד איז העכסטנס 50 יאָר — איז אכט יאָר בלויז אומגעפער א זעקסטל דאַפון. צעטיילט די 60 סענט א טאָג אף א זעקסטל, קומט אויס, אז אַן ארבעטער גיט זיין לעבן צו די פייערן פון פאָרדס מעשוגענעם געהענעם פאַר 10 סענט א שאָ!...

פרעג איך א יי ך: מעג נישט זיין געבענטשט אונזער לאַנד? און מעג נישט זיין געבענטשט מר. ה ע נ ר י פ אָ ר ד, וואָס האָט אונזער לעבן א שטוים געטאָן אף אזא וועג?!

— „היט זיך! בויגט־איין די קעפּ!" — זאָגט אונזער פירער. „פאַסט־אויף ווי איר גייט — איר זאָלט זיך נישט פארטשעפּען. אויב עמיצן ווערט נישט גוט, זאָל ער באַלד ארויסגיין".

— „דזשענטלליים", — זאָגט ווייטער דער פירער, און זיין טאָן איז שמאָק־פול מיט ערפאָרכט, און עס איז נאָר א כידעש, וואָס ער הייסט אונז די שיך נישט אויסטאָן, — „דזשענטלליים, מיר קו—מען איצט צו דער בע—לט"!

6

די „בעלט" (דער „פּאַס") איז א מין באַוועגלעכע רעלסע, וואָס קריכט פון אויבן איבער די קעפּ פון די ארבעטער, דערלאַנגט צו דער האַנט, באַדינט שטילערהייט, זאָגט גאָרנישט, טראַכט גאָרנישט, פרעגט גאָרנישט. ערטערווייז גייט די „בעלט" אונטן אויך, צו די ארבעט־געשטעלן, די ווערקשטאַטן — אמאָל גייען צוויי „בעלטס", איינע

אױבן, די אַנדערע — אונטן.

פון ציין־רעדער צונױפגעקײקלט, װי אַ גאַרטל, גאַרטלט די בעלט אַרום די גאַנצע לײנג־און־ברײט פון מאָנטאַזש־אָפּטײל. די אונטערשטע „בעלט" — קריכט דיר אונטער די פינגער אַרונטער — בערגלדיק און טאָליק: דו מוזט אַף גיך כאַפּן פון אױבן דײן שטיקל „װערק" אַף גיך אָפּטאָן דײנס, אַף גיך אױפהײנגען קריק אַפן רונד־האַקן װאָס גײט פון אױבן, איבער דײן קאָפּ.

— „אָט־אָ, אָט־אָ, אָטאָ־טאָ"... — זאָגן די קײטן פון דער בעלט...

— „אָטאָ־ט־אָ אָט־אָטאָ". מער גאָרנישט.

גיך, גיך, גיך — גיב אַ מאַך מיט דער האַנט דעם זעלבן באַװעג װאָס טױזנט מיליאָן מאָל ביז איצט און גיב אָפּ דער „בעלט" אירס.

די גיכקײט איז נישט קײן לעבעדיקע גיכקײט פון אָנגעװאַרימט בלוט אין די אָדערן, ניט פון קײן פיבער אַפילע, — עס איז אַ גיכ־קײט, גװילעמדיק אָפּגעטאָן, אָן פרײד, אָן װילן.

די פעט־אױפגעבלאָזענע דין־גומענע לאַנגװײל שאַרט זיך צישן די קופּקעלעך מענטשן, װאָס געניצן מיט אַלע אײװורים, בעיים זײ טוען זײער אומזיניקע אַרבעט.

אין דעם „עלעקטרישען פּלענט" איז אַלצדינג פאַר „בישױאונג", װי מזאָגט אין גאַליציע. דאָרט איז די טאַטשקע פון ניקל, די גראָב־לאָפּעטע גלאַנצט װי אַ זילבערנע — די אײדעלע פּיראָמעטערס רירן זיך באַלעבאַטיש, צײכענען עסטעטישע רונד־ליניעס. מענטשן אין נײע װײסע לײװונטענע העניטשקעס אַף די הענט, װאָס זענען נאַקעט ביז צו די אַקסלען, גײען שטיל אַרום, קוקן אין די פּײער־קוקערלעך, לײע־נען אַראָפּ פון די „זײגערס", רעגולירן דעם גאַז־דרוק. דער עלטערער, נוס־פּאָנימדיקער מאַן, מיט דער אָפּגעזױגטער האַרטער װאָנטשע װאָס פירט דעם „ליפט" אין יענער געבײדע, װײסט אױך, אַז ער איז דעקאָראַציע, גײט ער אין װײסן אָנטועכץ אָנגעטאָן, מיט װײסע, לײװונט־העניטשקעס. אַף דעם אָפּענעם בענקל־דעקל, װאו ער זיצט, איז פאַרשפּרײט אַ װײס שטיקל געװאַנט.

דאָרטן איז „פּאָרד דער אױסטערלישער". דאָ איז „הענרי דער מעשוגענער".

דאָ איז װעלט־אומזין, לעבן־משוגאַאַס.

הינטער די טונען פון שטאָל, מיט אײזן, װאָס דריקן אַף די מענטשן פון װענט און סופיטן אַראָפּ, איז אַ װעלט װאו שטערן צירן די הימלען, טװאועס — די ערד. דאָ איז: בלאָ „טאָג־ליכט", װאָס באַלעסטיקט די אױגן מיט אַ טױב־גראָגערדיקן טומל, פײערן

זידנדיקע, לעבנסגעפאַרן, הייגענדיקע רעדער און שטאַבעס, וואָס קען־נען דיר אָראָפּפאַלן אַפן קאָפּ, קייטן מיט האַקנס און אייזנבלעכן. מיט טויזנט הענט לויערט דער טויט אַף דיר!... דער מאַלעך־דוימע איז דאָ מיט אַ מיליאָן אויגן. יעדער אויג פונקעוועט עלעקטריש, זידט אין וואַסער־געקאָך פון דעם „הייסן סטאַק", וואָס די אַרבעטער לעשן, האַרטעווען...

פון אונזער גרופּע זענען איצט געבליבן בלויז עטלעכע. דער כי־נעזער מיט די מייזן־אויגן גייט־נאָך און קוועלט ווי פון... האַראַקירי. אַז ער וועט קריקקומען אַהיים קיין קיטאַי, וועט ער זיי זאָגן, די מאַנדאַרינען אין די געל־זיידענע כאַלאַטן: „קינדער פון דער זון", וועט ער זיי זאָגן, „איך האָב מיט מיינע אייגענע אויגן געזען —"

אונזער פירער, דאָס באָכערל מיטן געקעסטלטן מאַנטל רעדט צו אונז עפּעס, נאָר מיר הערן נישט וואָס. ער ווייזט אונז אַף שטום־לאָשן, אַז מיר זאָלן זיך האַלטן באַ די ווענט, זיך היטן די קעפּ, קוקן ווי מיר גייען.

דער כינעזער גייט און — שרייבט אַף זיין לאַנג שטיק פּאַפּיר. אַרבעטער קוקן זיך נישט אום: זיי האָבן קיין צייט נישט. די „בעלט" רועט נישט. עס באַוועגט זיך ווי אַ כאַיע פון לויטער כוטאַשעדרע. גיט צו דער האַנט, נעמט פון דער האַנט. זאָגט נישט גאָרנישט, בעט נישט גאָרנישט...

אַז מיטיק־צייט קומט, בלייבט די „בעלט" אויך נישט שטיין. אַ טייל עסן כאַפּנדיק, בעיס זיי שטייען באַ זייער ווערקשטאַט. אַנדערע בייטן זיך איינציקווייז. פון 5 מענטשן גייט איינער אַוועק, די אַנדערע 4 טוען דערווייל זיין אַרבעט, אָדער אַז נישט בייט אים עמיצער איבער. דער „עמיצער" איז פון דער נויט־בריגאַדע, וואָס שטייט אָנגעגרייט, אין פאַל איינער כאַלעשט, אָדער אַ ראָד כאַפּט אים אַריין.

די אייזערנע „שפּין" קריכט איבער זיין קאָפּ געלאַסן, רעגלמע־סיק... טראָגט צעריסענע שטיקער מאַשינען־גוף. ווי אַ שפּין טראָגט פליגן. „נאַ פרעס!" — אַ ריזיק זייגער־ווערק, ווי די וועלט האָט נאָך ביז איצט נישט געזען! דו שטייסט אינמיטן ציפּערבלאַט ווי אַ ווייַ־זער. וואָס די רעדלעך ווילן, דאָס טוען זיי מיט דיר. דו דאַרפסט נאָר דער וועלט (פון פאָרדן) ווייזן וויפיל ער, דער זייגער, האַלט — זייגער זיבן מינוט צו אַ ביליאָן? צי שוין שפּעטער?...

דער „גאַסט" איז אַף אַ מינוט געפּלעפט פון דעם זייגערווערקס גרויסקייט, אָבער באַלד דערפילט ער ווי דאָס „ווערק" הויבט אים אָן אַריינציען אין זיך אַריין, אין די שטאָלציין, אין די שפּרינגפּע־

דערן... אנגסטן באפאלן דיך — דו פילסט דעם קויעך פון א פליסיקן אייזערנעם ניאגארא, וואס מאניעט דיך אין זיינע אפגרונטן אריין.

די אייזנשטיקער וואס ווערן געטראגן אפן „באנד", שלאגן זיך איינס ס'אנדערע אין גאנג און גרילן נאגעוואלט, רעדער פינקלען קיילעכדיק, די „בעלט" זינגט איר ליד, איר שרעקלעך ליד, פאוואלי, פאוואלי — א פאוואליקע, געמאסטענע שנעלקייט... פאר יעדער יעדער איינציקער רעגע — א זיכער, ריטמיש־באשטימט טרומנעלע.

איין מאשין יאגט די אנדערע און אלע אינאיינעם ווייסן נישט צו וואס. די „בעלט" — דיריגירט. האלט טאקט, מזאל נישט פאלן איבער די פיס, אדער בלייבן שטיין. טאם טע דירי, טאם טע דירי, גלייך, גלייך, גלייך! טאקט, טאקט... טיק־טאק, טיק־טאק!... פארדם טאק־טיק!

דא ווערט די „פארדקאר" געבוירן. פאר דיינע אויגן קריכט זי פונם מוטער־גוף ארויס. פאר דיינע אויגן ווערט די מוטער שטאל באשלאפן פון פאטער פייער. דער זאמען נעמט לעבן אן. עס געשטאלטעוועט זיך דאס עמבריא. — די איינציקע גלידער... פונם מוטער־גוף קריכן די שטיקער צונויף — פאר דעם גלאנציקן נייעם באשעפעניש.

רויטע רעגעס שטייען מיט אויגן אף די דאלאניעס, מעסטן דאס ווערן... מעסטן דעם לויף פון בליץ, די שנעלקייט פונם אטאם.

אף פייער פאלט קיין שאטן נישט.

לוידערט עס און פינקלט און בליצט און מאכט כויזעק פונם מענטש — שטלט אים א לאנגע צונג ארויס:

— נארישער פעטיך!

— דעם טשוואקס מעשארעם!

הערט זיך א געוויין פון טויזנטער הייסע שטיקער אייזן, וואס מ'קילט אין וואסער. אפילע אייזן וויל נישט קאלט ווערן.

די „בעלט" גייט. מיר גייען מיט. עס איז א גרויסער יאר־יאריד, מארד־יאריד, וואו מ'פארקויפט פארזשאווערטע שאען זייער ביליק... מענטשן רעדן עפעס, טוען עפעס. וואסער זידט... איינער א „גרינער" ארבעטער, אפאנים, לויפט נאך דער אונטערשטער „בעלט", קען נישט נאכהאלטן... עס אנטלויפט... אן אנדערער לויפט נאך, ראטעוועט, מוסערט אים אויס. יענער זאגט: „מ'האט מיך נישט געלערנט".

בא פארדן לערנט מען ביכלאל נישט דעם ארבעטער וואס צו טאן. ווי א בלינד פערד טוט מען אים אן דעם כאמוט. מ'דערלאנגט איבערן קאפ מיט דער בייטש, מיט דער „בעלט". דאס ציימל אפן מויל בלוטיקט דאפון — ארט עס קיינעם נישט... דער „באלעגאלע" איז פון אייזן און שטאל.

צו פאָרדן איז דאָך דאָס „גליק" געקומען דאַפקע דאַפאָר וואָס ער איז אַ כאָם. דעריבער גלויבט ער נישט אין לערנען, אין שטודירן.

קען איינער נישט „געבן צו דער האַנט", איז זיין לעבן נישט ווערט קיין גראָשן. ער וועט מוזן נאָכלויפן, פון „ריטם" ארויספאַלן — הונדערט קייטן, הונדערט שטיקער אייזן לויערן אַף אים... שאַרפע ציין פון רעדער, אָפּצווענגעס, שרויפן, סאַם־וואַסערן.

אומעטום זעסטו אויפשריפטן „שפּיטאַל". „ערשטע הילף" — אייזערנע טרעפּלעך פירן אַרויף צו די קעמערלעך, וואָס האָבן רויטע צלאָמים אַף די טירן. אַמאָל פליט דערך אַ ציילעמניצע מיט אַ רויטן טשיפּיק אַפן קאָפּ.

מיר גייען הארט לעבן דער וואַנט. עמיצער שרייט „היט זיך!" — דאָס איז אַף קאַטאָוועס, אונז איבערצושרעקן. דער שרייער האָט גרויסע געלע ציין. ער צוקט מיט מיט די אַקסלען, און מאַכט נישט־אומיסנע מיט דער נאָז, ווי סי וואָלט אים עפּעס געביסן אינעווייניק.

:: :: ::

אין מאָנטאַזש־קאָרפּוס:

בא דער וואַנט, וואו מיר גייען פאַרביי, זענען צוויי טראָג־בעטלעך צונויפגעוויקלטע, יעדעס פון זיי צוגעפּעסטיקט צו דער וואַנט מיט אַ שפּיגאַט.

דאָס איז דאָס סאַמע לעצטע אָרט, וואו די „פאָרד־ווערקס" גייען צו קינד.

צומערשטן זעסטו אַ מין שינע אַפן „בעלט". אַף דער רעלסע דער פונדאַמענט פון דער פאָרד־קאַר, די אונטערשטע בלעך־שטיקער, וואָס דינען פאַר טראָט־ברעטער.

די „בעלט" באַוועגט זיך. אַביסל ווייטער שטייט שוין איינער מיט פינף רעדער. די רעדער ווערן פון פינף מענטשן געכאַפּט. יעדער היינגט־אָן אַ ראָד. דאָס פינפטע ראָד צוגעטשעפּעט פון הינטן אַף „מ'זאָל נישט באַדאַרפן".

אַ מענטש פאָרט אַרום אַף אַזאַ נידעריק ראָד־וועגעלע (ענלעך צו יענע, וואָס קאַליקעס אָן פיס באַנוצן). ער פאָרט פאַרוים, ער פאָרט קריקצעווייַלעכס, ער קריכט אונטער די רעדער. כאַפּט עפּעס אַראָפּ, לייגט עפּעס צו, גיט אַ לעצטן גלעט מיט אַ לאַנגן האַמער.

די „בעלט" גייט ווייטער. קומט איר אַנטקעגן איינער מיט אַ גרויסן עלעקטרישן „ניטער" אין דער האַנט אַף צו ניטעווען די רע־דער. טררר. טררר. טררר. איינס, צוויי, דריי. דריי־דריי. אַ ניט איז פאַרטיק. נאָך אַ דריי — נאָך אַ ניט.

אמאָל פּאַרשפּעקטיק ער, לויפט־ער־נאָך אַ בייזער מיט זיין „עלעק־טריש געווער", ווי אַ כאַזער־שלעגער וואָלט נאָכגעלאָפן אַ נישט־דערקוילעטן כאַזער.

דער אָפּן נידעריקן רעדל רעדלט-זיך אָפּן געזעם אהין און קריק. ס'ראָוו היטערווייל־עכס. ער איז איצט באוואָפנט מיט אַ הויפן שמאַטע־וואָל און מיט אַ לאַנג־נאָזיקן אייל־שפּריצער. ער לויפט־נאָך און שפּריצט איין.

אין דער הויך קריכט אַן „ענדזשין". מיט 3—4 טאַקטן ווערט ער אַריינגעזעצט דאָרטן וואו מי דאַרף. בעיים דאָס ווערט געטאָן, גיסט איינער דערווייל אַן וואַסער אין ראַדיאַטאָר.

דער אַנדערער פּילט־אָן דעם „גאַזאָלין־קעסל". אַ דריטער פּאָרט־מיט אַף דעם ווערנדיקן אויטאָמאָביל וואָס פאָר אָפּן בעלט, מאַכט דאָרטן עפּעס צערעכט... אַן אַנדערער היינגט אַף דעם פאָרענדיקן אויטאָמאָבילס טראָט־ברעט, באַקוקט דעם „ענדזשין", פּריפט דאָס לענק־ראָד, באַקוקט די „געדערים פון ענדזשין".

אַ פּאָר טראָט ווייטער:

פונם „הימל" קומט אָן דער קערפּער — באָדי — הייסט דאָס אַף ענגליש. (דאָס איבעריקע איז האַפּאָנים — „נעשאָמע"). די „בעלט" שלעפּט אים ווי אַ זאַדיק פון אַ בעהיימע. דריי מענטשן העלפן דער בלינדער „בעלט" אַריינטרעפן וואו מען דאַרף.

אין אַנדערהאַלבן מינוט איז דער אויבער־טייל אַריינגעזעצט, די נעשאָמע האָט אַ גוף... דער גוף גלאַנצט... די שויבן שפּיגלען. דאָס גענוקלטע וואָרט „פאָרד" לאַכט דיר אַנטקעגן מיט באַרימערײ און מיט האַזע. די „ווינד-שויב" ווערט פון איינעם געפּוצט.

דו האָסט דאָס געפיל פון אַריינקוקן אין אַ געעפנטן בויך פון אַ מוטער, בעיים זי גייט צו קינד. עס איז אַזוי נישט־היימלעך, גיים־טערדיק.

ביפראַט אַז די „בעלט" קומט־צו צום סאָף פּאָסוק, און איינער זעצט זיך אַרויף, שטעלט אַרויף דעם פוס אָפּן „טרעטער", לאָזט די גאַז, גיט אַ ריר דאָס האַנט־ראָד און די „פאָרד־קאַר" איז פונם אייזער־נעם נאָפּל אָפּגעשניטן! זי לעבט און — בלישטשעט צישן הונדערטער אַנדערע ניי־געבוירענע פאָרד־קאַרס, אין „שוי־זאַל", וואָס איז אַ 50 טריט פון סאָף־בעלט.

דו גייסט ק ר י ק. דו ווילסט דיך אָנזען צו זאַט מיטן פאַר־שאָלטענעם קויעך, און דו האָסט דאָס געפיל פון... צעפּאַלן, פון נישט־ווערן, פון אַ לעבעדיקן קינד, וואָס ווערט ק ר י ק א ר יי נ ג ע־צ ו ו א ו נ ג ע ן אין דער מוטערס טראַכט...

וואָס פאַר אַ וואונדער דאָ געשעען!

„אינם בעלט" — אַזוי זאָגט דער פירער אונזערער — „אינם בעלט ליגט דער גאַנצער אויפטו פון הענרי פאָרד!" אַז עמיצער פון די אַרבעטער באַקלאָגט זיך אַף עפּעס, זאָגט מען אים: „טאַינע צום בעלט!" דאָס איז אַ ווערטל אַזאַ אַף אַלע פאָרד־פאַבריקן...

„אין אָנהויב פון דער נייער פּראָדוקציע", באַלעקט זיך ווייטער דער יונגערמאַן מיטן געקעסטלטן אויבערמאַנטל, — „איז צוגעגאַנגען אַביסל שוואַך" (דאָס וואָרט „שוואַך" זאָגט ער אַף אידיש). ווייל די מאַשינען זענען געוועזן ניי און נישט־איינגעריבן. אָבער די „בעלט" האָט זיך איינגעאַרבעט. איצט מאַכט מען שוין צ ו ו יי מ אָ ל אַזוי פיל און מ'זאָגט שוין אַפילע אָפּ אַרבעטער!... מ'האָט געזאָלט אַוועקשיקן אַ היבש ביסל נאָך היינטיקע וואָך. נאָר די דעטראָיטער „האַנדלס־קאַמער" האָט זיך געווענדט צו פאָרדן, ער זאָל דאָס נישט טאָן איצט — פאַר ווייַנאַכטן און ניי־יאָר, ווייל די אַרבעטער וועלן זיך דער־שרעקן און נישט וועלן אויסגעבן קיין געלט אַף די יאָם־טויווים. „לאָזן זיי צומערשטן", האָט געזאָגט דער „טשעמבער אָוו קאָמערס", „אויס־געבן דאָס אָפּגעשפּאָרטע געלט אַף קריסטמעס־שמאָכטעס און ניי־יאָר־מאַטאָנעס, דערנאָך וועט איר זיי קענען אַוועקשיקן". מר. הענרי פאָרד האָט זיי צוליב געטאָן... („פאָרדס סיסטעם"? ער האָט אַפילע נישט קיין סייכל אָנצושטעלן אַ „גאַיד", וואָס זאָל נישט אויספּלוידערן קיין סודעם!)

— „ל י ל י ?" — פרעגט דער בינעזער, וואָס קען נישט אַרויסרעדן קיין „ריש" אין אָנהויב וואָרט.

— „רילי!" — זאָגט דער יונגערמאַן, „איך זאָג אייך קיין ליגן נישט! אין שיקאַגאָ" — גיט ער זיך אַ דריי צו מיר, „זענט איר אַמאָל געוועזן אין די שלאַכט־הייזער? ניין? עס איז נאָך ערגער ווי דאָ... דאָרט איז גאַדעמראַטן... איך האָב אַמאָל געזען דאָרט, ווי דער גאַנצער כאַזער קומט אַרויס אָפּגעקרילט און אָפּגערייניקט. דאָס אַלצדינג ווערט געטאָן פון מאַשינען. נאָר באַם סאַמע סאָף, אַז דער כאַזער קומט שוין אַרויס פאַרטיק, שטייט דאָרט אַן אָג־מעלעך־האַבאָ־שאָנדיקער ניגער, נאַקעט ביז צו די הויזן, מיט אַ ברייטער האַק אין דער האַנט, ווי אַ טאַליען. אַזוי גיך ווי דער כאַזער קומט אַרויס פון מאַשין — קנאַק! איין זעץ און דער קאָפּ איז נישטאָ!... איר קוקט אַפן ניגער. ער קוקט אַביסל אַף אייך, ער איז אָפּגעגאָסן מיט שוויים, אָבער ער קען זיך נישט אָפּשטעלן... קעפּ וואַרטן... איין פאַרקוק ווען ער גיט זיך — פליט אַוועק אַ כאַזער מיט אַ גאַנצן קאָפּ. גיי לויף אים נאָך... כאַ־כאַ!"...

דער ביכעזוער פארשרייבט אלצדינג מיט זיין דיקער בלייפעדער אף זיין לאנגן שטיק פאפיר. ער גייט און שרייבט. ער זעט קימאט גאר-נישט. נאר ער שרייבט. ער ווילט נישט פארלירן קיין איין ווארט פון דעם, וואס דער פירער זאגט! אז ער וועט אהיים קיין כינע, וועט ער צונויפרופן זיינע פריינט די מאנדארינען מיט די גענזענע פינ-גער־נעגל און ער וועט זיי דערציילן פון דער „כאזער־האק" אין שיקאגא: „קנאק — און סי פאלט א קאפ... אזוי ווי אין כינע... נאר דארטן איז עס קעפ פון מענטשן... כאזיירים זענען אין כינע בראנד־טייער!"

מיר גייען ארוים אין דרויסן. ס׳איז טונקל. די נאכט פאלט שוין צו. איבער די בריקן גייען קעסיידער די צוויי שטראמען. נאך רירעוו-דיקער ווי פריער. עס איז איבערבייט־צייט. די „שיפטס" (קיטעס) בייטן זיך דריי מאל א טאג. צו 8 שא יעדער „שיפט". איצט קומט דער צווייטער „שיפט".

געקווילעטע פנים גייען איבער די בריקן. אביסל לוסטיקערע פנים קומען אן. אין די הענט פון די קומענדיקע און גייענדיקע בליש-טשען בלעך־קעסטעלעך. אדער שווארצע, קליינע, מעטאלענע האנט-רענצלעך, אין וועלכע זיי טראגן זייער מיטיק־ברויט.

מיר גייער אריין אין די גלאז־פאבריקן.

דארט איז די היץ אזוי גרוים, אז מי קאן דעם אטעם נישט כאפן.

פון א באלקאנדל קוקן מיר אראפ און מיר זעען בלויז געציילטע עטלעכע ארבעטער: שטייען און מישן די „רויטע קאשע", אטעמען פייער און רויך.

יעהאווא, און כריסטוס, און מאהאמעד, — אויב איר לעבט און זענט פאטערס צו די מענטשן, מעג א רועך אין אייערע טאטעס אריין!

:: :: ::

איר רעדט פון העלדישקייט אף שלאכטפעלדער, העלדישקייט בעיים א שיף גייט אונטער, איר פריפט בעסער שטיין דא־א א שא דורכאנאנד!

נישט צוליב א געליבטער, וואס טרינקט זיך, נישט פאר אן אידייע, נאר פאר א שטיקל ברויט!

און עפשער איז דאס גארנישט קיין העלדישקייט, נאר א מעשו-גאס? דער „בעלטס" מעשוגאס? די שטומפיקע הענריזאציע! נישט די מאשין פאר דעם מענטשן, נאר דער מענטש פאר דער מאשין...

וואס פאר אן אומזין איז די מאסן־פראדוקציע, ווען זי ווערט באנוצט פון מענטשן — ק ע ג ן מענטשן!...

מיר מוזן לעבן „ב א ק ו ו ע ם" (מיר קענען דאך נישט

לעבן אַזוי פּרימיטיוו און אָרים און אָן קאָמפּאָרטן ווי אונזערע זייי־דעם !). שלאָגן מיר זיך פון די קויכעס אַרוים די קאָמפּאָרטן צו באַקומען. עסן מיר אונזער לעקעך מיט שוויים, אונזער שטרודל מיט... טרערן !

וואָס זשע איז בעסער : ברויט מיט — געלעכטער, צי לעקעך מיט טרערן ?

אוודאי וואָלט דאָס בעסטע געווען לעקעך מיט געלעכטער ! אָבער צי איז דאָס מעגלעך אונטער אַ קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם ?

פאַר דער גלאָריפיקאַציע פון דעם „מעשוגענעם העגרי" האָט מען באַשאַפן מאַשינען, וואָס האָבן דעם מענטשלעכן מין געמאַכט צו לעסטערונג, צו שפּאָט.

איך שטריינג מיך אָן עטלעכע מאָל אַרויפצוגיין אויפן אויבערשטן שטאָק, וואו די גלאָז־אויוונס זענען, — איך קען נישט. איך מוז צוערשט אַרויסגיין פרישע לופט אָנשעפּן אין די לונגען. דערנאָך לויף איך אַריין קריק אין די גלאָז־ווערק, לויף אַרויף אויבן און כ׳זע אַן עלטערער מאַן, מיט אויסגעקראָכענע וויעס, האַלט אַ פייערשטעקן אין האַנט, שטופּט־אונטער די גלאָז־קאַשע אין אויוון אַריין...

פון אַן אַנדערן אויוון, וואָס איז טיף און פינצטער ווי די אייביקייט, וואַלגערט זיך אַ בלאַט גלאָז אַרוים, לאַנג, ווי דאָס לעבן, וואָס איז נישט קיין סאַך בעסער פונם טויט. דאָס פריש־געבוירענע גלאָז־פּלוס איז ברוינלעך טונקל און געקאַרבט. עס גליטשט זיך איבער רעדלעך, אויף לאַנגע טישן ווערט עס געשווענקט און גערימענטעוועט, געריבן און געשליפן און אַלץ אין אַ היץ פון אַ פייער, וואו דער שטאַרקסטער אויוון קען בלויז אויסהאַלטן העכסטנס 8 כאַדאָשים, און וואָס סע געדויערט 3 כאַדאָשים נאָכאַנאַנד אים צו דערהיצן !

איך האָב בלויז פינף מאָל איינגעאָטעמט די לופט פון דער שמעלצעריי, מער האָב איך נישט געקענט. איך בין אַרויסגעלאָפן.

באַ די שיב־טיר איז געשטאַנען דער כינעזער און — געבראָכן אויף אַ בערגל געלן זאַמד אַרויף.

„נאָט פילינג וועל ?" האָב איך אים געפרעגט.

ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט צוויי דערטרונקענע אויגן, אין זיין לינקער האַנט איז שלאַבריק אַראָפּגעהאַנגען דאָס לאַנגע שטיק פּאַפּיר.

ער האָט גאָרנישט געזאָגט. ער האָט נאָר געשמייכלט מיט שיטערע ציינדלעך.

אַז איך האָב מיך אומגעקוקט, האָב איך געזען, ווי ער רייסט־אָפּ אַ שטיק פּאַפּיר פון זיין געשריפט און ווישט זיך אָפּ דאָמיט ס׳מויל.

צי וועט ער שוין א י נ ג א נ צ ן נישט צונויפרופן זיינע

מאַנדאַרינען מיט די גענזענע נעגל־פינגגער און זיי דערציילן וועגן דאָס לאַנד „אַמעריקע“? צי ער וועט עפּשער בלויז דעם סאָף אויסלאָזן?

:: :: ::

אין דרויסן איז שוין געווען צונעפאַלן די נאַכט.

פון די אייזערנע לאָקשן־טעפּ־וואַזאָנעס בא די ווענט פון די שטאָל־גיסערייען האָבן געשפּריצט פלאַקערדיקע פונקען, ווי רויזן פון פייער.

אַן אַרבעטער איז געשטאַנען מיט אַ רויטער פאָן און געגעבן אַ צייכן מ׳זאָל זיך היטן, ווייל די פייער־קאַשע איז פריש!

אַף אַלע בריקלעך האָבן געפלייצט צוויי שטראָמען מענטשן — איין שטראָם אַהער, איין שטראָם אַהין...

די אמעריקאנישע רויטע ארמיי אין קעמפ „ניטגעדאיגעט"

אין קעמפ איז איצט ביינאזמאנעמדיק. א קליינע גרופע כאווירים — ס'ראוו ערשט פון קראנקן בעט ארויס, רוען זיך אפ, עסן זיך אן צו־זאט — ווער אף עטלעכע טעג, ווער אף א וואך צייט.

גייען דארום די טעג דא שטיל און געמיטלעך. נאר אז מ'האט געמאלדן, אז די הונגער־דעמאנסטראנטן זענען שוין אפן וועג קריק פון זייער מארש קיין אלבאני, און אז זיי וועלן זיך אף איבער נאכט אפשטעלען אין קעמפ „ניטגעדאיגעט", האבן אלע גענומען פלאטערן מיט אומגעדולד און פיבערן. א שא נאכן מאלצייט האבן שוין אלע „געסט" געשלעפט טישן, בענק, געשפרייט פרישע טישטיכער, געדזשוויגעט מאטראצן, געקערט און געריייניקט ווי ערעוו־פעסעך, און עס איז געווען, ווי פרומע, פארצייטיקע אידן פלעגן אויפמאכן די טיר און זיך ריכטן, אז „עלינאווע" זאל אריינקומען, מיט דעם איינעם כילוק נאר, וואס די פרומע אידן האבן געוואוסט, אז „עלינאווע" וועט דעם געגרייטן קאס מיט וויין זיכער נישט אויסטרינקען, בעיים מיר האבן געוואוסט, אז ווען די הונגער־בריגאדע וועט אריינפאלן אין קעמפ אריין, וועלן די כאווירים זיין פארפרוירן און פארהונגערט פונם וועג. מיר האבן דארום געגרייט א ווארימע וועטשערע פון זופ, ברויט, כאזער־פלייש, קארטאפליעס, ארבעס און קאווע.

דורך טעלעפאן האט מען אונז אריבערגעזיפט פון אלבאני אביסל שיטערע נייעס, אז די „דעמאנסטראציע איז אפגעגאנגען פלאמיק און בלוטיק, אז פון אונזער צאד זענען ארום 20 כאווירים פארוואונדעט. נאר די סטייט־פאליציי האט זיך אויך נישט גענארט, און זיי וועלן אונז האבן צו געדיינקען".

איז ווי מיד א טייל געסט זענען געווען פון אויפטרייסלונג, וואס די הונגער־דעמאנסטראנטן האבן איבערגעלאזט באם אפשטעלן זיך אין קעמפ אפן וועג צו „אונזערע טאטעלעך" אין אלבאני, האט יעדער אף זיך גענומען בעאהאווע די נייע ארבעט פון מעקאבל־פאנים זיין די קריגער אף זייער וועג פון שלאטפעלד, כאטש דאס הארץ איז געווען פול מיט הייסער ביטערניש איבער די „קלאב־סענדוויטשעס",

מיט וועלכע די באַלעבאַטים פון דער געזעץ־פאַבריק אין אַלבאַני האָבן אויפגענומען אונזערע הונגער־דעמאָנסטראַנטן.

די שטאָט ביקאָן אַליין, דאַרפט איר וויסן, האָט געהאַט אַ שטיקל כיילעק אין דעם מאַרש. אַרום אַ טוץ נעגער, כאַווײרים פונם לײמיקן טאָל, וואָס איז אונטער דעם בערגל, אױף וועלכן דער קעמפּ שטײט, — ציגלקנעטער, וואָס האָבן שוין העכער אַ יאָר קײן ציגל נישט צו קנעטן, האָבן זיך פונם קעמפּ־אױס אָנגעשלאָסן אינם הונגער־מאַרש. — גרויסע, קנאָכיקע, הונגער־פאַרצערטע מענטשן, מיט צײן װי האָר־מאָניקעס, אױגן לאַכנדיקע, געמיטער קינדישע. אַלע האָבן די טונקעלע הענט געהויבן קעגן די װײסע װענט פונם קעמפּ, זיך אָנגעגעבן אין בונד פון פעלקער־כאַווערשאַפט פון אַלע רעװאָלוציאָנערע אַרבעטער, און מיט פלאַכע, צעמוטשעטע פיס, שיך צעגעסענע פון בלאָטע, מיט אַ גאַנג, װי זײ װאָלטן געשלעפּט ציגל אױף זיך, זיך מושטירט אין אַ „סקוואָד״, וואָס איז אַ טײל פון אַ „קאָמפּאַני״, מיט אַ לײטענאַנט און אַ „קעפּטן״, און מיליטעריש דיסציפּלינירט — לויטן רוף פונם „עלצטן״ זיך געלאָזט מיט דער הונגער־בריגאַדע קײן אַלבאַני.

אײנע פון די שוואַרצע שוועסטער, אַ פעטע, אַ לאַכנדיקע און אַ בײזע האָט דערמאָלט געזאָגט:

— וועלכער סאַנאַוו... האָט עס אונז דערצײלט, אַז די קאָמוניסטן זענען אַ „פאַרווילדעטע״ באַנדע? איר װילט ברויט פאַר זיך און אײערע קינדער, מיר — אױך דאָס אײגענע. וואָס איז דאָ „ווילד״, אַ שטײנער? אַז איך פלעג לײענען אין אונזער היגן פּײפּער װעגן די באָלשעוויקעס, האָב איך געמײנט, אַז דאָס איז עפּעס אַ באַזונדערע נאַציע, און איך פלעג פרעגן באַ מײן מאַן: אין וואָסער „טשוירטש״ (קירך) גײען די באָלשעוויקעס? האָט ער נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן, און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער דײנקט, אַז זײ מוזן זײן אינדיאַנער, װײל מ׳רופט זײ „רויטע״.

הילכיקע קינדערשע געלעכטער־שאַלעכצן האָבן געפּלאַצט און אַרויסגעלאָזט ליכטיקע ווערטער, און... איצט קומען זײ קריק פון זײער ערשטער שלאַכט. איז נישט מער װי רעכט, מ׳זאָל דעם גאַנצן „ציגל־טאָל״ פאַרבעטן אין קעמפּ־אַרײַן צו דער באַגעגעניש פון זײערע ערשטע קריגער, וואָס קומען קריק, געזאַלבט אין אַרבעטער־בלוט פון אַלע ראַסן, וואָס האָט גליטשיק געמאַכט דעם דיל אױף דעם מיריוו־באַלקאָן פון „סטײט־קעפּיטאָל״, און איבער וועלכן מ׳איז געפאַלן און זיך פאַרשמירט...

א קאָמיטעט פון עטלעכע ניטגעדאַיגעטניקעס, זענען מיר אַראָפּ באַנאַכט אין טאָל אַריין, מיט אַן עלקטרישן לאַמטערן אין האַנט, געטאָפּטשעט אין „בלאָטעס מיט שייבלעך״. די פראָסט־שייבלעך האָבן ווי גלאָז געקנאַקט אונטער די טריט. דער אַרבעס־זופּ־טומאַן איז געלעגן איבער די הילצערנע כורוועס, וואו די שוואַרצע אַרבעטער וואוינען. דורך פענצטערלעך, גרויס ווי ניסלעך, האָבן געפינטלט זערנעם ליכט. עס האָט געשמעקט האָלץ־רויך, איבער אָפּפאַל, אונטער פראָסט, אונטער טומאַן־פייכקייט פונם נאָענטן האַדסאָן. קיין הונט האָט נישט געבילן, ווייל פון וואָס וועלן דאָ הינט לעבן? אז קיין ביין וואַרפט דאָ קיינער נישט אַרויס, אַז קיין פליייש עסט דאָ קיינער נישט. וואָרין דער הונגער האַפּלסט דאָ אַרום אַף לאַנגע פיס, און זיין ברייט־ברייט מויל גריזשעט די אָנגעצויגענע הויט און די דאַרעביינער פון דער טונקעלער טאָל־באַפעלקערונג, וואָס ליגט אין די הויי־לונגען פון ליים און נערט זיך אַף ביטערע וואָרצלען, אַף שיטערע גריצן, אַף בעטל־ברויט...

— פאַרגעסט נישט צו קומען היינט באַנאַכט אין קעמפּ אַריין, כאַוויירים!

— מיר וועלן שוין קומען מר. כאַווער...

— שואַה, מיר׳ן אַלע קומען... עי, עלאַ העיז! עי, העמילטאָן! עי, דזשעקסאָן! עי, עזעקיעל!...

— פלאַטשיקע פריילעכע „עיס״ צעבויטן די לופט. פענצטערלעך מאַכן זיך אויף, לאָמפּן ווייזן ליכט־רעדער אַף קוויטיקע, נאַקעטע טישן.

:: :: ::

אַרום 9 אַזייגער באַנאַכט.

דער בויך פונם דרויסן איז פייכט און שוואַנגער מיט שניי. אין קעמפּ ברענען אַלע עלעקטרישע באַרנעס אין גאַנצן קנאַק. פאַר דער דרויסן־טיר די צוויי לאַמטערנדלעך זאָגן: „אהערצו, כאַוויירים, מיר וואַרטן אַף אייך. וואָס מאַכט איר גוטס?״ אין עס־צימער גייט די מאַשין, וואָס שניידט ברויט, און זי זשומעט ווי אַ זעג־מאַשין. אַף די ווייטע טישן שטייען שוין די איבערגעדעקטע ווייסע קאַווע־שאָלן, מיט אויערלעך ווי פראַגעצייכנס. צוויי קאַווע־שאָלעכלעך פרעגן אַף יעדן טיש: „פאַרוואָס״? די לעפל־גאָפּל באַרואיקן זיי מיט קוראַנטע, בלעכענע אויסרופצייכנס.

— שאַ, אָט פאָרן זיי.

יעדע עטלעכע מינוט דאַכט זיך עמיצן אויס, אַז מ׳האָט געהערט אַ טרובע פון אַ טראָק און דאָס קלינגען פון קייטן אַף שווערע מאַשין־

רעדער. דאָס מוז זיין אונזערע — זיי קומען אַף „טראַקס״.
אַלע עטלעכע מינוט לויפן מיר אַרויס אין דרויסן, שטעלן אין דער פינצטערניש אַן די אויגן אַף דעם ליכטפּונקט פון אַ קומענדיקן אויטאָמאָביל, ביז יענער פאָרט פאַרביי, און מיר בלייבן אָפּגענאַרט. עטלעכע מאָל אַזוי. מיר ווערן סאָפּקאָלסאָף מיד, און מיר קוקן זיך שוין נישט אום אַף די אויטאָמאָביל־פייערלעך. די שוואַרצע כאַווײרים שטייען אומגעדולדיק אַרום די ווענט, קנעטן זיך די פינגער, שאַרן זיך מיט לאַפּעטע־פיס אַהער און אַהין, מיט אַ געבויגענעם גאַנג, ווי זיי וואָלטן געטראָגן ציגל.
דאָ עפנט זיך די טיר און — שטיל, אָן גרזאַנגען, ווי מיר האָבן געהאַט אויסגעמושטירט — פירט מען אַריין אַ כאַווער אונטער די אָרעמס. דער קאָפּ איז פאַרבאַנדאַזשירט אי פון אויבן, אי אונטער דער גאָמבע, ווי אַ ווייסער העלמעט. ער איז הויך און האָט בלאָנדע האָר, גראָע שטאָל־אויגן, און ער שמייכלט.
דער „רויטער רויפע״ גייט פאָרויס, זוכט אַ צימער אָפּן אונטער־שטען שטאָק, ווינקט צו די אונטערפירער, מ׳זאָל אים נעמען אַהער־אַהער און אים לייגן אין בעט אַריין.
נאָך אים קומט פלינק אַ כאַווערטע אין אַ גרינער לעדער־יאַקע. פלינק גיט זי אַ דערטאַפּ עטלעכע שטיקלעך פּאַפּיר, שרייבט אַף יעדן אויף „ערשטע הילף־סטאַנציע״, פעסטיקט זיי צו צו עטלעכע טירן (מיט שטיך־טשוועקעלעך) לויפט באַלד אַרויס, מיר — נאָך איר. עס זעט זיך אָן אויטאָמאָביל, וואָס סאַפּעט נאָך פאַרן אָפּשטעלן זיך. עס קריכן אַרויס מענטשן מיט פאַרבונדענע קעפּ, מיט הענט אַף „שלינגעס״. איינעם אַ שוואַרצן כאַווער — טאַקע פון יענעם־אַ טאָל, וואו מ׳פלעג אַמאָל ברענגען ציגל — טראָגן דריי מענטשן אַריין. די כאַווערטע אין דער גרינער לעדער־יאַקע לויפט פלינק אַרום, פרעגט ווער פון די מאַנסבילן עס האָט אַן עקסטרע פאָר וועש — ער איז אינגאַנצן אין בלוט.
אין צען מינוט אַרום איז דער אונטערשטער שטאָק פון „ניטגע־דאַיגעט״ אַ שפּיטאָל. עס גיט אַ שמעק מיט מילכאָמע. די סאַניטאַרן קומען אָן, מיט פלעשלעך און שערלעך, מיט קאַרבאָל, מיט מאַרלע און גומי־פלאַסטערס. קיינער איז נישט היסטעריש. טירן פאַרמאַכן זיך. כאַווײרים ווערן געבעטן צו זיין שטיל. כאַווערטע פרידע דזשעק־סאָן, אין אַ דיק, מענערש כאַקי־העמד, אָפן באַם האַלז, קומט אַריין שטיל און זעצט זיך אַוועק אַף דער ערשטער באַנק נישט ווייט פון דעם אירלענדישן כאַווער, וואָס איז 16 מאָל פאַרוואונדעט געוואָרן אין דער וועלט־מילכאָמע. זי דערציילט אַף אידיש: אַט איר זעט

אים — אַזאַ גרויסער און ווי אַ קינד. געשעלשאַפט געוואָרן אין דער מילכאָמע. אַז אַ „טרופּער" האָט געצויגן דעם רעוואָלווער, אויפגעריסן זיך ס'העמד און געשריען: „שיס, דו באַסטאַרד! אַפן פראַנצויזישן פראָנט האָסטו דאָס נישט געוואַגט!"...

לייכט־פאַרוואונדעטע זיפן זיך אַריין ביסלעכווייז. אַלע קראַנקע האָט מען געבראַכט אַף אויטאָמאָבילן. די איבעריקע פאָרן נאָך אויף טראָקס...

— און איר, כאַוועך?

— באַ מיר איז דאָס אַף איין צאָן. 70 יאָר בין איך אַלט און אַ טויזשעוו פון „פלאַפּהויז"... געווען אַף דער שפּאַניש־אַמעריקאַנישער מילכאָמע. „מיטגעמאַכט די וועלט־מילכאָמע און האָף נאָך צו זיין אַף די באַריקאַדעס (מיט אַ שמייכל אונטער די גראָע, שטומפּיק־אָפּגעזעגטע וואָנטשעס) איך בין דאָס דער יעניקער, וואָס „איז נישט ווערט צו טראָגן די אַמעריקאַנישע פאָן". — אַ טרופּער האָט זי מיר פון די הענט אַרויסגעריסן... „דו ביסט נישט ווערט צו טראָגן אונזער פאָן"

— ער אַזוי! אַלרייט, האָב איך געזאָגט, דאָס צווייטע מאָל, אַז איכ'ל קומען אין סטייט־קעפּיטאָל, וועל איך שוין טראָגן „אונזער אייגענע רויטע פאָן".

מיר האָבן דערוויל צוגעגרייט די וועטשערע. כאַוועך רעימאָנד, וועלכער איז איינעם מיט פאַסטער־מיינערן אָפּגעזעסן אַ שטיק צייט אין טורמע און וועלכער איז ערשט דאַ־אַנומעלטן אַרויס אַף דער פריי, האָט זיך אָנגעטאָן אַ פאַרטוך און איז פאַרנומען אין קיך מיט שיילן פּאַסיקלעך כאַזער און לייגן עס אַף די טעלער. דער אוקראַיני־שער קובער אונזערער שלעפּט אַ גרויסן טאָפּ זופּ פונם אויוון אַפן קעך־טיש אַרויף און שרייט אַף אידיש: „כווי־צאַך! האַים!" באַלד הערט מען אַ פייף און געזאַנג — זיי קומען.

מיר גייען זיי אַקעגן. עטלעכע ריזיקע טראָקס, פולגעפּראָפּט מיט מענטשן. פון אַלע מיטאָמאָל גיט אַ לאָדער־אויף, ווי אַ וואַלד־פייער, דער אינטערנאַציאָנאַל, מיר גיסן צו נאָפּט מיט אונזערע שטימעס, עס ווערט אַ מעסויקן־גרויס פייער, אַ פייער פון גלאָקן, אַ פייער פון שטראַלן, וואָס מ'קען מיט גאָרנישט נישט לעשן, מיט גאָרנישט נישט איבערשניידן.

פון די טראָקס אַרויס הערן זיך קוילעס באַפעלערישע, רויט־אַר־מייאישע:

— קאָמפּאַני „א" — אַרויסשטייגן. זיך שטעלן צו צווייי.

— קאָמפּאַני „ד" פאַרויס!

— קאָמפּאַני „ה" באַגלייט דעם טראָק מיט קאָלדרעס!

— פּאַרטיק? איינס, צוויי, דריי — מאַרש!

עס קלינגען אַף פּראָסטיקע גרודעס נישט געאיילטע, געמאָסטענע טריט. צו צוויי אין אַ שורע, ווי אַ גוט־מושטירטע אַרמיי, אין אַ זעלטענער דיסציפּלין מאַרשירן אַלע אַריין אין פּאָדערשטיבל פון קעמפּ. דאָרט קריגן זיי פּאַראָרדענונגען וואו צו שלאָפן. יעדער לייטענאַנט מיט זיין „סקוואָד". יעדער כאַווער קריגט אַ האַנטוך. רואיק, אָן דער מינדסטער אומגעדולד, כאָטש מוירעדיק הונגעריק, פירן אַלע אויס די באַפעלן. איך שטיי אַף די טרעפּ, וואָס פירן צו די שלאָפצימערן, און באַטראַכט זיי, און ס'פאַלט מיר איין: דאָס איז דאָך דער ניוקליוס פון דער קינפטיקער רויטער אַרמיי אין אַמעריקע!

אין אָלבאַני זענען געווען אַרום 500 הונגער־דעמאָנסטראַנטן, נאָר יענע וואָס וואוינען פון דער אַנדערער זייט אָלבאַני, אָדער ביקאָן, זענען געבליבן אין זייערע שטעטלעך. בלויז אַ טייל זענען געקומען אַהער. די אַרמיי, וואָס איז דאָ היינט באַנאַכט פאַרזאַמלט, איז בלויז דער „ניו יאָרקער באַטאַליאָן", אַרום 200 מענטשן. צווישן זיי זענען דאָ 60־ און 70־יעריקע, און אַ יאַט פון אַ יאָר 17, מיט רויטע בעקלעך און מיט דער מאַמעס מילך אַף די ליפּן...

— איר זעט דאָס אינגל? — זאָגט מיר כאַווערטע פרידע דזשעקסאָן, — פון ברעדליין אַרויס און זיך אַליין אָנגעשלאָסן אין אונז. זיין „סטאַזש" איז אינגאַנצן אַלט אַ צוויי וואָכן, נאָר איר האָט שוין באַדאַרפט זען, ווי דער יאַט האָט דערלאַנגט! באַם אַריינגאַנג אין „קעפּיטאָל" איז ער נאָך געווען „גרין", האָט ער מיך געבעטן, איך זאָל אים האַלטן באַ דער האַנט, נאָר דערנאָך, אַז ער האָט געזען, אַז אַ כאַווערטע ברעכט מיט בלוט, איז ער געוואָרן ווי אַ יונגער לייב. ער האָט זיך צוגעקלעפּט צו אַ טרופּער, און דער „בעדזש" מיט די „סנעפּ" מיט אַלעמען זענען געפלויגן אין דער לופטן. ווען אונזערע רייסן אים ניט אָפּ, וואָלט ער אים געווען דערקאָנטשעט...

— נישקאָשע, זיי האָבן פון אונז גענוג געלייזט, די בעכטעדס! דעם סאַמע „טשיף" זייערן, האָבן מיר אַראָפּגעריסן דעם גאַרטל מיטן רעוואָלווער, דאָס היטל אַראָפּגעוואָרפן אונטן און אים לייטיש מעכאַבעד געווען: „פּליז, לאָזט מיך אָפּ. פּליז, האָט ראַכמאָנעס" — דער גרעסטער הונט פון אַלע! דער יונגער דייטשער כאַווער האָט אים געוואָרפן אין פּאָנים אַריין דריי קוילן, וואָס זענען אַרויסגעפאַלן פון זיין פּאַטראָן־טאַש, דעם רעוואָלווער, דעם קלאָב, און אים געוואָרנט: „ גערדיינק, דו הונט, דו מאַמזער... דיין טאַטע איז אוואַדע אַליין אַן אַרבעטער, אַנישט וואָלסטו נישט געווען קיין פּאָליסמאַן, און דו האָסט אין זיך הינטיש בלוט"...

— אין א מינוט אַרום, אַז מ׳האָט עטלעכע פֿון אונז געכאַפּט אין אַ פּאַסטקע, אַף דעם בריקל, וואָס פֿירט פֿון דער מיזרעך־גאַלערי צו דער מיירעוו־גאַלערי, האָט ער אונז טאַקע אָפּגעטאָן אַ טויווע: „טשעפּעט זיי נישט״, האָט ער געזאָגט צו די אַנדערע טרופּערס, „זיי זענען אָלרייט״...

— אַז מיר צאָלן מיט שיין־וועאַין זענען מיר אָלרייט — וואָרען?

— איר האָט באַמערקט, ווי פֿרעמדע אַרבעטער האָבן אונז אויפֿגענומען אין די קליינע שטעטלעך? כאָטש פֿון דערוווייטנס, וואָרין סאָפּקאָלסאָף זענען זיי פֿאַרסאַמט פֿון דער געלער פּרעסע — אָבער מיט צושוויאַונג, מיט דערעך־ערעץ. מ׳האָט זיך באַצויגן צו אונז ווי צו אַן אַרמיי. אַפּילע די קו־קלוקסער האָבן געקראָגן „קאַלטע פֿיס״, אַז זיי האָבן אונז דערזען... עפּעס גאָרנישט די אַמאָליקע אידאַבליו יאָלדן... אַן אַרמיי, מיט אַ פֿעלד־שפּיטאָל, אַ וואַנדלדיקע קיך, קראַנקנשוועסטער, פֿעלדשערס, דאָקטוירים — פֿירער איינס ווי איינס! פֿון בידענקאָפּן ביז מ׳קענזין, ביז נעסין, ביז געקליבענע אַרמייער.

מ׳האָט געגעסן וועטשערע, און מ׳איז זיך צעגאַנגען שלאָפֿן, ווייל מ׳איז געווען מיד. בלויז אַפֿן אונטערשטן שטאָק האָט זיך געהערט אַ שטיל אַרומגיין פֿון אונזערע קראַנקנשוועסטער. אַ קרעכצן פֿון די צימערלעך אַף וועמענס טירן עס זענען געהאַנגען אויפֿשריפֿטן „ערשטע הילף״. פֿון די אויבערשטע טרעפּ האָבן זיך אַף די שפּיץ־פֿינגער אַ גאַנצע נאַכט געשלייכט מענטשן — ווער מיט אַן אייז־פּאַנכיר אין האַנט, ווער מיט אַ פֿלעשל מעדיצין, ווער מיט לעמאָנאַד. עס איז געווען נאָך אַ שלאַכט.

די אַרמיי האָט גערוט. די קראַנקע זענען געהיט־געוואָרן, באַראַטונגען זענען אָנגעגאַנגען צישן די נוירסעס און פֿירנדיקע כאַווײרים. די גענעראַלן זענען געזעסן אין „שטאַב״ און געמאַכט פּלענער אַף מאָרגן.

דער כאַווער קיך־קאָמיסאַר האָט זיך געקראַצט דעם קאָפּ מיט אַ בלייפֿעדער, גערעכנט אַהער און אַהין. צי טראָגט די קאַסע אַף צו סערווירן אייער צו פֿרישטיק, אָדער וועט מען מוזן יויצע זיין מיט אַן אַנדער שפּייז אַ ביליקערע. מ׳האָט זיך געאייניקט אַף גריץ, קאַרטאָפֿל, מילך, קאַווע, פּאָסטום, שאָקאָלאַד, דרייערליי סאָרטן ברויט און — פּאַפּיראָסן האָבן די „געסט״ פֿון ניטגעדאַיגעט געקויפֿט אַ קליינע מאַטאָנע פֿאַר דער אַרמיי.

מיטוואָך אינדערפֿרי האָט די כאַווערטע בוכהאַלטערן פֿאַר אירע לעצטע גראָשנס געקויפֿט זאָקן און ליולקע־טאַבאַק. כאַווער נעסין איז געשטאַנען אַפֿן טיש, מיט אַ האַלצעמערל אין האַנט. (דאָס העמערל

האָט ער אַזש מיטגענומען מיט זיך — אַזוי איז'ס אים געפעלן!) און געמאָלדן, אַז עס איז דאָ זאָקן און טאַבאַק, און אַז נאָר די וואָס נויטיקן זיך דורכוים אין איינעם אָדער אין ביידע פון די צוויי אַרטיקלען זאָלן הויבן די הענט. — הענט מיט האַלב נישקאָשעדיקע מאַנזשעטן, האָבן אויסגעגעבן די פּיס... אַזוינע האָבן קיין זאָקן נישט באַקומען...

נאָכן וואַרימען, געשמאַקן פרישטיק האָט די אַרמיי גענומען זיך צו סאַניטאַציע. דער קעמפּ איז קריק געשטעלט געוואָרן אַף די פיס. די צימערלעך אויסגעראַמט, אויסגעקערט. די בעט־מאַטראַצן אַוועקגעטראָגן אַף זייערע ערטער. די אַבאָרטן אויסגערייניקט, אַז זיי האָבן געשפּיגלט. דאָס קאָמוניסטישע געפיל פון אַכראַיעס פאַר פאָלקס־פאַרמעגן האָט זיך געפילט אין די־אָ קלייניקייטן. אויך דאָ זענען די קערנער פון אַ גוטן ווינט פאַרטראָגן געוואָרן, אַף פעטער ערד — כאָטש אָפט איז די ערד נאָך פריער קיינמאָל נישט פאַראַקערט גע־ווען...

אַרום זייגער עלף זענען אַלע געשטאַנען גרייט צו נעמען באַפעלן פאַר דעם „אָפּשלאָג-מאַרש" קיין ניו יאָרק. די שטימונג איז געווען ווייך און אָנגעגליט. דאָס אייזערן-מיליטאַנטישע איז אין די אָפּרו־שאָען געוואָרן ווייך ווי זילבער. נאָך דער באַוואָפנטקייט קעגן די כאַיעס־ראָעס, נויט, הונגער און בורזשואַזנע רישעס איז געקומען די אומענד־לעכע גוטקייט פון כאַווער צו כאַווער, פון אַרבעטער צו אַרבעטער.

מענטש־בוקעטן צונויפגעקליבן פון אַמעריקאַנער, כינעזער. אידן, דייטשן, הינדוסן, אירלענדער, יאַפּאַנעזער, ווייסע, שוואַרצע, געלע מענטש־בליאונגען האָבן געלויכטן. אין געזעמלעך פון 6 ביז 10 מענטשן איז מען געשטאַנען און געפּלוידערט און געוויכערט, און אונטערגע־פירט דעם סאַכאַקל פון דער ערשטער עמעסער מילכאָמע. הענט האָבן זיך פון זיך אַליין געלייגט אַף כאַווערשע אַקסלען. אַזאַ גוטסקייט האָט פון יעדנס האַרץ אַרויסגעפּליִצט, אַז מ'האָט עס געמוזט איבער־גיסן אין עמיצן אַנדערש אַריין.

אין דרויסן איז געווען ווייס מיט אַ ניי־געפאַלענעם שניי. יאַרמיקע קעפּ אַרומן האָדסאָן האָבן אַרייַנגעקוקט דורך די פענצטער, באַשניפּלט דעם טאָם פון וואַרים ברויט און ברודערשקייט.

אַ פייפן און רוישן פון די טראָקס. די כאַווערטע פון „אינטער־וואָרקערס רעליף" צאַפּלט אַרום אַף איר אויטאָמאָביל־כן און גיט די קאָמאַנדע. אַ „טראָק" מיט אַן אויפשריפט „צעפּעלין" אַקשנט זיך איין מיט די פיס אין גליטשיקן שניי און וויל נישט גיין. שפּאַרן זיך אונטער אַ 50 אַרבעטער־פּלייצעס און בעטן איבער זיין קאָוועד, איז ער קיין נאַר נישט און גיט אַ פלי און לאָזט אַלעמען שטיין אין מיטנדרינען.

מיר לויפן אַריין און אַרויס. מיר מוזן אויסזיפן ביזן סאָף די ביטערע־זיסע דערפאַרונג פון נאָכן ערשטן קריג. אין די אָדערן לויפט אַ רעגונג, ווי 10 פאָר צעפּאַלאָשעטע פערד. מ׳איז זיך אַליין געוואָרן מער ווי טאָמעד. מ׳ווייסט זיך נישט וואו אַהינצוטאָן און וועמען צו קושן. נאָר אָט שטעלט זיך כאַוועער מ׳קענזי אַף אַ טיש און מעלדט פּראָסט און קורץ :

„מיר האָבן אָט ערשט געקראָגן אַ ידיעה, אַז דער כאַוועער האַיט, פון פאָקיפּסי, וועלכער איז פון טרופּערס שטאַרק צעשלאָגן געוואָרן, האַלט באַם שטאַרבן״.

עס ווערט שטיל, ווי עמיצער וואָלט די לופט איינגאַנצן אויסגעטרונקען. אַן אַמעריקאַנער כאַוועער, וואָס איז אַליין אויך שטאַרק פאַרוואונדעט אין בויך, שטעלט זיך אויף און זאָגט :

— ווער שווערט מיט מיר צו נעמען נעקאָמע ?

— אַלע ! אַלע ! מיר אַלע שווערן ! — 200 שטימען רעדן דורך 1 קאָל, ווי דורך 1 מענטש...

אין אַ מינוט אַרום זע איך : דער אַמעריקאַנער כאַוועער ליגט אַפן טיש, אַ האַלב-געכאַלעשטער. אַ טונקעלע נעגער־האַנט האַלט זיין ווייסע האַנט און גלעט זי. דער כינעזישער כאַוועער האַלט אים אונטער דעם קאָפּ, און אַ אידישע כאַווערטע קושט אים, גיט אים וואַסער...

זאָל איך זאָגן, אַז איך הער, ווי דער עקס־סאָלדאַט, וואָס איז געשעלשאַקט געוואָרן אין דער מילכאָמע, כליפּעט ?

ווען וויינט דען אַ באָלשעוויק ?

און פאַרן טויט ווער האָט מוירע ?

און ווער מאַכט זיך אַ געשעפט פון אומשטערבלעכקייט ?

דאָס לעבן פאַר די לעבעדיקע !

און ווייל קאַפּיטאַליזם איז אַ פייגער, וואָס פינטלט נאָך מיט אַן אויג, האָבן מיר טיפע־טיפע־טיפע סינע צו אים — צו דעם פאַרשאָלטענעם לעבעדיקן מעס, וואָס פאַרסאַמט מיט זיין גוף־געדוך אונזערע ברונעמס...

און וואָס איז דער מער מיט העלדישקייט ?

מיט העלדישקייט איז גאָרנישט נישט דער מער, נאָר באָלשעוויקעס מאַרטירערן זיך נישט, קעדיי צו „לעבן נאָכן טויט״. פאַרקערט : מיר נוצן אַלע נעמען פון אונזערע רויטע מאַרטירער בלויז ווי אַ ליכט צו באַלויכטן דעם וועג פון די לעבעדיקע.

— און טאָמער וועט דער כאַוועער האַיט שטאַרבן פון די קלעפּ, וואָס ער האָט געקראָגן אין „קעפּיטאָל״, פאַר פאָדערן ברויט פאַר ווייב און קינדער — — —

ענטפערט אַף דעם די הייסע כּאַוועֿרטע דזשעקסאָן, וואָס אירע שלייפן זענען שטענדיק וואַרים, ווי די ערטער אַרום אַ גייענדיקער דינאַמאָ:

— מיר גלויבן נישט אין אינדיווידועלער נעקאָמע. מיר זענען קעמפער. אונזער רעוואָלוציאָנערע געשיכטע ווערט געשריבן אין בלוט. מיט דעם בלוט אונזערן, וואָס די בורזשואַזנע וועלט האָט פאַרגאָסן, האָבן מיר אונזער פאָן באַצייכנט. כּאַוועֿר האַיט איז ניט דער ערשטער און נישט דער לעצטער, וואָס וועט שטאַרבן אין קאַמף. אויב נעקאָמע — איז פונם קלאַס, וואָס אַז מיר בעטן ברויט באַ אים פאַר ווייב און קינדער, גיט ער אונז מיטן קנאַפּל איבער האַרץ. צו אים זענען געווענדט אונזערע פויסטן, כּאַוועֿרים. און איצט לאָזן די נעגערשע כּאַוועֿרים שפּילן קאַמף־לידער אַף די האַרמאָניקעס...

דער שניי פאַלט... די „טראָקס״ רירן זיך. גרויסע לאַבנס ברויטן ווערן אַרויסגעטראָגן פון קיך און איבערגעטראָגן אינם פּראָוויאַנט־וואָגן. האַרמאָניקעס וויגן אונזערס אַ ליד און לייגן עס שלאָפן אַף סאַמעט מיט ניקעלנע רעמלעך. מיר ברייגנען זאַמד און שיטן־אָן אַף די אָפענע הינטערשטע דעקלעך פון די טראָקס, וואָס זענען גליטשיק פון פראָסט און שניי. דער הונגער־בריגאַדע ווערט געגעבן דער סיגנאַל. עס ציט זיך אַ לאַנגע, זינגענדיקע שרעגע פון וועלט־זיגער, וואָס זענען פאַרשטעלט פאַר אָפגעריסענע שלעפּערס. אַ טייל מיט ביליקע גרויע זאָקן אין די הענט און ברויטן אונטער די אָרעמס... „און דאָס וועט זיין שוין דער לעצטער״ —.

פון הינטן גייען־נאָך די פאַרוואונדעטע, געפירט פון כּאַוועֿרים. די 2 „א. וו. ר.״ אויטאָמאָבילן וואַרטן פאַר זיי. כּאַוועֿרים ברייגנען ווייכע קישעלעך, עפּל... מ׳קושט זיך, מ׳האַלזט זיך:

— טייערע!

עט־אונטן גייט דער רויט־האָריקער איירישמאַן, מיט דעם פאַר־באַנדאַזשירטן קאָפּ ווי אַ העלמעט. ער שמייכלט אין דרויסן אַריין, לאָזט זיך פון קיינעם נישט פירן. ער שטעלט זיך אַפן טריט־ברעטל פון פּראָוויזאָרישן אַמבולאַנס און זאָגט:

— זאָל לעבן אונזער קינפטיקע רויטע אַרמיי!

דער שניי הייבט־אָן שיטן גיכער, גיכער. דער דרויסן אַליין ווערט אַ שטורעמפאָן.

8טער מערץ, 1931.

דער רויטער דאַנערשטיק פון דערוויטן

אין קעמפּ ניטגעדאַיגעט. אַ וועטערל האָט פאַרבלאָנדזשעט אַהער גאָר אַ פרעמדס. ס'איז שווער צו דערקענען אַז ס'איז מערץ. כ'וויים, מי זאָגט, אַז די „נאַטור" אַליין איז שוין היינט ניט אַזוי בורזשואַזנע־טאַקיפּדיק ווי אַמאָל: ווייך געוואָרן, מאַכט ער, דאָ־הי די ווינטערס. ווינטערס אָןביינער. לונגעלעבערדיקע ווינטערס.

וואַה, ס'איז וואַרעם. ס'איז גוט. איטלעכע עטלעכע שאָ קומען טעקסים, ברענגען נייע כאַווײרים, כאַווערטעס. לויטן באַגאַזש דערקענט מען: אַ קורצער גאַסט, אַ לאַנגער גאַסט, אַ גאַסט אַף אַ טאָג. עס קומען אויך די „צופּיסגייענדיקע" פאָרערס, די „היטש־הייקערס", די וואָס לאָזן זיך אַרויס צום קעמפּ צופּיס, אַף גאָצבאַראָט. מי פאַרלאָזט זיך אַפן גראָבן פינגער — איר ווייסט וואָס איך מיין: אָט יענער געניטער גראָבער „היטש־הייק" פינגער, וואָס ווייזט אַהינצו, אין דער ריכטונג, וואו דער אויטאָמאָביל פאָרט. אַזוינע היטש־הייקערס טראָגן געוויינטלעך אַקסל־טאָרבעלעך, האָבן הויכע שניר־שיך, און צו וועלכן געשלעכט זיי קערן, קען מען פונדערווייטן נישט וויסן.

:: :: ::

כוידעש מערץ איז דער קעמפּ אַ „דערהאָלונג־שפּיטאָל". די ביטערע ווינטער־פּאָגאָדעס שטעלן געוויינטלעך צו אַזוינע אַרבעטנדיקע מענטשן, וואָס קומען זיך פאַרלאַטען ס'געזונט נאָך לונגענאַנצינדונג, נאָך אַ שווערער פאַרקילונג, נאָך אַ בראָנכיט. ווען־זשע דען קען אַן אַרבעטער פאַרגינען זיך צו פאָרן אָפּרוען אַביסל, קייען זון, פאַרשפּילן אין גוטברודערשאַפט זיינע עקאָנאָמישע אַנגסטן?

פאַר די לעצטע צוויי וואָכן קומען אין קעמפּ אַריין מייסטנס געשניטענע כאַווײרים, אַזוינע וואָס האָבן אַף זיך געהאַט אַן אָפּעראַציע, קוים זיך אַרויסגעראַטעוועט (פון אונטערן מעסער) מיטן לעבן. דעם ערשטן טאָג איז מען בלאַס און גרין, מי עסט ווינציק. מי קוקט זיך אַרום און מי באַטראַכט ווי אַזוי איינגנטלעך זיך אַ נעם טאָן צו זיך, קעדיי אַף גיך אַריינצושטוקעווען די לאַטע אינם צעריסענעם געזונט. דערנאָך פאַרגעסט מען זיך. מי ווערט אויס נאָוואָבראַנעץ. דיסקוסיעס פלאַקערן, די פּאַרטיי־אָדערן וויברירן אַריבער אַהערצו מיט יעדן אָנקום פון אַ נייעם כאַווער. באַ די טישן נאָכן עסן, אַרום דער וואַנט־צייטונג, אַפן זון־גאַנעק, וואו מי לאָזט די שטראַלן־בעזימלעך אַרומבעזימען דאָס האָריקע האַרץ, די פרייע מיידלשע פּלייצעס — אויך דאָ איז די לופט זאַט מיט אָנרעג. דער נישט־זעכטבאַרער עלעקטרישער

דראַט צישן כּאַוועד און פּאַרטיי איז אָנגעלאָדן מיט פּילע בסורעס, ציטערט און בויגט זיך. אַף אַלע פראָנטן גליען רויטע סיגנאַלן. איט־לעבער סיגנאַל ציטערט מיט עמיצענס דויפעק, דיין האַנט־געלענג איז מיט אַ רויטן פאָדעם צוגעבונדן צו דער געשיכטע.

:: :: ::

די בערג שיילן פון זיך אַראָפּ דעם לעצטן שניי. אַז דו קוקסט אַרויס דורן פענצטער צום האָדסאָן, זעסטו ברוינע ערד, וואָס לאָזט זיך אויס גרין צו ווערן! ביימער טראַכטן שוין ערנסט פון שטעלן זיך צו דער אַרבעט נאָך אַ ווינטער־לאַנגן זויגן די אייגענע לאַפּעס, די וואָרצלען. דער שוואַרצער וואַלד־קוואַדראַט, וואו מי שפּילט טע־ניס, זעט אויס ווי אַ קעשענע אָן הויזן. אַפן האָדסאָן זידן קריעס אייז, איילן זיך אַף שאַבעס קיין האָבאָקען. פון טאָל וואו די ציגעלניעס שטייען איצט לײדיק און קאַלט, קומט אַרויף אַ פּלאַטשיק ווינטל און וויזט דיר אָן „איינטריט־קאַרטל” צו די נאָזלעכער...

גייסטו אַראָפּ אונטן אין די פּאַרוויל־זאַלן. ליגט דער געלער הונט לעבן דער ראַדיאָ, און פּאַכעט מיט די אויערן, אַרויסצוטרעסן פון דאָרטן עפּעס אַ ביליקע דראָשע, וואָס שיט זיך פון דער מאַשין. דער הונט ווידלט, פּינטלט מיט די פּאַרשלאָפענע אויגן. וואַרט דו זאָלסט אים אַ קיצל טאָן צישן זיי. אַ פלעק זון איז אַף זיין גליד, וואָס קען זיך נישט באַשליסן גרויס צו ווערן.

די כּאַוויירים זענען אין דרויסן. אין פיל־אַרטיקע פיגורן גייט דער שפּאַציר־טאַנץ. הייסע רעוואָלוציאָנערע לידער מאַכן דער לופט אַ לאָך אין קאָפּ, און איבער אַלדינגס איז מאָרגן, דער מיט גוירל־אָנגעשוואָ־לענער מאָרגן, דער מאָרגן פון רויטן דאָנערשטיק.

:: :: ::

באַם נאָכמיטיק־טיש שטייט דער כּאַוועד פּאַרוואַלטער און זאָגט:

— כּאַוויירים, דער גאַנצער שטאַב פון קיך פאָרט מאָרגן אינ־דערפרי אַוועק צו דער דעמאָנסטראַציע. די כּאַוויירים געסט וואָס בלייבן און ווילן עסן, וועלן מוזן אַליין קאָכן, אַליין וואַשן געפעס. ווער רופט זיך אַרויס?

— מיר!

— איך!

— אַלע!

קיין סאָך כּאַוויירים איז נישטאָ. דער קעמפּ האָט שוין פון נעכטן־אָן גענומען אָפּליידיקן זיך. ווער עס האָט נאָר אַביסל קויעך, פּאַקט ס׳קלימיקל און פאָרט צו דער דעמאָנסטראַציע. אַ טייל פאָרט ערשט

מאָרגן אַף אַהין־און־קריק. איבערמאָרגן קומט מען ווידער אין קעמפּ אַריין צו־שטוקעווען די געבליבענע וואַקאַציע־טעג. מי גייט צופּיס, מי היטש־הייקט. אַ שטראָם פון וואַנדערער קיין ניו יאָרק, צו יוניאָן־סקווער צו.

— זייט געזונט, כאַווירים!

— גיי געזונט, קומט קריק געזונט!

— דאָס איז שוין געווענדט אָן... ווהיילענס קאָזאַקן.

די געבליבענע קראַנקלעכע שטייען אַפן פאָדער־גאַניק בליקן־נאָך מיט אויגן וואָס זיינען מעקאַנע.

— גערענקט, נישט אָפּשרעקן זיך?

— ווער שרעקט זיך?

אַ מיידלש פּאָנים מיט שטייף־געפלאָכטענע צעפּ אַרומן קאָפּ, דרייט זיך אויס צו אונז. די זון דערלאַנגט איר אַ קוש אין קורצן נעזל. זי שמייכלט מיט ענגע ציין. מאַפקיר זיין דאָס לעבן פאַר אַן אידייע איז באַ איר אַזוי גרינג, ווי עס פאַר דער זון איר אַ קוש צו טאָן אַפן קורצן נעזל.

— טעלעפאָנירט, כאַווירים, אין קעמפּ אַריין!

— אויב מיר וועלן נאָר קענען. סי קען געמאָלט זיין אַז —

— נאַרישקייטן, לאָמיר אויפזינגען!

אַף פינף אָקעאַנען,
זאָל וויען און פלאַמען
די פאָן פון סאָוועטישן פלאָט.

עס ווערט נאַכט און קילבלעך. באַ דער וועטשערע פעלן שוין אַ סאַך. די מאָרגנדיקע דעמאָנסטראַציע האָט אויסגעברענט אַ לאָך אין אונזער עס־צימער. די וואָס זענען געבליבן, עסן שטיל. מי זינגט ווינציק. מי טראָגט שטילערהייט דאָס געפעס צום פענצטערל. מי שעמט זיך וואָס מ׳איז קראַנק און מי מוז בלייבן, פלייסט מען זיך עפּעס צו טאָן איבעריקע אַרבעט פאַרן קעמפּ. קלעקן נישט קיין בעזימס אַף אויסצוקערן דעם עס-זאָל: נאָך קיינמאָל האָט דערדאָזיקער זאָל אַזוי נישט געפינקלט פון ריינקייט ווי היינט. נאָר די פּאַפּירענע ״גלעקער״ וואָס פינקלען פון די עלעקטרישע ליכט אַף דער סטעליע, קלינגען מיט פאַרשעמטער ליכטיקייט אַף פאַרשעמטע אויגן פון פאַרשעמטע כאַוויירים...

:: :: ::

דעם גאַנצן דאָנערשטיקן טאָג האָט מען זיך געהאַלטן איניינעם,

נישט צעשיט זיך באם שפּאַצירגיין אַף קליינע גרופּעס. דאָס האַרץ האָט זיך געשטייפט, נאָר צום צעברעכן. דער נישט־באַצאָלטער כוויו האָט געוואויגן שווער אַף די פּלייצעס.

— איינס דער זייגער! אָט איצט הויבט זיך עס אָן.

— איצט!

— אַרבעט אָדער לוין!

— גיט אונז אַרבעט!

צענדליקער שטימעס האָבן עס אַזוי פון זיך, פון זיכאַליין, אויס־געשריען. דערנאָך האָט מען זיך אָנגעקוקט שולדיק און געשמייכלט אַזוי מאָדנע.

— אַ שיינער טאָג היינט.

— נו יאָ, דאָס זונעלע וועט זיך שפּיגלען אין אַרבעטער־בלוט, וואָס אַרט עס דען דער זון?

— איר אַרט נישט!

— זי איז צו הויך פאַר דעם.

— דאָס אוראָם רייזנדל אויך...

— כאַפּט אים דער שוואַרץ יאָר.

— שוין צוויי דער זייגער.

איצט רעדט מען דאָרטן. איצט שטייט כ. פאָסטער אָפן סקווער... און מיינאָר און אָלגין. מ'זאָל כאָטש ניט אַראָפּשלעפּן פון דער פּלאַט־פאָרמע.

— דעם כאַווער מיינאָרן האָט מען אָט ערשט נישט לאַנג דעם קאָפּ צעשפּאָלטן.

— אַ גרויער קאָפּ און אַזאַ יונגער גייסט. אַזאַ בונטאַר!

— מי דאַרף אָנקלינגען ניו יאָרק — דעם אָפיס פון דער „פרייהייט”. ווער ווייסט וואָס דאָרטן טוט זיך!

— ווער ווייסט!

:: :: ::

פון טעלעפאָן־ביידל לויפט אַרויס אַ צעשויבערטער כאַווער:

— דער סקווער איז פול מיטן אויג. פאָסטער רעדט. סע זידט... ניו יאָרק האָט נאָך אַזוינס נישט געזען. אַפילע נישט אין סאַקאָ־וואַנ־זעטי צייטן, אַפילע נישט באַ קאָטאָוויסעס לעוואַיע.

— כאַווײרים, ע? נו?

— מיר׳ן זיי ווייזן!

— איצט הויבט זיך עס אָן אַף אַן עמעס.

— מיר וועלן זיך נישט לאָזן אויסהונגערן פון די בעסטערדס.

— אַמאָל פלעגן מיר אַרונטערגיין אַף אַ הונגער־סטרייק, הײַנט גייען מיר אַף אַן אַ נ ט י ־ הונגער סטרייק.

ריכטיק באַמערקט, כאַווער. זיי וועלן אונז נישט דערדישען אין די לעבער ווי מייז, — אויב שטאַרבן, וועלן מיר אין דרויסן, אַפן שלאַכטפעלד, ווי רויט־אַרמייער.

— מיר׳ן זיך נישט באַנוגעגענען מיט אַ צוגעוואָרפענעם ביין. מיר זענען קיין הינט נישט.

— מיט אַ האַנט ווילן זיי פאַרשטעלן אַן אויפגעבראָכענע גרעבליע, סי וועט זיך זיי נישט איינגעבן, די קערלען.

ווי לאַנג קרייַנקען זיי! ס׳איז שוין נישט די אַמאָליקע יאָרן. הײַנט איז דער אַרבעטער־קלאַס נישט קיין יאָסעם, נישט קיין „בעז־פריזאָרנער”, כאָלילע. מיר האָבן אַ היים — סאָוועטן־פאַרבאַנד.

— זאָל לעבן דער סאָוועטן־פאַרבאַנד!

„אַף פינף אָקעאַנען
זאָל ווייען אין פלאַמען
די פאָן פון סאָוועטישן פלאָט”.

:: :: ::

אוי, האָבן הערצער געציטערט!

אַ גאַנצן גייענדיקן רויטן דאַנערשטיק נאָכמיטיק האָט דער טעלעפאָן געקלונגען — פון ניו יאָרק אַהער, פון דאַנעט אַהין.

— העלאָו, יאָ... געזונט? נישט צעשלאָגן? און וואָס טוט כאַווער עקס? און כאַווער זעט?

מי גיט איבער נעמען. מען פרייט זיך. מען האַלט צו מיט דער האַנט ס׳פיסקל פון טעלעפאָן. סי קאָסט 60 סענט דריי מינוט. נאָר ווער טראַכט דאַפון?

— נו, און ווייטער (אין טעלעפאָן אַריין).

ווידער צוגעהאַלטן דעם שוואַרצן טעלעפאָנס פיסק.

— אַ שכיטע געווען... אַ פּגראָם. ווהיילענס קאָזאַקן האָבן נישט געזשאַלעוועט קיין בלוט... זיי האָבן אַרויסגעשטעלט רויטע געפּאַר־

סיגנאלן אף דער פאליציייסקער הויפט־קווארטיר, אפן סקווער טאקע. אונזערע האבן געפאטשט בראוואָ... „בראוואָ די רויטע געפאר"... ווער שרעקט זיך? מיר שרעקן זיך נישט!

— נו און קינדער און פרויען האט דעם „נאבעלען" וועהיילענס קאזאקן אויך געשלאגן איבער די קעפ?

— אוודע. דאס דאמען־רעכט איז בלויז פאר די רעכטע דאמען זייערע. אונזערע כאוועדטעם טרעט מען מיט די פיס, מען זעצט איבער שוואנגערע בייכער מיט פערד.

— אההך!

א קראנק שפעטנע מיידל. ערשט נאך אן אפעראציע, פארוואָרפט מיטן קאפ. מי מינטערט זי קוים אפ.

דערנאך שטייען מיר אלע מיט אראפגעלאזע קעפ. נאר קיינער לאזט קיין טרער נישט ארויס. פויסטן קנאכעווען זיך צונויף. טייל רייסן שטילערהייט פון זיך אליין דאס פלייש:

— פארוואס בין איך נישט געפארן? געוועזן באדארפט פארן.

— אז מ'איז דארטן איז גרינגער. פון דערווייטן איז נאר צו שרייען געוואלט...

— דאס איז ריכטיק.

:: :: ::

שפעט באנאכט. פארזאמלט זיך אין דעם געכאלעשטער כאווער־טעם צימער. זי פילט זיך שוין בעסער. אירע אויגן האבן עפעס אזא גלאנץ! כאטש זי רעדט ווייך און שטיל און ליב, פונדעסטוועגן ווייסן מיר, אז זי איז פארסאמט דורך־און־דורך מיט טויטער סינע צו דער בורזשואזיע, און מיר וואלטן דעם ערגסטן פון זיי געווינטשן אנצו־קומען צו איר אין די הענט אריין, א טאג נאך דער רעוואלוציע.

זי שמייכלט:

— איר ווייסט, כאוויירים, איך בין טאטואירט. אט זעט אף מיין ארעם! דאס האט מיך א פאליסמאן „טאטואירט" מיט זיין „קלאב"... א צייכן אף אייביק. ס'איז אף דער לינקער האנט — לעבן הארצן. פון פיקעט־ליין אפגעשפארט. —

— זאלאטקא מאיא!

א הויכע, שיינע כאווערטע פון סאמארקאנד, וואס רעדט אידיש מיט א ניקלענעם „רייש" און פון דעם „לאמעד" ווערט בא איר א „וואוו", זיצט לעבן איר, גלעט איר דעם קאפ און קושט איר דעם צייכן אף דער האנט.

ארום איינס באנאכט.

עס זענען אָנגעקומען אין אַ שטיקל אויטאָמאָביל אַלע אונזערע קיך־אַרבעטער. זיי זענען שלעפעריק און טויט־מיד. געשלעפּט זיך אַף דעם פּאָדל עפּשער זעקס שאָ.

— אַלע דאָ ? קיינער נישט פאַרוואונדעט ?

— קיינער נישט.

ווידער אַ סימכע. מי הויבט זיי אויף און מי מאַכט זיי אַ וואַרע.

— כאַוויירים, דערציילט !

— ס'איז צופיל צו דערציילן. מיר זענען מיד. מיר דאַרפן פרי אויפשטיין. אָט זענען די צייטונגען. אַ גוטע נאַכט, כאַוויירים !

— אַ גוטע נאַכט, טייערע !

מיר נעמען זיך צום פּאַק בורזשואַזנע בלעטער : איין צייטונג האָט אַ גרין העמדל, די אַנדערע אַ ראָזעווע... „קעפּ" שרייען מיט כויזעק. קאָמעדיאַנטן שטעלן דיר אַרויס אַ נאָז...

— בעסטעדדם !

— זיי באַלעקן זיך מיט אונזער בלוט !

— זיי לאַכן פון אונז !

— זיי וועלן לאַנג שוין ניט לאַכן !

— בעסטעדדם אַזויגע !

— זעט דאָס־אַ בילד !... אַ כאַווערטע מיט אַ צעבלוטיקט מויל אַף דרערד. עפּשער צוואַנציק פּאָליסלייט אַרום איר מיט צעשוואָונגענע קלאָבס. און „די ניוס" פרייט זיך : „וועט שוין האָבן צו געדענקען"...

:: :: ::

איך בין אַרויפגעגאַנגען אויבן אין מיין צימערל מיט אַ פּאַק צייטונגען, געלייענט, געלייענט... געלייענט ווי מי מאַכט אַזאַ קאָ־מעדיאַנטישן כויזעק פון אונזערע לעבנס, און איך האָב מיר אַ שוואוע געגעבן צו זיך אַליין, אין נאָך האַלבער נאַכט פונם זיבעטן מערץ, יאָר 1930.

ניטגעדאַיגעט ווערט אַ „האָטעל"

אַמאָל (פאַראַיאָרן) איז געווען אַ קעמפּ ניטגעדאַיגעט, איז ער גע־ווען גרינג ווי אַ פלאַקסן־העמד, אָבער וואַרעם. עס איז געווען די וואַרעמקייט פון אַ ביליקן בערן־פעלץ אַף אַ בער : אייגנס !

פאראיארן אין דער צייט בין איך געשלאפן אין איינעם פון די קלאמערשטע באנגעלעך. דורך די נעכט פלעגט דער ווינט ארבעטן מאינסים. ער פלעגט ארויסווארפן זיין פראסט־פלאקערדיקן טשוב אף די פיר ברעטערנע ווענט און שרייען געוואלד.

דאס לעכטל האט זיך געטאפייעט אפן שאקלדיקן שרייב־טישל אין אן אויסגעהוילטער קארטאפל. פיס אין שעפסן־וואלענע שטעק־שיך האבן געקלאפט א צאן־אן־א־צאן.

אז דאס לעכטל איז אויסגעגאנגען האט מען זיך ארייננגעפאקט הינטער האלבן טויט קאלדרעס, און מען איז שיר דערדישעט געווארן.

פונדעסטוועגן האט מען ניט גערייגעט מער ווי ס׳איז געווען אב־סאלוט נויטיק!

באטאג האבן כעוורע באלשעוויקעס ווי עס איז ארויסגעשטופט די זון אפן הימל, האט זי אנגעווארעמט די פלייצע, איז מען געלעגן אפן דעכל און זיך אביסל צוגעפרעגלט דאס פאנים, און זיך געווארעמט דאס צעבראסטעטע האריקע הארץ.

האט מען אונטערגעשטופט די ווינטער־וואקאציע מיט לידלעך, מיט הייסע שמועסן וועגן דעם, אז ס׳איז דא גוט אן א שיר און אז בעסער קען שוין גארנישט זיין. ס׳איז געווען „מענדל, מאך דיר הארץ", בא זיך האט מען געטראכט: אוי, מ׳דארף שוין באלד ווידער גיין — זיך פארקילן — אינם אפענעם באנגאלא אריין, אדער אינם באד־צימער אריין; אדער ראזירן־זיך אונטן אין קעלער, וואס איז געווען א קאמבינאציע פון שפריץ־באד, לאוואטארי און ראזיר־שאפ. בא דער לעצטער פונקציע האט איין כאווער געמוזט באדינען דעם אנדערן: איינער האט געהאלטן א צעבראכן שטיק שפיגל־גלאז, און דער אנדערער האט זיך געשאבן ס׳פאנים מיט דער בריטווע.

און דאס אויפשטיין אינדערפרי איז געווען סאקאנעס־נעפאשעס! עמעס, אין הויז אליין זיינען געווען ראדיאטארס, אבער יענע האבן מער געפייפט ווי געארבעט.

עס איז געווען א פריילעכע און שווערע צייט, אט די צייט פון אמאליקע ווינטער־וואקאציעס, ווען כאווירים פלעגן נעבעך אפקומען (אום ווינטער) צוליב דעם ביסל פארגעניגן, וואס יעדער גוטער קא־מוניסט איז מעכויעוו צו ליידן פאר דער באוועגונג.

עס איז נאר אין ביכער צו באשרייבן, הערט איר, ווי אזוי מיר האבן זיך ארויפגעארבעט: פון גארנישט אף — ניטגעדאיגעט; פון

ניטגעדאַיגעט — אַף ניט געדאַיגעטער, און אַלץ דערפֿאַר, ווייל אונזערע ניט-געדאַיגעטניקעס שלאָפֿן קיין נעכט נישט און דאַיגענען טאַקע זייער געשמאַק ווי אַזוי אַלע מאָל אויסצובעסערן דעם קעמפּ ניטגע־דאַיגעט: היינט צו טאָג האַלטן מיר שוין באַ אַ פּאַלאַץ מיט אַן ענגליש־טויערל פון פֿאָרנט, מיט אַ „זיפּץ־בריקל" אַף אַריבערצוגיין פונם אַלטן הויז אינם נייעם (סימבאָליש: דער דריטער פּעריאָד).

— היים און קאַלט וואַסער?

— היים און קאַלט וואַסער.

— צו וואָס?

— ווייל אַזוי, ווייל באַלשעוויקעס זענען געוואוינט צו קאַלטס און צו וואַרעמס.

— דאַרף מען זיך, הייסט עס, נאָכגעבן די שמאַד?

— ס'שאַט ניש, אַז מ'קען!

— מיר קענען שוין?

— איר זעט דאָך!

אין ניו יאָרק איז דאָס וועטער היינטיקן ווינטער — עפּעס אַזוי־אָ! אָט איז קאַלט, און אָט איז וואַרעם, אָט שנייט און אָט רעגנט, אָט דאַרפֿסטו קאַלאָשן, און אָ דאַרפֿסטו אַ פּאַראַסאָלכן פֿאַר דער זון.

איך האָב פֿאַרלאָזט די שטאָט אין צוויי בלאָטיקע קאַלאָשן, מיט אַ געמיין רעגנדל איבערן קאַפּעליוש, אָנגעקומען אין ביקאָן מיט אָנדער־האַלבן שאָ שפּעטער און געטראָפֿן — אַ ווייסע נאַכט, אַ מעבאַיע־ליכ־טיקן שניי.

:: :: ::

די מאַכנע טעקסי לייט האָבן מיר אַף דעם שמאָלן שטיקל שניי צישן וואָקזאַל און די ניובוירגער פּערי־שיף געזאָגט „האַלאָו" און געהייסן געבן זיך אָנדערהאַלבן דאָלאַר פֿאַר צופֿירן די 5 מייל ביז צום קעמפּ. האָב איך באַ זיך נישט געהאַט אַזויפֿיל געלט, האָב איך גענומען דעם אָמניבוס ביז צום נאָענסטן פּונקט פֿון ניטגעדאַיגעט. פֿון דאָרט האָב איך זיך געלאָזט צופֿוס איבער דעם שטילן וועג, זיך אָפּגערוט אַלע ווײַלע, געווישט דאָס שוויס־לעדערל פֿון מיין קאַפּעליוש און געטראַכט אַלערליי לירישע געדאַנקען־אָפּשניצלעך, וואָס האָבן זיך פֿאַרוואַלגערט נאָך פֿון אַמאָל; געדאַנקען וועגן דעם לעבן וואָס איז אַזוי שווער; וועגן דעם טויט, וואָס איז אַזוי גרינג, וועגן דעם, אַז אַ גאַנצער דאָר מי מענשן ברענען אויס ווי אַ באַרג מיט שטרוי, און עס בלייבט בלויז אַ זשמעניע אַש, אויפֿביוואָרט אין ביכער. אויך

די ביכער ברענט די צייט און פון א בארג אנגעזאמלט געדאנקען־אש בלייבט ווידער א זשמעניע, און אזוי קעסיידער, קעסיידער. מיט אפנייגערישע פוסטעפּאסנע טראכטונגען, וואס מען דארף זיי האנען פון דער שוועל פון א קאמוניסטישן געהירן. אז נישט מאכן זיי דארטן שווארץ-שאבעס.

שוין בעסער (און נוצלעכער) צו טראכטן, אז דער קעמפ ניטגע־דאיגעט האט באדארפט האבן אן אייגענעם אויטאמאביל, וואס זאל אפּווארטן די געסט באם סאף פון דער אמניבוס־ליניע. אזא רייזע וואלט באדארפט קאסטן נישט מער ווי 10 אדער 15 סענט און דער ארבעטער, בא ווענען די ווינטער־וואקאיצע מאכט אזוי אויך א לאך אין קעשענע, וואלט געקענט שפּארן די דריי דאלאר טעקסי־געלט.

אין דער ליוואדישער סאניטאריע פאר פויערים (דער געוועזענער ווינטער־פּאלאץ פון די רוסישע צארן) געדענק איך, האבן עטלעכע פויערים זיך באקלאגט לימאַי מי גיט זיי „קאליפיאר" מיט „פאמי־דארן", מיט נאך אזוינע זאכן, און לימאַי הייסט מען זיי שלאפן בא אפענע פענצטער? דאס איז בא זיי ערגער ווי איך ווייס אליין נישט וואס. ס'איז געווען, האבן זיי געזאגט, וואס מיר דארפן אין אונזערע דארפישע היימען שלאפן איניינעם מיט די קעלבלעך, אבער דא־א, מאכן זיי, איז נאך ערגער, — מיט קעלבלעך איז כאטש ווארעם, פון קעלבלעך פארקילט מען זיך נישט.

מיילע „מאטושקא רעוואלוציע" וועט מיסטאמע אויסלערנען אפילע די אומוויסנדיקע פויערים אז — גוטס איז בעסער ווי שלעכטס. און אז די ווינטרויבן, וואס זענען גוט פאר דעם פוקס, זענען אויך גוט פאר אונז — די וויינפלאנצערס.

אנדערש שטייט די זאך מיט אונזער ניו יארקער אינדוסטריעלן ארבעטער: אים דארף מען, אין דעם פראט, גארנישט לערנען. ער ווייסט ווי צו שעצן די קאמפארטן פון זיין ניטגעדאיגעט ווינטער־פּאלאץ.

ער שאצט זיך גליקלעך וואס דער קעמפ האט אין זיבן קורצע יארלעך אזוינס דערלעבט; וואס מער מיר לערנען זיך באם בורזשוי צו וועלן א סאך, אלץ וויניקער וועט זיך אונז פארדרייען דער קאפ ווען מיר וועלן האבן אין אונזער מאכט — אלדינגס.

„איר ווייסט", זאגט מיר א יונג כאווערל, מיט א פעך אף דער אויבערשטער ליפ, „מיר האבן די קאפּיטאליסטן נישט אזוי פיינט, ווי מיר האבן זיי ניש ליב. דאס הייסט", מאכט ער, „פיינט האבן מיר זיי טאקע אויכעט, נאר מיר פאטשקענען זיך ניש מיט בלויזן פיינט האבן. מיר האבן בילכערס צו טאן".

— אַ שטייגער, וואָס איז בילכער?

— בילכער איז די סינע איינצופעדימען אין אַ ביקס. פיינט האָבן מיט אַ טאַבלעס איז אַן איניאָן, אָבער גלאַט אַזוי זיך אַוועקזעצן מיט פאַרלייגטע הענט און פיינט האָבן איז אַ — לוקסוס, אַזוי ווי גליטשן זיך, אָדער שליטלען זיך אין קעמפּ ניטגעדאַיגעט.

— איר קענט זיך גוט גליטשן, כאַווערל?

— איך וואָלט געקענט, נאָר דער קאָפּ איז נישט דאַביי... סטרייקס, סקעבס, אָנשיקענישן, כאָליערע, דער „פּאָרוועטס"...

— צום גליטשן־זיך, — זאָגט אַריין אַן־אַנדערער כאַווער — דאַרף מען קיין קאָפּ נישט. אויב איר האָט אַ געזעס, וואָס קען אויסהאַלטן, קענט איר אין איינע צוויי טעג זיין אַ גרויסאַרטיקער גליטשער. נאָר נישט, זאָגט ער, מוירע־האָבן איינצושטעלן. מיטן קאָפּ אַליין, מאַכט ער, קען מען בלויז באַנעמען דעם ציל. אָבער קעדיי צו דער־גליטשן־זיך אַהין, וואו מי באַדאַרף, מוז מען מאַפקער זיין דעם הינטן.

כאַ־כאַ.

און מי פּאַטשט בראַוואָ.

:: :: ::

באַם געגרייטן טיש אין גרויסן עס־צימער, וועלכעס איז אויסגע־פוצט ווי אַ רויטע קאַלע, הערסטו נייע נעמען:

— כאַווער — ברויט!

— כאַווער — פּוטער!

— כאַווער — הערינג!

— כאַווער — סמעטענע!

— כאַווער — טיי!

— כאַווער — קאַווע!

— כאַווער — וואַסער!

— כאַווער — זאַלץ!

— כאַווער — צוקער!

מיט אַזוינע געטרייע כאַווירים אויף אונזער זייט, וועט נישט זיין שווער איינצונעמען די וועלט. די קאָמאַנדע וועט איבערגעגעבן ווערן צו די צוויי אָנפירנדיקע כאַווירים, ברויט און פּוטער.

:: :: ::

„קיעוו", האָט אַמאָל עמיצער געזאָגט (אין די יאָרן פון בירגער־קריג) „איז ווי אַ רויש־כוידעש רעטעכעל: פון דרויסן רויט, פון אינעווייניק ווייס". וועגן דעם ניטגעדאַיגעט ווינטער־פּאַלאַץ קען מען זאָגן פונקט פאַרקערט: פון דרויסן האָט ער די פאַרב פון ליכטיק־ראָז, אָבער פון אינעווייניק איז ער שוין ג אָ ר רויט.

דער פּאַרוואַלטער כאַווער ל. איז קוראַנט שער־און־אייזן־אַמכאַ. ער גיט דעם טאָן פאַר פּראָלעטאַרישער ערנסטקייט, געזונטקייט. ער איז ווי אַ רויט־אַרמייער אַף אורלויב, וואָס אַקערט דערווייל דאָס פעלד; די ביקס שטעלט ער פונדעסטוועגן אַוועק לעבן פּלויט, זי זאָל זיין נאָענט צו דער האַנט, טאָמער מאַכט זיך...

„די קאָאָפּעראַטיווע איז אַ מיטל, דער קאָמוניזם איז דער ציל".

יעדער לעפל־גאָפּל, יעדער טעלערל און טעפּל פון ניטגעדראַיגעט ווייסט, אַז מי וואַרט אַף דעם טאָג, ווען די זון וועט אויפגיין רויט און וועט שוין מער נישט פאַרגיין. יעדער אָקסן־קאָפּ, וואָס קוקט אַרויס פונם קאַך־קעסל אין דער קיך, דאַנקט „גאָט", אַז מ'טשעפּעט אים נישט. „לאָז זיין באָלשעוויסטישער געהענעם" טראַכטן די האַלב־געקאָכטע בירגערלעכע בעהיימע־קעפּ, אַבי ס'זאָל זיין פעט און מיט אויגן, און די געליבטע פּעטרישקע זאָל ליגן אין דער זייט און שמעקן".

:: :: ::

די אַלטע געלע און בלאָנדע הינט אונזערע וואו זענען זיי? אָט זענען זיי! ס'קאַצל קומט מר. קערענסקי! האַוואַיו מר. קאַהאַן? שאַ־לעם לעראַבי שמול ראָזענפעלד!

צו די דריי געלע „טאַבלירטע" הינט איז איצט צוגעקומען, זע איך, נאָך אַ הינטל: אַ שוואַרצס, אַ קויטיקס און געקרייזלטס (אַ זון פון דער בלאָנדער מיטן געלן), וואָס נאָר ס'איז הונגעריק (ווי קליין עס איז קען זיך עם קיינמאָל נישט אָנעסן צו דער זעט!) און נאָר סי האַוקעט און סי שטינקט, אַזוי ווי דאָס דאָקטאָרל מוקדוני פונם "מאָרגען־זשורנאַל".

:: :: ::

אַ טייל כאַווירים באַקלאָגן זיך פונדעסטוועגן:

— נישטאָ די אַמאָליקע ווינטערס!

— אַמאָל, פאַרשטייסטו מיך, איז נישט געווען אַזוי.

— ווי אַזוי־זשע איז געווען?

— עס איז געווען אַנדערש.

— ערגער, צי בעסער?

— ערגער. נאָך דאָס ערגערע איז געווען בעסער. דאָס הייסט, דאָס בעסערע איז אויך נישט שלעכט. מ'קאָן נישט זאָגן, נאָר צום ערגערן קומט עס נישט...

אַ האַנט רייבט־אָן אַ ציטערדיק שוועבעלע, טראָגט עס צו צום האַלבן פּאַפּיראָסל. אַ צעקנייטשט, פאַרמעטן, פאַרהאָרעוועט פּאָנים זאָגט:

— אמאָל פלעגט מען באַנאַכט זיצן אונטן אין קיך, זיך אַליין פאַרבריען טיי, טרינקען, שמועסן, זינגען. ס'איז געווען עפּעס ענגער, כּאַווערישער. היינט איז גראַמער, האָטעלישער, ליכטיקער. ס'איז עפּעס נישט דאָס. איך בין דאָצו נישט געוואוינט.

— וואָס הייסט „נישט געוואוינט" צו גוטן? אַ קאָמוניסט מוז זיך אויסלערנען! ער מוז טאָמעד גרייט זיין איבערצונעמען: די פלעשער מיט וויין, די קיישלעך מיט וויינטרויבן, די מוזייען מיט קונסט־אַנטיקן, די אייז־קאַסטנס מיט הינער, די ביבליאָטעקן מיט ביכער.

— מיטן סייכל פאַרשטיי איך דאָס. נאָר דערווייל בענקט זיך נאָכן אַלטן... איך שעם מיך טאַקע... ווי טאָר מען?

און קעדיי צו באַווייזן, אַז ער האָט כאַראַטע אויף זיינע אַפּיקאָרסי־שע רייד, בעט ער, מ'זאָל אים דערלאַנגען נאָך אַ גאַנג קאַרטאָפל־לאַט־קעס און נאָך אַ פּאָרציע מאַנדלטאָרט צו דער טיי.

די וואַזאָנע

אַן אַמעריקאַנישע כאַווערטע. קומט ערגעץ פון דער ווייטער „וועסט". איז לאַנג און שמאָל; האָט אַ שיין, בליענדיק פּענימל, גייט אָנגעטאָן אין אַזאַ טונקל קלייד, וואָס קושט איר אויס יעדעס אייווער, און זעט אויס ווי — אַ וואַזאָנע.

אונזערע אידישע כאַווערטעס האָבן זי ליב דאָס לעבן. זי ברייגנגט מיט זיך אַן אָטעם פון די פּרעירים. זי זינגט "קאַו־באָי"־לידער, רעוואָ־לוציאָנערע „דיטים", צונויפגעזוכט פון פאָלקלאָר־אויצער.

— כאַווערטע וואַזאָנע, זינגט עפּעס פון אייערע רעוואָלוציאָנערע לידער!

— כאַווערטע וואַזאָנע, דערציילט אונז עפּעס פון אייערע מאַינ־סעלעך.

דער כאַווערטע וואַזאָנעס אויגן זענען סאַמעט מיט האָניק. איר דינע פיגור ברעכט זיך פון הויכקייט.

זי דערציילט פון דער סאַוט. זי דערציילט פון דער וועסט. אויף אַ גרויסן שפּול האָט זי אָנגעוויקלט הויך־קאָלירטע געשיכטן — גע־שיכטן פון אַרבעטער־קאַמפן, פון מעסירעס־נעפעש פאַרן קאָמוניזם.

און בא דעם אַלעמען איז זי ווי אַ וואַזאָנע שיין, ווי אַ מירטע בויגעוודיק. און אַז זי טאַנצט, איז אַרום איר אַ ווינט פון פייער.

אונזער שענקייט.

אונזער וואַזאָנע!

מ'דערציילט, אַז זי קען פּאַטשען סקעבס, אַז זי האָט איינמאָל

גוט אויסגעפּלעמט אַ נעשאַנאַל־גאַרדסמען, און אַז בעיס זי טוט דאָס, שמייכלט זי שטיל, פיין, רואיק.

— אַ וואַזאָנע, וואָס פּאַטשט!

— אַנו, לאָזט זען אייערע הענט, כּאַוּוערטע!

אויסגעמאַרעטע, קלוגע, לוסטיקע הענט. אַזוינע הענט קען מען געטרויען אַי אַ ביקס, אַי אַן אייעלע פון אַ פּייגעלע. דאָס ערשטע וועט זי נישט אַרויסלאָזן פון האַנט, דאָס אַנדערע וועט זי נישט צעקוועטשן.

אַפן אַנטי־רעליגיעזן מאַסקן־באַל, וואָס דער קעמפּ האָט צוגע־גרייט, האָט די וואַזאָנע זיך אָנגעטאָן ווי אַ „סאַלוויישאָן־אַרמי״־מיידל, מיט אַ שוואַרץ שטרוי־היטעלע, מיט אַ ב י ב ל אין די פיין־צונויפ־געלייגטע הענט, און זי האָט אונז אַלעמען געציילעמט מיט צוויי לאַנגע פינגער —

— אַן עמעסע „סאַלוויישאַן־אַרמי״־מיידל!...

— אַ גאָישע עסטער־האַמאַלקע!...

זי דערהערט די לעצטע ווערטער, רופט זיך אָן:

— איך ניט עסטער־מאַלקע. איך עסטער באָלשעוויק... איך פיינט מאַלקע־קווין, איך פיינט סיילעם...

מיט דעם וואָרט „סיילעם״ מיינט זי האַפּאָנים „ציילעם״.

כּאַוּוערטע וואַזאָנע קריגט פאַר איר מאַסקע אַ פּרייז: אַ אידיש בוך.

זי באַטראַכט עס אַביסל, באַדויערט, וואָס זי קען עס נישט לייענען, און זאָגט:

— איז דאָס אַ רעוואָלוציאָנער בוך?

— יאָ, כּאַוּוערטע.

זי גיט אַ קוש דאָס בוך, ווי איר מאַמע האָט אַוודע אַמאָל גע־קושט די ביבל, זעצט זיך אַף אַ מינוט אָפּרוען אַף אַ טיש. באַלד האָט זי אַרום זיך אַ קרענצל מיט באָכורים. מ׳לאָזט זי נישט לאַנג איינזיצן.

— כּאַוּוערטע וואַזאָנע, קום טאַנצן!

זי טאַנצט. אירע אויגן זענען סאַמעט־מיט־פייער. אירע לאַנגע־פינגערדיקע הענט ליגן ווי בלומענבלעטער אַף דער לעדערנער פּלייצע פון איר מיט־טענצער, דעם פּאַראַסאַלמאַכער פון די בראָנקס.

זי טאַנצט — און אַרום איר איז אַ ווינט פון פייער...

און זי שמייכלט, — כאָטש זי איז זייער מיד און די אויגן פאַלן איר־צו.

נאָר וואָס איז דער כּידוש?

אפילו ווען זי פּאַטשט אַ סקעב, שמייכלט זי דאָך אויך.

עי, דו רויטע וואָזאָנע אונזערע פון דער ווייטער וועסט, שענק נאָך א טאַנץ!

דער פראָלעט־דיכטער און זיין „וויזיט־קאַרטל"

איך בין פערזענלעך באַקאַנט מיט א סאַך אידישע שרייבער, מיט זייערע קאַפּריזן, מיט זייערע „קינסטלערישע אוירינגלעך".

דאָס כאַראַקטעריסטישע זענען זייערע וויזיט־קאַרטלעך.

מוישע ריכטער, לעמאָשל, האָט אַמאָל געהאַט א וויזיט־קאַרטל מיט דער אויפשריפט: „מוישע ריכטער, פ ל ע י ר ײ ט ע ר".

שיינע ראָכל סימקאָף האָט זיך געלאָזט אָפּדרוקן א קאַרטל: „ש. ר. ס., דראַמאַטעסע".

יאַנקל קירשנבוים האָט אַמאָל געהאַט א קאַרטל: „י. קירשנבוים, דיכטער, קריטיקער און... (יאָ־יאָ!) פ ר ײ ה ײ ט ס ־ קעמפּער!"

אַנדערע האָבן קאַרטלעך באַשיידענע: „מר. עקס, דיכטער, אַמע־ריקע". אָן אַן אדרעס אפילע. וואָרום וועלכער מענטש וועט דאָס נישט וויסן, וואו מר. עקס דער דיכטער וואוינט? אַנדערע גייען נאָך ווײ־טער און גיבן אפילע דעם נאָמען פון לאַנד אויך נישט אָן. די גע־וואַלטיק באַשיידענע שרייבן אפילע נישט „דיכטער". ד י האָבן געוויינטלעך אויסטערלישע קאַרטלעך פון פּאַרמעט־פּאַפּיר, אף וועלכע עס שטייט בלויז דער נאָמען. ווייטער גאָרנישט. די־אָ „קינסטלער" נע־מען אָן, אז — הער נאַר, כ'בעטיך, וועלכער מענטש ווייסט דאָך נישט, אז „ב. לעווין" איז „באָרעך לעווין" און אז באָרעך לעווין איז דער גרעסטער דיכטער אין אַמעריקע.

נאָר דאָס שענסטע דיכטערישע קאַרטל, וואָס עס איז מיר ווען־עס־איז אויסגעקומען צו זען, איז מיר צו דער האַנט געקומען דאָ אַנומעלטן אינם קעמפּ ניטגעדאַיגעט, דאָל איז געווען א „וויזיט־קאַרטל" פון אונזערן זייער א גוטן דיכטער. עס האָט זיך געלייענט:

„... (דער נאָמען) מיטגליד פון דער־און־דער אינדאָסטריעל יוניאָן, בראַנש אזוי־און־אזוי".

דער „פּע־צע"

עס האָט זיך אריינגעשטעלט אין עס־צימער א נידעריקער יונ־גערמאַנטשיק מיט בלאָנדע, געקרויזטע האָר, פּאָרצעלייענע רויטע בעק־לעך, א ברייט זאַדיקל, א לאַקריץ־שמייכעלע אפן פּאָנים. ער האָט באַלד דערלאַנגט א לויף־צו צום געגרייטן טיש, זיך אוועקגעזעצט,

זיך ארומגעלייגט מיט א סאך שטיקלעך פוטער־ברויט, פארקאטשעט דעם קאפעליוש און גענומען עסן.

פון יעדן ביס, וואס ער האט געטוען, האבן די אדערלעך אף זיין שטערן אונטערגעהויבן דעם קאפעליוש. עס האט זיך געדאכט: דער גאנצער קאפ עסט... און אז דאס עסן גייט אים גלייך אין קאפ אריין.

צישן איין פאטראווע און דער אנדערער האט ער געשמירט דיקע שטיקער פוטער אף ברויט, געגאסן אין זיך קאלט וואסער ווי אין א ציבער און אף גיך געזונגען שטיקלעך „ועטאהער־ליביינו" און אנדערע פויאליי־ציוניסטישע לידלעך. האט מען דערפון באלד געדרונגען, אז ער איז א פויאליי־ציאניסט, און מען האט אים א נאמען געגעבן „כאווער־בירגער".

— כאווער־בירגער, שלינגט נישט אזוי גיך, איר'ט זיך נאך, כאלילע, דערווארגן!

— עך, עכ'ל מיך ניש' דערווארגן. פארוואוס זאל עך מעך דערווארגן?

— ווייל איר כאפט!

— עך כאפ? עך כאפ נישט!... נהעי, דערלאנגט מיר די פוטער!

פוטער שמעלצט ארום אים, ווי אין דער גרעסטער טראפישער היץ. ער קען אריינשטופן א פונט פוטער אין א רייפטל ברויט און סי זאל זיך נישט אנזען...

— כאווער־בירגער, וואס פאר א יויך ווילט איר? הינערנע? צי וועגעטארישע?

— איר האט באידע?

—ביידע!

ער טראכט א רעגע מיט דער האנט אפן קאפעליוש, און ער דערטראכט זיך צו א פשארע: האלב הינערנע און האלב וועגעטארישע...

נאכן עסן איז ער רויט ווי א בעריק, שטארק פארשוויצט. ער גייט אוועק פון זיין טיש, גייט אריבער צו אן אנדערן, עסט דארטן אויף די איבערגעבליבענע קיכלעך. אז ער ווערט פארטיק, זעצט ער זיך אוועק פון פארנט לעבן דער טיר פון עס־צימער, שטעכט זיך די ציין, און — פארדייעט דאס עסן.

— עך האב ליב גיט צו פארדאיען דאס עסן... נאך יעדן עסן זעץ עך מעך אוועק פארדאיען דאס עסן... כ'הא' דוס ליב!

אז איר צערעדט זיך מיט אים, געפינט איר אויס, אז דער קאפ איז בא אים א „דזשאנק־שאפ". אז איר וועט לאנג זוכן, וועט איר

דאָרטן געפינען אַ שטיקל גאָלד א ו י ך. אַלדינגס איז בײַ אים אין קאָפּ אויסגעמישט אינײנעם: קולטור, פּויאַליי־ציאָניזם, אָרני־טאָלאָגיע, דיעטע, סטאַטיסטיק וועגן דער צאָל איבערגעפּאָרענע מע־רעשקעס. דער איקר — אַ שוואַכקייט צו שפּראַך־שפּעקולאַציעס.

— איר ווייסט מײַנע הע... מײַנע כאַווײרים, פאַרוואָס „פּעי״ און „פּאַי״ האָבן קימאַט דעמזעלבן קלאַנג אין רוסיש ?

— פאַרוואָס ?

— ווײַל טרינקען און זינגען גייען שטענדיק האַנט־אין־האַנט. האַהאַה !

— און רעסטאָראַנט ווייסט איר פונוואַנען סי נעמט זיך ?

— פון וואַנען ?

— פון עסט־טאָראַנט. רעס־טאַראַציע.

— מען עסט און מען רעסטאָרירט זיך... האַהאַה !

אַן אַנדערש מאָל. כאַווײרים זיצן און מען רעדט וועגן אידישן טעאַטער, וואָס איז פול מיט טעמנעס שונד.

— איר זאָגט שונד ? — מישט ער זיך אַרײַן — עך בין אַמאָל געווען אין אַ אידיש טעאַטער בײַ שאַילאָק פון שעקספּיר, האָט אַ פרוי געשפּילט די ראָלע פון אַ „לאָיער״ (אַדוואָקאַט) האַהאַה !

ער צעלאַכט זיך מיט אַ ברייט מויל, זײַן קאַפּעליוש הויבט זיך, ער האָט געוואָלטיק האַנאָע, וואָס די מאַמע האָט אים געהאַט און נישט קיין פרעמדע אידענע...

„בלוט״ פאַר דער „מאָרגן־פרייהייט״

— כאַווערטעס, נאָכן עסן וועט איר אַרויפגיין צו כאַווערטע... אין צימער אַרײַן. דער נומער אַף דער טיר איז... זי וועט יעדן געבן אַ מאַסאַזש, אַ „שאַמפּו״ און אַ מאַניקור פאַר 1 דאָלאַר, דער דאָלאַר גייט פאַר דער „מאָרגן־פרייהייט״.

נו. מײַלע. גייט מען שוין.

מען גייט צו דער כאַווערטע... אין צימער אַרײַן. דאָרטן איז אַן אימפּראָוויזירטער „ביוטי־פּאַרלאָר״: מען רייבט קעפּ, מען פאַרעט פּעניטער מיט הייסע האַנטיכער, מען מאַניקירט נעגל.

עטלעכע כאַווערטעס, וואָס זענען בײַ פאַך זייער גוטע שניידער־קעס האָבן גענומען אַף זיך צו טוען די „ביוטי־אַרבעט״ לעשעם דער „מאָרגן־פרייהייט״. זיי רייבן ש ט א ר ק, זיי פאָרן מיט אַ סאַך הייסע האַנטיכער, זיי גיסן אַפן פּאָנים מילך, צעקלויצעטע אייער, וואַזאָלין, אייל...

צום שנעלסטן אָבער גייט עס באַם מאַניקירן. דאָ דאַרף מען בלויז קענען האַלטן אַ שערל אין דער האַנט. און דאָס קען קימאַט יעדע איינע פון אונזערע כּאַוועדטעס, ווייל די נאָדל־אינדוסטריע איז דאָ שטאַרק פאַרטראָטן.

די אַרבעט איז געענדיקט. גייען אַרום אַ סאַך מיידלעך מיט... צעבלוטיקטע הענט, טראָגן מיט זיך האַנטיכער, טיפּלען־אויס דאָס בלוט וואָס ווייזט זיך אַרום די ראַנדן פון די נעגל...

מען גייט ווי פון אַ שלאַכטפעלד.

איינע: — איר זעט, כּאַוועד נאַדיר? — איך האָב געגעבן מיין בלוט פאַר דער „מאָרגן־פרייהייט”!

אַן אַנדערע (מיט אַ שמייכל):

— דאָס איז בּאַ אונז גאָרנישט, מיר זענען געוואוינט צו געבן אונזער בלוט פאַר דער באַוועגונג.

אַ דריטע:

— אַזוי גיך ווי איך קום אין שטאָט אַריין, גיי איך אַוועק כּאָטש אַף אַ טאָג אַרבעטן אין אַ „ביוטי־פּאַרלאָר”, וואו רייכע אידענעס קומען אַריין. איך מוז בּאַ זיי אָפּנעמען דאָס ביסל פאַרגאָסענע בלוט, ווען איך זאָל אַפילע וויסן איך וויים אַליין נישט וואָס.

אַזאַ מין „קעמפּער”

— ווען איז דער טאָג פון דער קאָמונע?

— דעם 18טן.

— איר זענט זיכער?

— זיכער.

— וועלכן טאָג קומט׳ס אויס היי־יאָר?

— ס׳קומט אויס מיטוואָך.

— איר זענט זיכער?

—זיכער.

ער האָט זיך אַוועקגעדרייט (דאָס איז געווען אין קעמפּ „ניטגע־דאַיגעט”, אין אַ זונטיק, ווען די „וויק־ענד־קאָמוניסטן” קומען אָפּעסן אַ גוטן מיטיק ביליק!) און ווידער קריקגעקומען.

— איר זענט זיכער, אז מיטוואָך?

— אקענגוואָס פרעגט איר זיך אזוי נאָך? אויב איר ווילט פייערן דעם קאָמונע־טאָג, דאַרפט איר נישט פאָרן קיין ניו יאָרק. אין קעמפּ אַליין וועט אויך דורכגעפירט ווערן אַ שיינער קאָמונע־יאָנטעף.

— ניין, איך מוז דינסטיק קריקפאָרן אין שטאָט אריין, וואָרין אקוראט אין טאָג פון דער פאַריזער קאָמונע קומט בא מיר אויס יאָר־צייט נאָך מיין טאַטן...

„דאָס אַטדיכאַ ניטגעדאַיגעט"

פאַראַיאָרן אין דער צייט בין איך געווען אין אַ „דאָס־אַטדיכאַ" אין קרים, היינט אין דעם ארבעטער אָפּרוהויז „ניטגעדאַיגעט", אין ביקאָן.

דערמאָנט זיך, און אַ בענקשאַפט הויבט־אויף די פליגלען. בענקט זיך נאָך די ברייטע שלאָף־טאָפּטשאַנעס אין די באַנען, נאָך די סטע־פּעס, וואָס זענען זומער געווען אזוי גרין און לאַכנדיק, אַ בליענדיקע וויסטעניש, אַ געבענטשטע מידבאָר, וואָס שמייכלט דיר אומענדלעכן טרויער אנטקעגן.

בענקט זיך.

פונקט ווי סי האָט זיך אין יאַלטאַ געבענקט נאָך די בערג פון בי־קאָן, צום האָדסאָן פאַרשאָלעכצט אין אייז, צו דעם קליינעם, אויס־געשפּילטן קלויסטערל לעבן „קעמפּ", און צו דעם שלאָס אפן „ארסע־נאַל־אינזל", אַף יענער זייט האָדסאָן, וואָס מ'קען זען פון דאַנענאַ. וועגן דעמנעמלעכן שלאָס מיט די מאורישע טורעמס, דערציילן זיך באַווערטעס אַ סאַך לעגנדעס: אַ פּריצע וואוינט דאָרט איינע אַליין מיט אירע צוויי הינט. דער מאַן אירער איז אין מילכאָמע פאַרלוירן געגאַנגען. זיצט זי די שיינע בלאָנדע, איינע אַליין מיט איר אומעט, וואָס זי צעשפּיגלט אין די געשפּאָלטענע אַלטע שלאָסשפּיגלען. קיינעם, קיינעם לאָזט זי נישט צו צו זיך. בלויז איינמאָל אין וואָך ברענגט עמיצער אין אַ שיפל שפּייז, לעגט עס אָפּ באַם ברעג פונם אינזל, און שיפט זיך קריק. „קיינמאָל, קיינמאָל", זאָגט מיר אַ מיידל אין אַ לע־דערמאַנטעלע—„קיינמאָל זעט מען דאָ קיינעם נישט. זי האָט זיך, ווייזט אויס, געווידמעט דעם אומעט".

דאָס מיידל גיט אַ זיפץ, זאָגט נאָכאַמאָל: „געווידמעט דעם או־מעט". דער זאָג געפעלט איר.

אַף די באָד־פּאָליצע־בערג פונם קעמפּ, ליגט דער פאַרשפּעטיק־טער שניי. אינגאַנצן עטלעכע טעג אַלט. עס איז דעם אַלטן באַ־

טיושקע נאטור אביסל אַנגעזאָלצן אפּן האַרץ, אפּאָנים.

מיר צעשפּאַצירן זיך. דער וועג אראָפּ פירט צון עפּעס א דערפל פון צוויי שטיבער: „שטורעם־קעניג", הייסט דאָס דערפל. די באַן קריכט דאָ אפיר דורך א טונעל, ווי א וואָרעם דורך א צאָן. פון איין זייט: דער האָדסאָן מיט דער צעבראָכענער, צעגאַנגענער אייז־שאָ־לעכיץ, ווי גרויסע ליסקעס פון פיש; פון דער אַנדערער זייט—מיטן בויך קעגן דיר—א בארג. א שמאָלער דורכגאנג אין מיטן.

סי גלאַנצלט די זון—קאַלטלעך און ניי. ערעוו־פּייסעכדיק. א קאָשערע זון איבער די צוויי טרייפענע באָלשעוויקעס, וואָס העקלען־צענויף פינגער. אָדער גלעטן זיך איינס ס'אַנדערע די היפּטן.

בעהיימעוואַטע בערג קוקן־צו. גיבן אפילע מיט קיין אויג נישט קיין פינטל. — סי אַרט זיי נישט. זיי לאָזן וואַסער.

די צעדערלעך, און אַנדערע ביימער, שטייען ווי פּאַרשניצטע בלייפעדערס—גרייט אַז דער אידיאָטישער גאָט זאָל זיי נעמען און מיט זיי אריינשרייבן וואָס ער דאַרף.

— „דעם עלברוס האָט איר געזען, כאַווער נאַדיר?" — זי אזוי.

— „געזען!"

— „עלברוס איז טאַקע „אַראַראַט"—דער באַרג וואו נויאַכס טייווע איז געבליבן שטיין?"

— „אזוי זאָגט מען".

— „אין ליבע גלויבט איר?"

— „אַקעגן וואָס?"

זי פאַרגעסט גיך וואו מיר האַלטן און זי גיט א מאַך:

„אזערביידזשאַן—"

„געוועזן" — ענטפער איך, קעדיי נישט אוועקצוגיין צו ווייט.

— „פּערעץ מאַרקישן געזען? ער איז טאַקע אזא קראַסאַוועץ ווי מ'זאָגט? — נו, און ליטוואַקאָוון... שאַ, נויעך לאַנדאָן איז נאָך דאַר־טען? — פון מוישע קאַצן הערט מען נישט... ס'איז קיל—"

— „יאָ", גיב איך צו. „ס'איז קיל, לאָמיר גיין קריק".

— „איר וועט כאָטש געדענקען דעם היינטיקן טאָג?"

— „מעגלעך".

— „פאַרשרייבט זיך בעסער אין ביכעלע"—זאָגט זי דרייפערטל אַף ערנסט און זי נעמט טאַקע מיין ביכעלע און פאַרשרייבט: „דאָ־נערשטיק, 15טן מערץ, 1928, קעמפּ ניטגעדאַיגעט". און זי שרייבט אונטער איר נאָמען.

איך שטעק אריין ס'ביכעלע אין זשילעט־קעשענע,—ווער ווייסט ווי לאַנג ס'וועט זיך האַלטן באַ מיר.

:: :: ::

אקעגן מ'אַלטן ווינטערהויז פונם קעמפּ, געפּילעוועט מיט ציגל און שטיינער און אָנגעטאָן אין אַ געל־גרינעם אָפּגעבליאַקעוועטן מונ־דיר פון פאַרב, איז דער באַרג אַף וועלכן עס בויען זיך די נייע „באָנ־געלעך"—65 נייע באָנגעלעך, פון געשיילטן האָלץ בלאַנקען אַקעגן דעם אויג. נישט־פאַרענדיקטע האַלצפּרישע, ווייסע לאַמטערנדלעך. אַ טייל מיט רויטע און גרינע יאַרמילקעס. אנדערע אין די הוילע קעפּ.

לאַכנדיקע לאַמטערנדלעך, מיט „מערצאָוונער" זון אינווייניק—מיט אַזאַ לאַמטערנדל בין איך באַ מיין עלפטן יאָר געגאַנגען באַנאַכט אין כיידער אריין.

עך, איז דאָס געווען ווייט פון באַרג ביקאָן!

„65 נייע באָנגעלעך, כאַווירים—מיר בויען!" דאָס זאָגט דער כאַווער דאַכשלעגער, פונם דאַך אַרונטער. נעמט־אָן אַ מויל מיט טשוועקעס, ווי ער וואָלט זיין גאַנץ לעבן געלעבט אַף אַ „דיעטע פון אייזן". דערנאָך זאָגט ער, שוין אַביסל אונטער דער צונג: „פּלעכ־טיגאָטאָל" — וואָס דאָס דאַרף הייסן: „פּרעכטיקער טאָג".

אַנאַנדער כאַווער פאַרבט. זיינע ווייסע ארבעטערהויזן זענען ווי פּיעראָטס פּלידערן—פול מיט קאָליר.

איינער פרעגט אים:

„איר אַרבעט שווער און ביטער, כאַווער?"

ער ענטפערט:

„ניין. איך אַרבעט גרינג און זיס,—איך אַרבעט פאַר אונזער קעמפּ".

און סי האָט טאַקע אויסגעזען אַזוי ווי ער וואָלט געגלעט די ווענטלעך פון די „לאַמטערנס" מיט אַ טאַטעדיקער ליבשאַפט.

:: :: ::

...פון דרויסן איז דער קעמפּ אַביסל אומעטיק די טעג. די וועגן זענען צעווייקט געוואָרן פונם שניי, וואָס לאָזט און לויפט מיט אַן אימפּעט פון די בערג.

לויפן, לויפן, אַראָפּ, אַראָפּ — קיין צייט נישטאָ. ס'איז „ביזי" באַ וואַסער־לאָזן.

דער סאַמע סעזאָן—פון ווערן אויס שניי!

אַ מינוט טאָר מען נישט פאַרשפּעטיקן.

מ'לויפט מעשוגענערוויז. מ'האַלט זיך איינס ס'אַנדערע באַ די פּיס. מ'גוואַלדעוועט און מ'טראָגט זיך אַפּ.

א מילכאָמע פון וואסער־שטראָמען.

קליינע שטראָמלעך האָבן זיך אָנגעטרונקען פולע בייכער מיט שניי, איצט לאַכן זיי מיט בויכווייטיק.

„יאם! יאם! יאם!"—זאָגן די שטראָמלעך און לויפן. נאָר דער אַלטער האָדסאָן ליגט אַנטקעגנאיבער, פאַרטאַיעט אין א פערל־מוטערנער שאָלעכץ, ציילט איבער די שיפן בא די ברעגן, און שווייגט.

ביז באַנאַכט.

דעמאָלט צינדן זיך אויף יענער זייט האָדסאָן—פייערלעך. גאַנצע קאָלאָניעס פון קליינע שטערן. ציטערן־אריבער צו אונז, אין ריי־נער קאָנקורענץ צום הימל. אמאָל גיט זיך א וויקל אויף א פייער־פלאַקער פון א מעטאַל־פאַבריק ערגעץ אף יענער זייט טייך, גיט א שמיר דעם בארג איבערן פאַנים מיט אזא פייערדיקער בארשט.

דאָס ליכט פון ארבעט!

דעמאָלט טאַנצט מען אין קעמפּ א „ווירדזשיניא רעדל". א פייער קנאַקט אין קאמין, עסט־אויף די ווייסע זעג־שפּענער פון די נייע באַנגעלעך. סי שמעקט האַלץ און רויך און געזאַנג און טאַנץ.

פּיס אָפּגעארבעט אף „זינגערמאַשינעס" גלייכן זיך אויס אין טאַנץ. סטאָליארעס, סטעלמאכעס, דער שמיד, דער פארבער, דער „דייטש פון ברעמען", כאָווער זאַלצמאַן אין „פּעטע קורצע קניקערס", די „צוויי גאָלדעס", „די טרוימערין", „זונשפּריץ" — אַלע פירן דורך די פיגורן פונם „ווירגינער רעדל". מ'פּלאָנטערט זיך, מ'קריכט דורך טונעלן פון הענט, מ'פּריוועט נאַכאַמאָל.

נאָר איינער — כאָווער ביטעלמאַן — זיצט אַליין מיט דער ליול־קע, אָנגעטאָן ביז איבער די אויגן אין דער „טיימז", לעבן אים ליגט א שאַכברעטל, א צעשלאָגן פערד, א געפאַלענע קעניגין... נאָר די סאָל־דאַטן האַלטן זיך ווי־עס־איז.

:: :: ::

איך גיי ארויס אין „פאָיער" זיך אָפּקילן. דער פּאָליש אונזע־רער איז פול מיט... קאָלאָשן. א קאָלאָשן־קאָלאָניע.

הענגען פּעלצלעך, זויערע קורטקעס, און א קלאַל איז בא אונז: „נעם דיר א פּעלצל מיט א פּאָר קאַלאָשן און... פרעג נישט!"

נאָר איין באַלעבאַטיש מאַנטעלע מיט א סאַמעטענעם קעלנערל איז באַוואָרנט פון אונז.

דאָס מאַנטעלע איז א גרויסער כאָשעוו, א יאַכסן.—עס קער צו א פארבלאָנדזשעטן קאָמיוואָיאַזשאָר, וואָס מ'האָט אים געזאָגט, אז

דאָ אין קעמפּ איז „פרייע ליבע״.

האָט ער אוועקגעשטעלט זיין טשעמאָדאַנטשיקל, האָט באַ אים
אַ כאַווער גלייך אַרויסגעפּאָמפּעט דריי דאָלער פאַר די קוילן־סטריי־
קערס, דערנאָך האָט ער זיך פאַרשריבן און דער רויטהאָריקער פאַר־
וואַלטער, כאַווער ק., האָט אים דערלאַנגט דאָס געוויסע פּעקעלע
מיט וועש ווי אַף צו גיין אין באָד אַריין.

— „וואָס איז דאָס ?״

— „דאָס איז די ליינציייג פאַר אייער בעט. צוויי ליילעכער, צוויי
האַנטיכער, אַ ציכל״.

— „און ו ו ע ר וועט מיר מאַכן ס׳בעט ?״

„איר׳ט זיך אַליין מאַטריעך זיין״.

„אויב אַזוי״, האָט דער קאָמיוואָיאַזשאָר אָנגעהויבן עפּעס זאָגן
און נישט פאַרענדיקט. ער האָט גענומען ס׳טשעמאָדאַנטשיקל.

דער כאַווער ק. האָט אים גענומען אָפּן „באָס״, צום וואָקזאַל,
איז אַזוי דורכגעהעצקעט, אַז יענער האָט שוין נעבעך פאַרגעסן אין
דער „פרייער ליבע״.

:: :: ::

אויך אין קעמפּ זענען פאַראַן צוויי קלאַסן: בורזשויען און אַר־
בעטער.

„אַרבעטער״ זענען די, וואָס אַרבעטן אין קעמפּ. בורזשויען
זענען יענע, וואָס רוען איצט, „טוען נישט קיין האַנט אין קאַלט וואַ־
סער״. און הוליען אַף וואָס די וועלט שטייט.

„אונזער פירערשאַפט״ (אַזוי רופט מען דעם כאַווער זאַלצמאַן)
איז זייער אויסגעמוטשעט פון עפּעס אַ קרענק, גייט ער אַרום אין די
„באַלון־קניקערס״ און פרעגט „ווען וועט מען עסן ?״ יעדעס מאָל,
ווען דאָס גלאָק קלינגט אין ביקאָנער קלויסטער (אַ מעהאַלעך פון פיר
מייל), אָדער אין דער שקאָלע דאָ־דאַביי, לויפט ער עסן. אָבער אַלע־
מאָל דערמאָנען אים די „אַרבעטער״, אַז די בורזשויען עסן ערשט
באַם צ ו ו י י ט ן קלינג. צ ו מ ע ר ש ט ן ע ס ן ד י,
ו ו אָ ס אַ ר ב ע ט ן !

אַמאָל אַז מיר צערעדן זיך פון דעם און פון יענעם, ווערט זאַלצ־
מאַן אַפילע פילאָזאָפיש און זאָגט: „אָט אַזוי איז די וועלט״ און ער
לעגט זיך אַוועק אַף אַ מאַטראַצל, אָפן דאַך פון דער „קאַנצעליי״,
(נישט ווייט פון די נייע „לאַמטערנדלעך״) און ער וואַרימט זיך קעגן
דען זון. נאָר דעם שטעקן לאָזט ער נישט אָפּ, אַפילע ווען ער ווערט
אַנטשלאָפן, האַלט ער אים אויך צו מיט ביידע הענט.

ביטעלמאַן שלאָפט אין פוטערנעם רוסישן היטל. מיט די ברילן אַף די אויגן, מיט דער „טיימז" אַפן בויך, און מיטן ליולקעלע אין דער זייט, ווי אַן אומשולדיק שוועסטערל.

איך ליינ מיך מיטן פּאָנים צו דער זון, איך „גענים זאָנענשיין".

דאָס מיידל, וואָס איך האָב איר מיט א טאָג פריערט קען זיין געשוואוירן אייביגע ליבע, טרעט אריבער איבער זאַלצמאַנס פיס (ס'דעכל איז א שמאָלס, מען מוז זיך היטן ווי מי גייט) קומט־צו צו מיר און פרעגט:

„פּערעץ מארקיש איז טאקע אזא שיינער ווי מי זאָגט? האַ? און דער באַרג עלברוס אין קאווקאז איז טאקע דערזעלבער באַרג אראַ־ראַט, וואו נויעכס טייווע — — ?"

איך מאַך מיך אז איך שלאָף.

:: :: ::

דער האָדסאָן ברעכט זיך.

אַן אָטעם ווי פון ווארעמער בעהיימע קומט אראָפ פונם הימל.

אַפן „אינזל" איז שטיל. „קיינער, קיינער איז נישטאָ".

איך שטיי ווידער מיט „איר". העקל מיט איר צענויף די פינגער.

די „אלוויסנדיקע" (איך האָב אייך נאָך פון איר נישט דער־ציילט) קומט־צו און פרעגט צי איך בין א ציניקער? און צי ס'איז עמעס, אז איך „גלייך נישט קיין קונסט? פ א ר ו אָ ס? וואָס קען זיין שענער ווי קונסט?"

איך גיב איר אַף גיך א מאָשל מיט א מענטש וואָס זיצט אין אַן ענג פינצטערן צימערל און לייענט וועגן א זון וואָס שיינט, בעיס אין דרויסן שיינט טאקע די זון.

און נאָך עטלעכע מאָשאָלים.

דערנאָך עסן. לייענען א ביכל, טאנצן, שלאָפן, אָפּרוען.

:: :: ::

דריי מאָל אין טאָג עסן — קומען־צו־זיך, קייען לופט, זון, אָפּרוען פון שווערער אַרבעט.

„בא וואָס ארבעט איר, כאווערטע?"

„זעקס שאָ א טאָג ארבעט איך בא העמדער, די איבעריקע צייט ארבעט איך בא סלעק. איך פאַבריציר סלעק. פאר מיר, פאר אלע אנדערע ארבעטער".

איך גיי מיך ראַזירן און באָדן. דאָס וואשצימער איז זייער ריין. די שפּריצן שטייען ליידיק — איך שטיי־אויף שפּעט.

אַף יענער זייט וואנט, אין ווייבערשן אָפּטייל באָדן זיך צוויי כאווערטעס.

איך הער דורך דער דינער וואַנט:
„עלבּרוס... סעקס... נישטאָ קיין אַרבּעט... היינטיקע מענער...״
איך גיב אַ הוסט, ווערט שטיל, מי צעלאַכט זיך.

:: :: ::

„זונשפּריץ״ איז אַ ליכטיקער יונג, וואָס לערנט זיך—אַף זאַלצ־מאַנס באָרד—שפּילן שאַך. ער איז עס טאַקע „דעריעניקער״, וואָס האָט באַם קאָמיוואָיאַזשאָר אויסגענאַרט די דריי דאָלאַר.

ער איז דאָ דער עלצטער גאַסט. ער ווייסט פון אילע געבּראָכענע (ווייבערשע) הערצער, איז אַ טאַטע צו אַלע אַלמאָנעס און יעסוימים.

ווערט אימיצער נישט־געזונט, שיקט מען נאָך „זונשפּריצען״. ער האָט אַ טייער מיטל צו אַלע באַלאַסן: „שוויצן״.

אַזוי ווי קיין מיעסער איז ער נישט, דער באַוווער זונשפּריץ, שוויצען צוליב אים אַ סאַך באַוווערטעס.

ער דעקט זיי צו מיט אַ באַרג קאָלדרעס, לייגט זיי הייסע פלעשער צו די פיס, קאָנפּרעסן צו דער ברוסט—און ס'ראָוו שוויצן זיי.

„ניטלעדראַיגעט״ מיט אַ לעוואָנע פון אויבן

היינטיקס מאָל בין איך געקומען מיט יאָסל קאָטלערן. אַראָפּגעכאַפּט זיך אַף אַ מינוט לייגן בעשוטפעס אַ לאַטע אַף אונזער ביסל געזונט.

אַראָפּגעגאַנגען באַ „דאָטשעס דזשאָנקשאָן״—באַ דער „דוקסי־בעם יונקציע״, ווי קאָטלער האָט עס איבערזעצט אַף גיכן אידיש—און געקראָכן באַרג־אַרויף, יעדער מיט זיין קלימיקל—מיינס אַ נישקאָשעדיקס, מיט אַ קעלבלהויט פון אויבן, אַ שוואַרץ געקאַרבּט קעלבל, אַן אויסגעהוילטס. קאָטלערס וועגעטאַריש רענצעלע פון בלעך, אָנגעפילט מיט פינזלען, פאַרבן, פּאַפּיראָסן, אַ שטיקל העמד — שוין מיט אַן אויפגעמאָלענעם קראַוואַט, ער זאָל זיך נישט דאַרפן „באַדערן״.

:: :: ::

באַרג־אַרויף דורך „נעגער־דאָרף״, באַם בּרעג האָדסאָן. אין די ליימענע בלאָטעס אַ ציגעלניע, אַ גרויסע, מיעסע, מויל־האַרמאָשקע מיט צעשלאָגענע ציין. שטייט ליידיק. סאַ'יז פאַרנאַכט. אומפאַרשעמט־רויטע ציגל טריקענען זיך אין ערעוו־אַפּריל זון. טאַטשקעס ליגן ליידיק.

צו דער ציגעלניעס אָרעמקייט האָט צוגעשפּאַרט אַ שוואַרצן אַקסל דאָס נעגער־דאָרף. שטיבלעך קאָליעטשעטע, צעפאַלענע, מיט אויס־

געשלאָגענע אויגן. לויזע טירן הוידען זיך אַף איינציקע זאַוויעסעס. אַ בלומענטעפּל פארשטעקט אַ לאָך פון אַ שויב, און די בלימלעך ליגן פּאָפּערעק. קינדער, ווי שאָטנס, שפּילן זיך אין ביסל זון און געלן גרוב, וואו מ'גראָבט ליים. ווערן ברוינער, ברוינער, די באָרוועסע פיסלעך. די ציין לאָכן טרויעריק, ווי נייע מאַציִיוועלעך אַף שוואַר־צע קוואָרים. די אויגווייסלעך זענען אַ סאַך און צעשוואומען.

באַ דער טיר פון אַ שענטי שטייט אַ נעגער און רויכערט אַ וויי־סע, לאַנגע ליולקע פון ווייסן ליים.

— וויאַרומעט צום קעמפּ, ברודער?

— צום קעמפּ? דריי הויפן רעכטס, דערנאָך לינקס, דערנאָך באַרג־אַרויף, דערכן גרוב, וואו די „ניגערלעך" שפּילן זיך (ער זאָגט ביפּיירעש „ניגערלעך").

אַרויף, אַרויף, ביז איבער די ליים־גריבער. דערנאָך איבער די טאָלן וואָס קערן שוין צו אונזער מאַיאָנטיק „ניטגעדאַיגעט".

פונם פריערדיקן מאָל, וואָס איך בין דאָ געווען, ביז היינט, האָט דער האָדסאָן פאַרלוירן זיין בלוי־גרויע אייז־שאָלעכץ, די פעלדער האָ־בען פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די דינע, גלעזערנע ליילעכער. דער ווינ־טער־ווייץ גייט־אויף גרין, לעבן מעשוגאַאים־הויז, אַף רעכטס. די בערג שטייען אין געערנערטער ליכטיקייט אין דער פולער זון. דער שפּיץ פונם אַ מידן „גוט־מאָנטיק". די צאָן־באַן פריוואַט אויס אירע קויכעס באַרג ביקאָן מיט זיין האָטעל און באַנגעלעך, קוקט אַראָפּ צו אונז מיט נאָך איר ווינטערדיקן שלאָף. ביידע טראַמען, דער אַרויפיקער און דער אַראָפּיקער, טרעפן זיך ערגעץ אינם געפּערלעכן מ י ט ן פונם באַרג, מיידן זיך אויס, קריכן ווייטער: עלעקטריש־באַאָטעמטע, שטאָ־לענע טשערעפּאַכעס.

:: :: ::

די צוויי געלע הינט און דער שוואַרצער קומען אונז אַנטקעגן פון „ניטגעדאַיגעט", בילן אַף אונז, פון יויצע וועגן. דערנאָך נעמען זיי לעקן די פיס. דער שוואַרצער שטופּט מיר זיין וואַרעמע, פאַר־קילטע נאָניע אין דער האַנט אַריין. די צוויי געלע שפּילן דערוויַיל אַ „לייכטע ליבע", באַנאַזן זיך איינס ס'אַנדערע, אַרום די הינטנס. האַוו־קען־צו, דערלאַנגען מיר אַלע דריי מיטאַמאָל די זינדיקע נעז אין דער זשמעניע אַריין.

עס פאַרנאַכטלט.

די בערג זענען צעפּאַרעט, ווייַן איז אין דער לופט. פּידלען שמעקן אַפן בוידעם. ראַדיאָס שפּילן ערגעץ.

מיר זענען לעבן ווינטערהויז פון „ניטגעדאַיגעט".

נייע „באַנגעלעך" טראָגן אַנטקעגן זייער „וואַסמאַכטירגוטס". זיי ווייסן, אַז מיר האָבן זיי באַשריבן. זיי לאַכן, די גאַנאָווים.

דאָס אײנגסטע, מיטן רויטן דעכל און מיטן דאַכשלעגער אפן קאָפּ, שמייכלט באַרג־אַראָפּ מיט צוויי ליכטיקע ווייסע פּיס, און סי בעט באַם פּיקהאָלץ אפן אַנדערן דאַך, ער זאָל עפּעס צו־שפּילן.

— פּיקעט־פּיק, פּיק־פּיקעט...

מיר שטייען ווי לײדיקגייער. באַ דער גרינער טיר הענגט אַ טערמאָמעטערל אַף אַ דין שפּיגאַטל. דאָס קוועקזילבער־רינוועלע איז צעקנאַקט. אַ ווינטל שפּילט זיך דאַמיט ווי מיט אַן אַרויסגעריסן דעי־פּעקל.

יאָסל:

— וויפיל האַלט דער קלימאַט?

איך:

גאָרנישט.

אויב אַזוי, מאַכט קאָטלער, איז גוט. וועלן מיר פאַרשפּאָרן צו האָבן צו טאָן מיט די קלימאַטן, און מירן קענען אַרבעטן.

ס'איז שטיל, ס'איז ערעוו־אָנהויב. דער „קעמפּ" רוט זיך אויס די ביינער. די מאַטראַצן ליגן אַף דער לופט און שעפּן נייע קויכעס אפן זומער. אַף דער ערד, אין קאָרידאָר, זעט מען נישט מער די מיש־פּאָכע פון „גומענע כאַזיירימלעך" (קאַלאָשן רופט מען זיי) וואָס זע־נען ערשט אַרויס פון בלאָטע.

קיין בלאָטע נישטאָ, נאָר נייע טעג ווי די בעכערס.

אין עסצימער.

ס'איז גראַם. די פענצטער צום האָדסאָן לאָמטערנען אַריין וואַ־סער־גלאַנץ, שטערן־געשפּיגל. די לעוואָנע שטייט און קוקט ווי מיר עסן וועטשערע. די הונגעריקע לעוואָנע, נעבעך!

שאַלאָטן און באָרשט און פייגן־צימעס, און קאַרטאָפליעס און הערינג און סמעטענע.

און אפן הימל גיט אַ קוק: זייט־זשע מויכל! — אויך סמעטענע. נישט קיין מ י ל כ ו ו ע ג, נאָר אַ ס מ ע ט ע נ ע ־ ו ו ע ג.

אַ קלאָרע נאַכט, ווי אַ גלעקל. די מאַמע לעוואָנע האָט צענויפגע־רופן וואו זי האָט ערגעץ אין עק־וועלט אַ קינד, צי אַן אייניקל, צי אַן אוראייניקל...

דער האָדסאָן שלינגט שטערן און פאַרכלינעט זיך. דער יופּי־טער איז אים אַריין אין דער לינקער קייל... ער ווערט ברוין־און־בלוי. ער האָוועקט אַזש...

ניין, ס'איז דער געלער הונט אונזערער.

דער האַדסאַן — וואָס רעדט איר? אַ זאַ אַנשטענדיקער האַדסאַן, וועט נישט נעמען שלינגען קיין שטערן.

פאַרקערט, ער וואַרפט זיי קריק דעם הימל אין פּנים אַריין אַפן שפּיץ פון זיינע וויג־טעלערלעך.

שפּעט געשלאָפן — אינם לאַנגן צימער, נומער 5, ערשטן שטאָק. אין דער קאָלאָניע פון עפּשער הונדערט מאַטראַצן, צישן זיי עטלעכע אויסגעדינטע, וואָס מעגן שוין קריגן מעדאַלן.

באַנאַכט האָט קאָטלער גערעדט פון שלאָף און געזאָגט „באָפּאַ־לאַ, באָפּאַלאַ", אָדער עפּשער האָט ער בלויז געבלאָזן מיט די ליפּן, אָן שום ערנסטע קאַוואָנעס?

דער פּאַרוואַלטער, כּאַוועַר ק., איז שטיל און פאַרשוויגן. דער ערעוו־זומער פון איין זייט און מאָצע־ווינטער פון דער אַנדער זייט, הענגען אים איבער די אַקסלען, ווי אַ קראָמיסלע, מיט צוויי קאַ־נען. די פעדערשטע קאַן וואַזשעט איבער...

אין קאַנצעליי איז שטיל, די קאָל־האַקאָלירן סטענגעלעך אין אויבערשטן גלאָז־קעסטל, לעבן דער שרייב־מאַשין שטייען גרייט צו דער... כּאַסענע, און—און וואו זענען די מאַכעטאָנים?

אַ 25 כּאַוויירים, כּאַווערטעס — עטלעכע פון ווייטע שטעט, גע־קומען אַהער אַ קוק טאָן אויף אונזער מאַיאָנטעק, איבערציילן וואָס מיר פאַרמאָגן.

קאַטאָליקן פאָרן קיין רוים, אידן—קיין טעל־אוויוו, מאַכמעראַ־נער קיין מעקאַ, אַמעריקאַנער קאָמוניסטן—אין קעמפּ ניטגעדאַיגעט.

קאָטלער פאַרדינט זיך ס'שטיקל ברויט. מאָלט בילדער אויף די ווענט. קלאַסישע מוראַלן, גראָטעסקן, צירונגען.

כּאַוויירים שטייען און זאָגן מעווינעס.

די קליינע כּאַווערטע, וואָס האָט שטענדיק דעם טעמפּעראַמענט בא זיך, זינגט עפּעס אַ טרויעריקס. די כּאַווערטע וואָס „גייט אין גאָלד" (מ'רופט זי אויף ענגליש די „געשטעפּטע", ווייל זי האָט נאָך אין זיך עטלעכע גאָלדענע נאָטן פון נאָך דער אָפּעראַציע) ליגט־צו אַ פּויסט צום אויג, ווי אַ שפּאַקטיוו. דער כּאַוועַר „וואַנטצייטונג" שניצט אַ ברעטל, און דרוקט אויף דעם אויף די אויסיעס פון מיין געבענטשטן נאָמען. דער כּאַוועַר מיט דער קליינער וואָנצע (ווי אַ קראַוואַטל אונטער דער נאָז) ליגט אויף דער קושעטקע מיטן פּאָנים אַראָפּ און קנאַקט עפּעס מיט די ציין. די כּאַווערטע מיטן כּסידיש אינגלשן פּאָ־נים, וואָס זעט אויס, וואָ מ'וואָלט איר אָט־ערשט אָפּגעשאָרן די פּייעס,

זיצט באַם קאַמין און... טרוימט, מיט אַ צענויפגעוויקלט נאָזטיכל אין שויס, ווי אַ וועוועריקל.

נאָך דער „מינסקער פראַנצויז" גייט אַרום הין און קריק איבער־דעם נייע־געפוצטן זאַל. פאַפּקעט אַ פּאַפּיראָסל, גלעט זיך ס'וועסטל — אַ געפּאַקטער מענטש, ווי געמאַכט פון קנאַק־ווירשטלעך.

ער פּריוועט אַרויפליינן זיין האַנט באַ אַ מיידל ערגעץ וואו ס'איז שפּיציק. ער כאַפּט אומעטום אָן אָפּשניט. ער קוקט פאַרקעלבערט דורך זיינע פּאַרטאַיעטע ברילן, גייט זיך אַביסל דורך מיט די קליינע טריטעלעך, ציט אַרויף די הויזן, וואָס האָבן באַ די גרעניצן, אַ סאַך שווערע קנייטשן.

— באַ אונז אין פּאַריזש...

ער באַלעקט זיך מיט פּאַריזש. ער האָט דאָרט אַ היים. אַ שיינע היים. איצט איז ער דאָ. איבעראַכטאָג אין דער צייט וועט ער זיין אין... מאָנטרעאָל, דערנאָך קומט ער קריק קיין ניו יאָרק, דערנאָך פאָרט ער קיין פּאַריז, דערנאָך אין „סאָוועט־ראָשע".

— און ווי אַזוי איז מיט וויזעס? קיין זאַכן לאָזט מען נישט אַריין באַ דער גרענעץ? און וועלכע אַרטיקלען קען מען אַרויספירן? איך דאַרף זיין דאָרט וואָס גיכער, ווען איר קענט מיר פועלן אַ „וויזעלע"...

איך שפּיל מיך אין געדאַנק מיט זיין וואָרט „וויזעלע". און ענטפערט אים אין געדאַנק „וויזלטיר". און וואָס האָט ער אַזוי קיין צייט נישט? און פון וואָס לעבט אַזאַ איד ווי ער? וואו נעמט ער געלט?

— איך ענטפער אים:

— בעסער הויבט זיך נישט אָן מיט די באָלשעוויקעס!

— פאַרוואָס זאָל איך מעך נישט אָנהייבן? —קריכט ער מיך נאָך ווי אַ קו אַ קאַלב. און ער זאָגט אַלע מינוט „כאַווער".

דאָס וואָרט „כאַווער" קלינגט אין זיין מויל אַזוי פאַלש. עס דערמאָנט מיך אין דעם „גער־צעדעק" באַ אונז אין שטעטל, וואָס יעדעס מאָל וואָס ער האָט געדאַרפט אַ קוש טאָן זיינע טפילין, אַפן אָרעם און שטערן, האָט ער געמאַכט דעם „צייכן פונם צײלעם".

ס'ווערט דערעסן אַליין נישט צו אַרבעטן און צו קוקן ווי קאָטלער שטייט אַף אַ ביינקל און—מאָלט זיינע טאָטערלעך, זיינע אידעלעך, זיינע שיקסעלעך...

איך לאָז מיך שפּאַצירן צום שטעטל ביקאָן.

די וועגן זענען טרוקן און געשמאַק. אונטערן פוס גרינג, און

ס׳הארץ זאגט צו זיך אזוי און אזוי. און פונם שקאלכן, וואס איז שוין 24 יאר אלט גייען קינדער אהיים. זייווארפן זיך מיט ביכלעך, לייגן זיך אף דר׳ערד. א ניגערל רייט אף א ווייס מיידל און טרייבט זי אן בא די צעפלעך.

א קויטיקער טייך, די קאליר פון ארבעס־זופ, רירט זיך פאוואליע און מער אין דער ברייט, ווי אין דער לענג. די פארענטשע פון בריק שאקלט זיך. א שטילער רויך פון פאבריק קוימען ווי א קאמען: קאמען־גארנישט—גארנישט.

שטילע שטיבלעך בא א שטילן טייך, אין א פארטאיעטער זון.

אויפגעריסענע זידנדיקע וואסערן אין דער ווייט. פון די בערג אראפ!

און א קלויסטערל א געלס, און א וואוילס, און לאז עס ווערן איינ־געזונקען.

אפן וועג קיין ביקאן איז דאס נארן־הויז.

צוויי שווייגנדיקע פרויען גייען ארויס פון דער פארפוצטער געביידע.

וועלכע איז די קראנקע?

איך קוק לאנג. אהא, יענע וואס די ווייסע קליידער זעען זיך פון איר מאנטל אפיר.

די „שוועסטער" פארשטייט מיין בליק, נעמט ענגער צענויף דעם מאנטל, נישט צו פארשעמען די קראנקע...

א כאווערטע וואס קען גוט דעם געגנט זאגט מיר:

דאס איז ס׳רייכסטע מישוגאאים־הויז אין לאנד. מ׳צאלט עט־לעכע הונדערט דאלאר א וואך פאר א פאציענט. די קראנקע האבן דא אלע לוקסוסן, אלע פארגעניגנס...

איך קוק אף דער שווייגנדיקער קראנקער, וואס גייט ווי א גע־פענטעטע. איך קוק אפן געלן קלויסטער, איך קוק אף דעם „רייכן געשעפט", וואס איז א סאניטאריע פאר גייסטיק־קראנקע מענטשן. די לופט ווערט קיל. דער טאג קורץ. איך גיי קריק אין ניטגעדאיגעט. און איך זעץ מיך אוועק און... דאיגעניט צעביסלעך, אף אזויפיל ווי ס׳איז מעגלעך אין א וועלט פון קאפיטאליסטישן מעשוגאס, וואס קאסט אונז אזוי בלוטיק־טייער. אזוי בלוטיק־טייער. —

מאַיסעס דאָרטן

ק נ י פ ל ע ך

פּינכאָס און שויעל.

פּינכאָס איז אַ איד, וואָס זאַמלט פאַר יענער וועלט. פּלאָגט זיך טראָגט רעטשקע אפן לייב, כדי נישט קיין האַנאָע צו האָבן פון דער וועלט. אין דער קאָווע טוט ער אריין זאַלץ, אין די קאַרטאָפּ־לעס — צוקער, און אַז ער באַשלאָפט ס'ווייב, מורמלט ער דאַביי אַ קאַפּיטל טילים.

און בלאָס איז ער און קראַנק איז ער, הויט און ביינער, קוים וואָס ער לעבט, און ס'גאַנצע לעבן זיינס איז אַזאַ בלאַ־וואַסערדיגס, אַזוי ווי דאָס ביסל וואַסערדיגע, וואַרימע מילך אין וועלכן ער בראָקט אריין שטיקלעך אַלט ברויט און קומט דאַמיט אָפּ אַ מאָלצייט.

פּינכאָס איז אַ פרומער — זייער־זייער־זייער אַ פרומער מענטש, און ס'גאַנצע לעבן איז בא אים נישט מער ווי אַ צוגרייטן־זיך צו דער עמעסער וועלט, וואו ער וועט זיצן אף אַ זילבערנער שטול מיט אַלע צאַדיקים גלייך און זינגן שירע (פון וואַנען וועט ער מיט אַמאָל קענען זינגן — ווייסט ער נישט!).

שויעל איז אַ באַלאַגוף, אַ באַלטאַיווע, באַליעיצערהאָרע, און ער פרעסט און זויפט און גאַנוועט און איז מעזאַנע און זאָגט ליגן, און שווערט פאַלש, און האָט האַנאָע פון גאָר די פאַרגעניגנס פון דער וועלט.

פּינכאָס איז דער עמעסער איידעלער איד, אַן עוויון, אַ באַל־צעדאָקע, אַ באַלבעכי, קען אַ קאַץ אַן עק נישט פאַרבינדן, קען קיין צורעסמאַטבייע נישט. שויעל ווידער, איז פעט און קיילעכדיק און האָט אָנגעשטאָפּטע קעסטלעך מיט גאָלד און — ס'איז דאָך זיכער, אַז וואָס? אַז פּינכאָס וועט מירצעהאַשעם, איבער הונדערט יאָר, גיין גלייך אין גאַנאיידן אַריין און שויעל וועט פאַרפאַלן ווערן אין גהענעם.

אַ יאָ, אַזוי לייגט זיך אפן סייכל? לאָזט זיך אָבער אויס אַזאַ מאַיסע.

שויעל און פּינכאָס שטאַרבן אין איין טאָג, און ביידנס נעשאָמעס באַגעגענען זיך אפן וועג אין הימל אריין.

פינכאַסעס נעשאָמע איז האָפּערדיק, אויפגעלייגט, און זי זינגט (זי זינגט שוין גאָר?)

וואָס מיר זענען זענען מיר
אָבער אידן זענען מיר...

פארקערט ווידער, שויעלס נעשאָמע איז פארשעמט, דערשראָקן, ווער ווייסט וואָס סע וואַרט אַף איר?!

מאַכט שויעלס נעשאָמע צו פינכאַסעס נעשאָמע:

— עפשער קענט איר ארייַנוואַרפן פאַר מיר א גוט וואָרט?! כ'בעט אייך. איר'ט האָבן אוילאָמאַבע.

פינכאַסעס נעשאָמע קוקט זי אָן סקאָסע: „אוילאָמאַבע?" — ווי איינער רעדט, אָט אַפּאָנים אַז אָן דעם וועט זי נ י ש ט האָבן קיין אוילאָמאַבע. שויטע איינער!

און פינכאַסעס נעשאָמע שפּאַנט פאָרויס, קימאַט מיט זעלנערשע טריט (וואו האָט זיך צו איר גענומען אַזאַ קויעך?), און שויעלס נעשאָמע מאַכט קליינע טריטעלעך, שלעפּט זיך, האָט מוירע צוקומען נאָענט צו די טויערן פון הימל.

— ריר זיך! (פינכאַסעס נעשאָמע אַזוי צו שויעלס).

ביידע בלייבן שטיין באַם הויפּט-טויער, וואו ס'זענען אויפגעקריצט לייבן מיט לעמפּערטן, און עפּעס איינער א הימל-שאַמעס מיט א פאַרשטויבט, געל זונעלע אַפן קאָפּ (ווי א שטריימל), קומט ארויס, פּיפּקעט א ליולקע-ציבוך און זאָגט:

— עבהע... ענדהע... צאָץ עפּעס געוואָלט?

— מיר זעמיר געקומען אָפּגעבן דינוווכעשבן! — מאַכט פינכאַסעס נעשאָמע און גייט א ווייז מיט א פינטלדיג אויג אַף שויעלס נעשאָמע, וואָס שטייט נעבעך און ציטערט.

— פּכע — עבהע... רעדט דער הימלשאַמעס ווייטער און נעמט נישט ארויס די ליולקע-ציבוך — וואַרטס-צו וועט'ן ציען קניפּלעך.

— קניפּלעך?

— קניפּלעך!

בלייבן שוין ביידע נעשאָמעס געפּלעפּט, קוקן זיך איבער און פארשטייען נישט.

רופט זיך אָפּ דער הימלשאַמעס, שוין אָן דער ליולקע אין מויל:

— די געטער ציען קניפּלעך... אַף וועמען סי פאַלט אויס דער ליידיקער שפּיץ, דער גייט אין גאַניידן אריין, און פארקערט, אַף וועמען סי פאַלט אויס דער קנופּ, דער גייט אין געהענעם אריין, פ'שייט איר מיך.

— צו וואָס־זשע — מאַכט פינכאָסעס נעשאָמע — האָב איך זיך באַדאַרפט מאַטערן אַזוי פיל יאָר, פלאָגן מיין גוף, טראָגן רעטש־קע אַפן לייב, וואַוינען מיט אַ מיעס ווייב, פאַסטן טאַנייסים, זיך אויסוויינען די אויגן אין טפילעס, נישט נענע זיין פון דער וועלטס טאַנוגים... נישט טרינקען אַפילע אַ ביסל בראָמפן, אָדער רויכערן אַ פאַפיראָסל? זעכציג יאָר אַזוי?

פינכאָסעס נעשאָמע האָט געוואָלט נאָך ווייטער עפּעס זאָגן, זיך באַקלאָגן, שרייען, וויינען, שעלטן, אָבער דאָ האָט זיך דערהערט אַ קאָל אַ שטילס און אַ פאַרכטיגס, וואָס האָט געלאָזט וויסן אין אויסגעצויגענע רייד:

— פינכאָסעס נעשאָמע — גהענעם, שויעלס — גאַנאייִדן!

— שוין געצויגן די קניפּלעך! — האָט געזאָגט דער הימל־שאַמעס, גענומען פינכאָסעס שרייענדיגע, שעלטנדיגע און וויינענדיגע נעשאָמע און זי אַריינגעשטופט לינקס, אין גהענעם אַריין, און פאַר שויעלס נעשאָמע האָט ער ברייט צעעפנט דעם טויער רעכטס, וואָס פירט צום גאַנאיידן.

ס'מאַכט זיך אַמאָל —

אַ שטייגער:

(לאָמיר האָפן, אַז סע עט, כאָלילע, נישט טרעפן, אָבער וואָס טוט מען, אַז סי טרעפט זיך כאַסוועשאָלעם יאָ?)

מ'ברייגגט אייך אַריין אַ האַלב־טויטן, מיט אַן איבערגעפּאַ־רענעם פּוס.

(איך ווינטש עס אייך כאָלילע נישט, אָבער וואָס טוט מען, אַז סי טרעפט זיך כאַסוועשאָלעם?)

דאָס בלוט רינט — שרעקלעך.

און זי —

(איך זאָג כאָלילע נישט, אַז זי איז אַזאַ „אויסוואָרף", אָבער וואָס טוט מען, אַז יאָ?)

זי קומט אַריין.

מיט זיבן פעקלעך אונטערן אָרעם. אַ שאַכטל אימפּאָרטירטע קאָנפעקטן, אַ נייער הוט, אַ פּאָר נייע שיך, דריי פּאָר גראָע זייד־זאָקן — 1.45 אַ פּאָר.

געזען האָט זי נאָך געזען פון דער ווייטן (לאָמיר זאָגן), אז מ'טראָגט אייך אריין אן איבערגעפּאַרענעם.

און איר ערשטער געדאַנק (נעמען מיר אָן), איז געווען:

1. א כאַפּ טון זיך באַם קאָפּ.
2. א געשריי טאָן „גוואַלד".
3. א פאַל טון אין כאַלאָשעס.

אָבער זי האָט זיך (נעמען מיר אָן) מעיאַשעוו געווען אז:—

1. זי קאָן זיך נישט כאַפּן באַם קאָפּ, ווייל זי קאָן נאָך אראָפּ־לאָזן די פּעקלעך, אין וועלכע ס'געפינען זיך דריי געשליפענע גלע־זער.

2. זי קאָן נישט א געשריי טון „גוואַלד", ווייל די שטים איז באַ איר נישט ווי אַמבעסטן. אַבוץ דעם האָט זי ערשט נעכטן אָנגעטאָן די די נייע ציין, קאָן זי זיי נאָך פאַרלירן.

3. פאַלן אין כאַלאָשעס קאָן זי אויך נישט, ווייל: ערשטנס, די דריי געשליפענע גלעזלעך; און צווייטנס, איז דער אריינגאַנג צום הויז נישט געוואַשן־געוואָרן שוין עטלעכע טעג.

דעריבער האָט זי:

1. צוערשט אוועקגעשטעלט די פּעקלעך.
2. דערנאָך אוועקגעשטעלט די דריי געשליפענע גלעזער.
3. דערנאָך — האָט זי נאָך אַלץ נישט געשריגן „גוואַלד", ווייל די שטים, ווי מיר ווייסן, איז באַ איר געווען נישט ווי אַמבעסטן, און אין כאַלאָשעס איז זי אויך נישט געפאַלן, צוליב סיבע נומער 3 (זע די פריערדיגע נומעראַציע), נאָר זי האָט צוגעלייגט דאָס ווייסע, פריש־געפּרעסטע טאַשנטיכל צו די שיינע (בלאָווע?) אויגן און גע־זאָגט (נעמען מיר אָן) אומגעפער אָט־אַזוי־אָ:

— „ווי איז מיר, וואָס איז געשען? גאָלד מיינס! נעשאָמע מיינע! מע־נ־טשן! זאָגט מיר, וואָס איז געשען? ווי אזוי? אָי, איך בין אומגליקלעך... וועלכן פּוס? דעם רעכטן? ווי אזוי ווייט? ביז־אהער־אָ? ביז איבער דער קעשענע? אָי, אָי, איך וועל דאָס נישט איבערלעבן. טייערער מיינער! קרוין מיינע! ווי אזוי איז דאָס געשען? מע־נ־טשן! גיט מיר אביסל וואַסער... סאַ'איז מיר נישט — שוין — ס'איז מיר שוין בעסער... פּליז, גיט אַכטונג, אָי, ס'איז א נייער דיוואַן. ניין, נישט אַהין... נישט אַהין... נישט אף דער פּלושענער זאָפע... נישט אף דער נייער קאָלדרע...

. . . איך זאָל מיך בארואיקן? — אָי־ווייז־איז מיר! איך בין שוין רואיק... אזוינע יונגע צוויי מענטשן... זיך באַמיט נעבעך... די הויזן אייערע מוזן זיין — ווי אזוי איז דאָס געשען? ווי אזוי?

זאָגט מיר כאָטש ווי אזוי דאָס אומגליק איז געשען? וואָס וועל איך איצטער טון, וואָס? ווי אזוי וועל איך דאָס איבערלעבן — ווי אזוי? ? ? ווי אזוי וועל איך דאָס קענען אויסהאַלטן — ווי אזוי? נעשאָמע מיינע! קרוין מיינע! ווי אזוי איז דאָס געשען — ווי אזוי?

איך האָב אים טויזנט מאָל געבעטן, ער זאָל אַכטונג געבן ווי אזוי ער גייט אַריבער די רעלסן... נעמט ער און לאָזט זיך... פּאַוואָלי, ווי איר הויבט דאָרט אויף... די געשליפענע גלעזער. נעמט דאָרט צענויף די פּעקלעך, זייט אזוי גוט. לייגט אים אוועק, פּליז, און נעמט אַפּיר דעם נייעם מאַטראַץ — זייט אזוי... אָי, סאַ'יז מיר נישט גוט.

ער איז דאָך מיר די קרוין פון קאָפּ — איז ער דאָך מיר. אָי, אזוי וועל איך עס אוים — יאָ. אַהינצו... זייט אזוי גוט, אין לעצטן צימערל... און נישט אף דער ווייסער דעקע... און נעמט אַפּיר די נייע קאָלדרע — אָי, אזאַ אומגליק, אז־אַ־אַ אום־גליי־ק!..."

א מאַיסעלע מיט א מאָראַל

און אָנגעהויבן האָט ער אזוי
אָנטקעגן דעם וואָס איר זאָגט ביטאָכען!

א מענטש, הערט איר, טאָר קיינמאָל נישט אַראָפּפאַלן בא זיך, נישט זינדיגן מיט די רייד... נאָר מעקאַבל זיין אַלצדינג באַאַוואַ... וואָרום קיין שום מענטש ווייסט נישט וואָס דער מאָרגנדיקער טאָג וועט ברייגנען... אָט גראָד דעמאָלט, ווען דער באַלעך ליגט שוין אָפן האַלז, קען זיך מיט אַמאָל א דריי טון ס'רעדל — און... ווי איך'ל אייך באַלד געבן א מאָשל:

מיט יאָרן קריק האָט בא אונז אין שטעטל געוואוינט א יונג און א מיידל. ער, בערל, איז געווען א ישיווע־באָכער, א יאָסעם, אָן פריינט און אָן א גאָיעל. האָט ער געגעסן קעסט בא אָרימע באַלעבאַטים, צוגעהונגערט אביסל...

זי — זיין שפּעטערדיגע אישע כאַנצע — איז אויך געווען א יסוימע, אָן א טאַטן, און דערצו נאָך א קרומע אף א פוס.

געדינט האָט זי בא רעב יאָסעלע שענקער — א איד מיט א שיין פּאָנים, נאָר מיט אַ מיעם האַרץ... זאָל אים גאָט נישט שטראָפן... און וואָס דאָס מיידל האָט פאַרדינט — האָט זי אוועק־געגעבן דער מוטער — געננוג צו דערהאַלטן די נעשאָמע...

אַז די צייט איז געקומען און דער מזאַוועגזיוויקים האָט צענויפ־געפּאָרט שעקער מיט שלימאַזל—בערלען מיט כאַנצען, הייסט דאָס—

מיילע איז מען דאָך אידישע קינדער, מאַכט מען אַ באַסענע קדאָם מוישע וואיסראָעל.

קלעזמער האָבן געשפּילט אָן געלט, רעב יאָסעלע שענקער האָט צושטייער געגעבן אַ פלעשל מאַשקע, נאָר קיין יויך איז נישט געווען — אַפילע נישט קיין פראָסטע... און כאַלעס אויך נישט. אָנשטאָט כאַלעס האָט מען געקויפט צוויי זעמל צו קאָפּיקעס — אבי מעקאיעם צו זיין די סודעסמיצווע...

נו, קען שוין געמאָלט זיין אַ גרעסערע אָרעמקייט, ווי די דאָזיקע? פונדעסטוועגן, אַז גאָט וויל—

. . . נישט אַוועק קיין צוויי יאָר נאָך זייער באַסענע, איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין וואַרשע.

און וואָס טויג עס אייך? איך זאָל אַזוי דערלעבן צו זען נאַכעס בא אונזערע קינדער און איר בא אייערע, ווי איך האָב זיי אליין, מיט מיינע אייגענע אויגן, געזען אף איינע פון די פּאַראַדנע גאַסן גייענדיק — — — איבער די הייזער.

אַרבעטער און פּוילענצערס

אַ יונגער אַרבעטער איז געשטאַנען אין וואַלד און געביסן אַ בוים מיט די ציין פון זיין זעג.

געזעגט, געהאַקט, אים אונטערגעהאַקט.

דער בוים האָט געזאָגט (אף זיין שפּראַך): „אוי, מאַמע מיינע!" און איז געפאַלן.

דער אַרבעטער האָט געהאַקט האָלץ אין וואַלד און ס'האָט אים דער בריענדיקער פראָסט נישט גערירט. ער איז געווען צעהיצט, צערודערט, און דאָס בלוט האָט געזונגען אונטער זיין הויט ווי הייסער האַריק.

דער אַרבעטער האָט געהאַקט האָלץ און איז געווען וואַרעם, אָבער זיין סרובעדיק טאַטעלע, מיט די אָנגעבעטע הויזן (ער האָט אָנגעשטופּט פּאַפּיר ס'זאָל זיין וואַרימער) און זיין מאַמעלע מיטן זינדיקן פאַרטוך, וואָס זי האָט גענוצט אף צו ווישן סיי די נאָז און סיי די אויגן און סיי די טיי־גלעזלעך — אָט די צוויי זענען געזעסן אין שטוב אַרומגערינגלט מיט פּאַרבעלמעטע, פראָסטיגע שויבן און געגענעצט פון קעלט, און געוואַרט אפן זון, וואָס דאַרף ברענגען צושלעפּן אַ פּאָר קלעצלעך פון וואַלד, אף צו מאַכן דעם אויוון.

אין וואַלד אַריין גייט האַקן האָלץ, איר פוילע שקורעס!

צעברענט זיך אַנשטאָט די קלעצער, איר גווילעמעם מיט די קאַלטע הינטנס.

נו־שוין!

אמעריקאַנער רעקלאַמע

דער רעקלאַם־אַגענט האָט מיך שיין באַגריסט און מיך פאָרגע־שטעלט פאַר זיין ווייב.

— מיין פרוי, די אומדערהערטסטע לאַטקע-קינסטלערין פון גאַנץ אַמעריקע. שיין, הויך און געזונט... קיין שענערע פון איר איז נישטאָ אין דער גאַנצער וועלט. קומט און איבערציי — —

ער האָט זיך פאַרכאַפּט און נישט געענדיגט. ער האָט נאָר פאַרמאַכט אַן אויג, מיך אָנגעקוקט און זיך עפּעס דערמאָנט:

— יאָ. קומט אריין נעענטער אין מיינע וואונדערצימערן. עס איז איינע פון די שענסטע דירעס אין דער גאַנצער שטאָט... עמעסע פּאַלאַצן... קאָסטן אַ מאַסע געלט... אַלע פענצטער אויף דער זייט פון דער זון. זייער סאַניטאַריש. וואונדערבאַר. הערליך. געבויט פון דעמזעלבן ארכיטעקט, וואָס האָט געבויט די ברוקלינער בריק און דעם מעטראָפּאָליטאַן־טורם... קוקט זיך ארום!

איך האָב מיך ארומגעקוקט. דריי קליינע צימערן אין דער בראָנקס, פון דעם סאָרט נישטיגע צימערלעך וואָס מ'קען זיי נעמען אין קעשענע אריין.

— פיין! פיין! — האָב איך געזאָגט, — ס'ווירקלעך אַ שיינע וואוינונג.

— שיין? — האָט ער אויף מיר ארויפגעפּאַטשטביידע אויגן — בלויז שיין? מענטש, איר זענט דען אַ מייווין וואָס דאָס איז פאַר אַ הויז!... אַנו, גיט נאָר אַ קלאַפּ אין וואַנט.

איך האָב אַ קלאַפּ געטון אין וואַנט און ס'האָט אָפּגעקלונגען אַ ליידיקייט, — ווי פון אַלע אַמעריקאַנישע ווענט.

— געפילט מיט לאַמאַ־האָר... קעגן פייכטקייט... און באַשלאָגן מיט אונגארישן קארשנהאָלץ... קעדיי ס'זאָל שמעקן... וואונדערבאַר! קומט עסן.

איך האָב מיך געזעצט צום טיש מיט אים, און זיין פרוי און זיין טאָכטער, אַ קינד פון אַ יאָר צוועלף.

— איר זעט דאָס מיידעלע? ס'איז איינס פון די וואונדער־באַרסטע און גראָטנסטע קינדער אין דער וועלט... סע רעדט עפּשער

פערצן שפּראַכן. טאַנצט בעסער ווי די דאַנקאַן, און זינגען? העהע! (ער האָט זיך געווענדט צום קינד) אַנו, אַנאַבעל, גיב נאָר אַ זינג־אויף!

— וואָס מאַכסטו דיך נאַריש, טאַטע? — האָט אַנאַבעל געענט־פערט.

— איר הערט רייד? — האָט דער רעקלאַם־אַגענט געגלעט זיין טאָכטער איבערן שווארצן קאָפּ, — זי האָט אַן אויסערגעוויינלעכן סייכל... לאַגיק ווי בײַ אַ ניטשע... שפּראַך ווי בײַ מעטערלינקן. אין אַ יאָר אַרום, אַז מ'עט דערלעבן, וועט זי אויפטרעטן אין „קארמען“, און זי וועט שטורעמען גאַנץ אייראָפּע... נו, עסן!

זיין פרוי האָט דערלאַנגט צום טיש אַ מאָגערן, אָפּגעשונדענעם הערינג, וועלכער איז געשוואומען אין מוטנעם עסיג.

— איר זעט דעם שמאַלצוואַלפיש? — איז ער אַפּסניי אריין אין טאָן פון רעקלאַמע — אימפּאָרטירט פון ניי־שאָטלאַנד... אין גאַנץ אַמעריקע איז בלויז פאַראַן דריי אַזוינע פיש... די אַנדערע צוויי זענען אין מוזיי.

איך האָב געגעסן דעם הערינג און געקוקט אויף דעם אַגענט און זיין פרוי. די לעצטע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און זיך צעהוסט.

— איר הערט דעם הוסט? — האָט געזאָגט דער רעקלאַם־אַגענט מיט אַ שמייכל פון גרויסקייט, — דאָס איז פון די וואונדער־באַרסטע הוסטן אין דער וועלט. ער איז פול מיט מעטאַל, מיט קלאַנג... ער איז זייער גוט פאַרן — פאָנאָגראַף.

נאָכן עסן האָב איך מיר אַרויסגענומען מיין אייגענעם פּאַפּיראָס און אים געפרעגט צי ער האָט בײַ זיך אַ שוועבעלע.

ער האָט מיר אונטערגעטראָגן אַביסל פּייער און געזאָגט:

— דאָס איז איינס פון די הערליכסטע שוועבעלעך אין דער גאַנ־צער וועלט... סע גיט נישט ארויס פון זיך קיין גערוך... און סע פלאַ־קערט ווי אַ בליץ... וואונדערבאַרע קישעף־שוועבעלעך... איר קאָנט זיי אריינלייגן אין וואַסער און זיי וועלן ברענען... איר קענט זיי אָנרייבן אָן שניי און זיי וועלן פלאַקערן... אין גרעסטן ווינט, אַז איר וועט אָנצינדן צוויי־דריי פון די דאָזיגע שוועבעלעך, וועלן זיי אויסברענען דעם ווינט... און ער וועט אויפהערן צו בלאָזן...

עס איז פאַרביי־געגאַנגען אַן אַלטע, אויפגעהויקערטע קאַץ, מיט פאַרשלאָפענע אויגן.

— ס'איז אייער קאַץ? — האָב איך געצויגן דעם שמועס, אַן שום אינטערעס.

— א קאַץ? ! — איז ער געוואָרן דערשטוינט — דאָס איז נישט קיין קאַץ... דאָס איז אַ וואונדער־טיגערל פון ווילדן אפריקע... מ׳האָט עס אויסגעלערנט רעדן... פאַרשטייט יעדעס וואָרט וואָס מ׳רעדט און סי זינגט.

ער האָט איר אַרויפגעטרעטן אפן עק, און די קאַץ האָט געגעבן אַ קוויטש.

— איר הערט? — האָט ער זיך דערפרייט — דאָס רעדט זי אזוי... ס׳איז איטאַליעניש, דיאָ מיאָ... מיין גאָט — הייסט דאָס... זי איז זייער אַ רעליגיעזע — די קאַץ מיינע.

— און ווי גייט עס אייך אין פאַרנאַסע? — האָב איך פלוצים אריינגעפרעגט, און זיך גענומען אָנטאָן דעם מאַנטל.

ער איז געוואָרן ערנסט.

פאַרנאַסע? ס׳איז זייער שלעכט... סי נישטאָ קיין פאַר־נאַסע... איך בין איינער פון די אומגליקלעכסטע מענטשן אין דער גאַנצער וועלט... מיין לאַגע איז אזוי שרעקלעך, אַז די האָר שטעלן זיך קאַפּויר... איך שטיי באַם ברעג פון דער העכסטער פאַרצווייפלונג און אויב קיין ראַטוניק וועט נישט קומען אין צייט, וועט די שיף פון מיין האָפנונג אונטערגיין אין אַ שטורעמישן אָקעאַן פון טרערן. הילף איז נויטיק!... יעדע מינוט איז טייער! שיקט אייערע געלטער די־רעקט צום סעקר —

ער האָט זיך פאַרכאַפּט און געבליבן שטיין, מיטן לעצטן האַלבן וואָרט אף די ליפּן.

— איכ׳ל שוין גיין! — האָב איך געזאָגט — זייט מיר געזונט און אַ דאַנק אייך פאַר׳ן אויפנעמען!

— גייטס געזונטערהייט! — האָט ער מיך אַרויסבאַגלייט צו דער טיר. — נעמט דעם סאָבוויי אף דער הונדערט־און־זעכציגסטער גאַס. ס׳איז איינער פון די וואונדערבאַרסטע סאָבווייס וואָס מיר האָבן... שנעל, גראַם, זויבער, זיכער... לופטיק, אָנגענעם, הערלעך, גראַנדיעז... אינטערעסאַנט... קאָלאָ — — —

ב ר י י ש י ס

(לעגענדע וועגן סאָציאַל־דעמאָקראַטן)

אז „גאָט" האָט באַשאַפן דעם מענטש, האָט ער אים באַשאַפן מיטן פּנים צו דער פלייצע, קדיי דער סוינע זאָל אים נישט **קענען** באַפאַלן פון ה י נ ט ן און אים אַריינשטעכן אַ מעסער. **איז דער**

מענטש געווען שטאַרק צופרידן דאַמיט, וואָס ער קען זיך פאַרטיידיגן די פליצע. אָבער אַזוי ווי ער האָט געמוזט נאָכגיין נאָך די א ו י ג ן , איז ער געבליבן זייער הינטערשטעליק אין זיין פאַרלאַנג צו גיין פ אָ ר ו ו ע ר ט ס . האָט דער מענטש געביינקט און געכאָלעמט פ אָ ר ו ו ע ר ט ס . האָט „גאָט“ דערזען, אַז דער מענטש באַדאַרפט זיין מער־וויניגער פ אָ ר ג ע ש ר י ט ן . אַזוי ווי ער איז אָבער שטענדיק געגאַנגען רוקנווערטס, איז׳ס אים געווען אוממעגלעך. איז דער מענטש אַלץ געגאַנגען ר י ק ו ו ע ר ט ס ד. ה. אין דער ריכטונג פון דער פליצע. נאַטירלעך האָט ער געהאַט אַ ברייערע זיך אָפּצומאַכן ו ו א ו ה י ן ער וויל גיין פאָרווערטס און דערנאָך זיך אויסדרייען מיטן פּאָנים אין דער פ אַ ר ק ע ר ט ע ר ריכטונג. אָבער קעדיי דאָס צו טון, האָט שוין דער מענטש געמוזט האָבן דורכגעמאַכט אַ געוויסע מאַדרייגע פון פראָגרעס, וואָס דאָס איז נישט געווען מעגלעך, דאַפאַר וואָס ער איז קעסיידער געגאַנגען מיטן פּאָנים אַ ה י ן . האָט דער הער גאָט־אין־הימל געזען, אַז דער מענטש האָט זיך פאַרלייגט נישט אַנדערש, נאָר ער מוז מאַכן פאָרשריט, האָט ער צונויפגערופן אַלע אַלטע מאַלאָכים מיט גרויסע קילאָמעטערדיקע בערד און ער האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:

„קינדער“, מאַכט ער, „וואָס טוט מען“? „טאָמער“, מאַכט ער, „גיט זיך די מענטש־כאַיע אַ פאַרטראַכט און טוט זיך“, מאַכט ער, „אַ דריי־אויס און הויבט אָן“, מאַכט ער, „גיין פאָרווערטס צו אונז,— זענען מיר, כאָלילע, אומגליקלעך“!

האָבן זיך די אַלטע מאַלאָכים געקראַצט הינטערן אויער מיט אַ שפּיץ פליגל און געגענעצט. אָבער סאַהקאָל־סאָף האָט זיך איינער אָנגערופן:

— שאַ, איך האָב אַ פּלאַן!

— דהיינע?

— דהיינע, מי זאָל אים אויסדרייען דעם רוקן אויף דער אַנדערער זייט פּאָנים, וועט ער שוין במיילע מיינען, אַז ער גייט פ אָ ר ו ו ע ר ט ס .

דער דאָזיקער פּלאַן איז אַלעמען געפעלן — צוליב דער פּאַשעטקייט פון דער זאַך. און פון דעמאָלט אָן גייט דער „פאָרווערטסיסט“ פאָרווערטס הינטערווײלעכטס, וואו סי געפינט זיך איצט זיין פּאָנים.

אַ מישפּאָכעלע

אַ געדעכט מישפּאָכעלע.

דער פעטער—אַ פול־פּיסיגער, פול־באָרדיגער. טראָגט אַ ברוינ־לעכן הארטן קאַפּעליוש. האָט מוירעדיג־ברייטע האנט־געלענקן, וואָס זענען באַוואַקסן מיט גאָלדבלעכע האָר ביז צו די פינגער־קנעכלעך און ער רעדט „כ׳מיין וואוע״... „כ׳מיין וואוע — ס׳איז נישטאַ וואָס צו רעדן—לאָמענאָר זאהן געזינט״.

דער שוואָגער—אַ רירעוודיג מענטשל, מיט קנעפּל־פּאָטאָגראַ־פיעס וואו מ׳גיט זיך אַ ריר, טראָגט די גאַנצע מישפּאָכע אין די קנאָפּ־לעכלעך, ס׳ווייב אין דער גלאַנציגער קופּערטע פונם גאָלדע־נעם זייגערל ,און ס׳אינגעלע זיינס—אַ געזונט אים אין אַלע אייוור־רימלעך!—דאָס אינגל זיינס אינם אַנדערן דעקל פונם זייגערל. אין דער היים איז באַ אים אַן אויסשטעלונג פון פּאָטאָגראַפיעס: איבערגעשראָקענע ווייבלעך מיט בלומען אין די שטייפע הענט, ווי האַוודאָלעס; אידן מיט זייגערס און מיט אלערליי בערד און יאַר־מולקעלעך, געזונטע מוידן מיט הויכע היפּטן און מיט בריסט־ניפּ־לעך, וואָס שרייען ארוים פון די מארינאַרקעס, באַרמיצווע־אינגלעך מיט טאַלייסים־שאַלעקלעך; מיידלעך, וואָס ענדיקן קליין־שולן—מיט דיפּלאָמאָס אין די הענט.

דער יונגער ברודער פאָרט אַף אַ רעדל, אַף שיך־רעדלעך, אַף גלי־טשערס, אַף אַ פערד און אַז ער קומט אריין אין שטוב אריין גיט ער זיך גליטש און זיפט־דערך ציִשן די ווייסע ציין:

— הונ־גע־ריק!

אפן טיש שטייט שטענדיק אַ טעלער מיט שאָלעכצן — מאַראַנצן־שאָלעכץ, נים־שאָלעכץ, עפּל־שאָלעכץ, קערלאַך פון טייטלען, קערלאַך פון פלוימען -- אַ סימן, אַז מ׳עסט, מ׳האָט געגעסן, מ׳וועט עסן... זאָל גאָר גאָט געבן געזונט און פּאַרנאָסע און האַצלאָכע, ווי איז מיר. וואָס איז גאָר דער מענטש, מ׳שטיינס געזאָגט? אפשר וועט איר עסן אַ גוט פלעדיל מיט מאָן און מיט צעריבענע נים און געפּרעגלט אף האָניק?

מ׳עט עסן — אוואַדע וועט׳ן עסן.

באַ אַלע געלעגנהייטן ווינשט־מען־זיך־צו לאַנג און ברייט און פּאַוואָלי, ביז וואַנעט סע בלייבט שוין גאָרנישט צו ווינטשן זיך איינס ס׳אַנדערע, דעמאָלט גיט דער פעטער אַ וויש איבער דער בריי־

טער באָרד, ווי ער וואָלט זיך געגרייט עפּעס צו טרינקען, און גיט אַ זאָג:

— כ'מיין וואוּ? לאָז גאָט העלפן, מ'זאָמיר זיך ניש האָבן וואָס צו ווינטשן.

און דאָ הויבט זיך אָן אויפ'סניי אַ ווינשעניש, אַ בענשעניש, אַ פּאַטשן זיך אין די הענט.

— האַלוואַי, ריבוינושעלוילאָם! לאָז טאַקע גאָט העלפן, אַז אַלצ־דינג וואָס מיר ווינטשן זיך זאָל מקויעם ווערן. און מיר זאָלן דער־לעבן צו גיין איינס צום ס'אַנדערע אַף סימכעס.

— און אַף בריסן.

— און אַף כאַסונעס.

— לאָז גאָט העלפן וואָס נישט איז! — זאָגט דער שוואָגער מיט די קנעפּל־בילדער, פאַרשיקערט מער פון ווינטשעווען ווי פונם בראָנפן.

— מ'זאָמיר אויפגערעכט ווערן אַלע איניינעם און יעדער באַ־זונדער און —

— אַלע איניינעם — כאַפּט אונטער דער פּעטער.

— און יעדער באַזונדער — לאָזט אויס די „באַהאַנגענע“ מומע, די נגידעסטע, וואָס זיצט אַף אַ רויט־סאַמעטן ביינקל און האַלטביידע הענט צונויפגעלייגט אַף דער שויס, ווי עפּעס אַ פּאַרצייטיגע געטשקע.

און לאַנג נאָך דעם ווי די מישפּאָכע איז זיך שוין צעגאַנגען בלייבן אין דער אָרימער שטוב די בראָכעס, די ווינטשעוואַניעס.

— איך ווינטש דיר, וואַנט לעבן, זאָלסט קיינמאָל ניט איינ־פאַלן! — זאָגט איין וואַנט צו דער אַנדערער.

— איך ווינטש דיר, פענצטער לעבן, אַז סי זאָל אַף דיר שטענדיק שיינען די זון.

— אָמיין! — ענטפערט דאָס פענצטער דעם סופיט — און דיר זאָל אויך גאָט העלפן זאָלסט אייביג זיין פון אויבן.

און דאָס גאַז־אייוועלע, וואו עס שטייט און סע קאָכט זיך פערל־גרויפּן מיט גריפּקעלעך, רעדט צישן די ציין און ווינטשט דער שוואָמען־זופּ אַלדאָס־גוטס, פון וואָס די שוואָמען־זופּ לויפט אַזש אי־בער פון נאַכאַס... און צעוויינט זיך...

ווענן בירגערלעכן טעאַטער־פּובליקום

באַ אייך אין דער אַנדערער שטוב ליגט אַ מענטש און שטאַרבט פון שווינדזוכט.

איר קענט אים זען אומזיסט, און פאַרגיסן טרערן אַף זיין אומ־גליק וויפיל איר ווילט און עס זאָל אייך גאָרנישט־נישט קאָסטן. וועט איר עס טאָן?

ניין. איר וועט נישט טאָן. ווייל דעמאָלט וועט איר מוזן אייער עמעסן ראַכמאָנעס נוצן און דאָס טוט וויי. דאָס ווילט איר נישט. גייט איר בעסער אין טעאַטער אריין, וואו אַ געזונטער אַקטיאָר שטאַרבט קלוימערשט פון שווינדזוכט און אַלץ איז גוט און וואויל און אַקוראַט.

נאָר זאָל — אין זעלטענע פאַלן — טרעפן, אַז דער אַקטיאָר פאַרגעסט זיך, פאַרגעסט, אַז ער שפּילט טעאַטער און ער הייבט אָן בעמעס ליידן, דעמאָלט פאַרגעסט איר אָן אייער ראָלע אַלס קלוימער־שטיקע ראַכמאָנעס־האָבער און איר נעמט איילן ווי די וועלף און סי טוט אייך עמעסדיק וויי.

דעמאָלט האָט איר דיזעלבע האַנאָע ווי ווען איר זאָלט זען אייער שאָכן בעמעס שטאַרבן פון שווינדזוכט. דעמאָלט זאָגט איר נישט „בראַוואָ! מיין שאָכן איז געשטאָרבן!“ נאָר איר שאַרט זיך ארויס פון טעאַטער אַ צעבראָכענער, אַ פאַרמאַטערטער און איר פאַרשווערט זיך אַף ווייטער אויסצומיידן אָט־אַזוינע פאָרשטעלונגען. וויוואויל איר האָט אַ טיפע האַנאָע דערפון, וואָס איר האָט א י ב ע ר ג ע־ל ע ב ט אַזאַ אומגליק.

א ש פ ע ק ו ל א נ ט

איך קאָן אַ שפּעקולאַנט, וואָס זאָגט, אַז ער מאַכט אַ לעבן פון אָ נ ו ו ע ה ר ן געלט, פון דערלייגן!... אָט, זאָגט ער, האָב איך געבויט אַ הויז און דערלייגט טויזנט דאָלער, אָבער אין דער זעלבער צייט, זאָגט ער, האָב איך געכאַפּט אָן אדרויף אַף אַ ריזיקער גע־ביידע, וואָס דאַרף קאָסטן אַ האַלבן מיליאָן, — האָב איך דערוויייל געדעקט יענעם דעפיציט און ס'איז מיר נאָך געבליבן אַביסל געלט. דער סאָף איז געווען, זאָגט ער, אַז איך האָב צו דער ריזיקער געביידע א ו י ך דערלייגט עפּשער אַ פערטל מיליאָן... אָבער סי האָט מיר גאָרנישט געשאַט, ווייל אינדערזעלבער צייט, וואָס איך האָב געהאַלטן אין בויען די ריזיקע געביידע, האָב איך דערוויייל אונטערגענומען צו בויען אַן אייזנבאַן... און דער סאָף וועט זיין, מאַכט ער מיט אַ שמייכל,

אז איך וועל צו דער אייזנבאַן אויך דערלייגן אַ שיינע פּאָר מי־ליאָן דאָלאַר, אָבער דאָס וועט זיין, זאָגט ער, ערשט אין אַכציק יאָר ארום... דערווייל, זאָגט ער, מאַך איך מיר גאָט צו דאַנקען, אַ גאַנץ שיינעם לעבן — פון דערלייגן...

נישט קיין דאָקטוירים, נאָר „קינסטלער"...

דער נייער פּאַציענט איז געווען אַ מענטש פון אַ יאָר 25 אָדער 75 — מי האָט נישט געקענט וויסן גענוי. דאָס גאַנצע פּאָנים איז בא אים געווען פּאַרוויקלט, און איינגעטיכלט אין זיבן טיכער. נאָר ערגעץ פון דער צאָפּן־זייט האָט אַרויסגעלויכטן אַן אויג, ווי אַ פאַרזשאַווערט ביסל פייער, הינטער אַ באַרג פון ווייסער וואַטע. ער האָט געקרעכצט מיט אַ שטיל, ריטמיש קרעכצעריי.

דער פּראָפעסאָר האָט אים גוט ארומגעקלאַפּט, און אים גע־שטעלט צוויי טויזנט, ניין הונדערט פינף־און־זעכציג פראַגן, וועגן דעם, צי זיין טאַטע האָט געקענט ריידן דורכן טעלעפאָן, און ווי אַזוי? און וויפיל האָט געוואוינגן דער לאָקאָמאָטיוו, וואָס האָט איבער־געפאָרן זיין זיידן? און צי קען ער ציילן ביז זעכציק און — קריק? און פליז, לאָז ער אַרויסשטעלן די צונג און מאַכן אהה און עהה און אָהאָה.

דער פּאַציענט האָט געמאַכט אהה און עהה און אָהאָה און בשאַס־מייסע זיך געוואָרפן אין גרויסע יעסורים.

דער פּראָפעסאָר האָט געפרעגט: סי שטעכט אייך?

דער קראַנקער האָט געענטפערט: סי שטעכט.

דער פּראָפעסאָר האָט געפרעגט: סי ברעכט אייך?

דער קראַנקער האָט געענטפערט: סי ברעכט!

דער פּראָפעסאָר האָט געפרעגט: שוין לאַנג, אַז איר מוטשעט זיך אַזוי?

דער קראַנקער האָט געענטפערט: שוין לאַנג!

דער פּראָפעסאָר האָט זיך פאַרמויאַכט, האָט דורכגעפירט אַ זשמעניע מיט פינגער דורכן קאָפּ — ביז העט אַרונטער צום נאַקן, האָט אַריינגעקוקט אין אַ קעגנאיבערדיגן שפּיגל, און זיך צורעכט גע־מאַכט די שלייקעס הינטערן וועסטל, און זיך אָנגערופן צום פּאַציענט:

— הערט: איך האָב זייער אַן אינטערעסאַנטן נאָמען פאַר אייער קראַנקהייט. ווי געפעלט אייך אַשטייגער אַ נאָמען: מאַסגראַוויאַ סטאַניאַס?

ער האָט אַ פּייף געטאָן און אַרויסגעטענצלט פונם צימער אין וועלכן ס'איז געלעגן דער נייער פּאַציענט, האָט — אין פאַרבייגאַנג—

ארומגענומען א „נוירס”, איר אַ קניפּ געטאָן אין אָרעם און לוסטיק אויסגערופן: „ווי געפעלט אייך אַ נאָמען: מאַסגראַוויא סטאַניס ?... הא ? ס׳איז מוזיקאַליש....”

פון דעם קראַנקן־צימער האָט זיך געהערט אַ שטיל קרעכצן: „אביסל וואַסער, אביסל וואַ—סער !”

— מאַסגראַוויא סטאַניאַס — האָט געזאָגט די קראַנקנשוועסטער — איז אויסגעצייכנט... ס׳האָט זייער אַ פיינעם קלאַנג... דאָס אז אייך אליין איינגעפאַלן, הער דאָקטאָר ?

— אליין...

— איר פאַרדינט ,אַז מי זאָל אייך שטעלן אַ מאָנומענט...

— מאָנומענט גאָר ! — האָט דער פּראָפעסאָר צעשמייכלט דעם קאָמפּלימענט ,אַף שטיקלעך — ס׳איז באַ מיר אַ געוויינלעכע זאַך... ווער האָט אַ נאָמען געגעבן דער קראַנקהייט פון דעם פּאַציענט, וואָס איז געשטאָרבן פאַראַכטאָגן דינסטאָג ? איך ! און דעם אַנדערן, וואָס האָט זיך ארויסגעוואָרפן דורכן פענצטער, האָב איך אויך געשטעלט מ׳דיאַגנאָז : „מעגראַבוס עטראַפּאָקאַליטיס” — אַ הערלעכער נאָמען, הא ?

— געוויס, הער דאָקטאָר...

— און איצט מוז איך לויפן ! — האָט געזאָגט דער פּראָפעסאָר, אַוועק אינם צימער, וואו מען מאַכט די אָפּעראַציעס. דאָרט זענען געשטאַנען זעקס פון זיינע קאָלעגן, געגעניצט און געשניטן עפּעס אַ מענטשן.

— ווי אַזוי רופט מען די קראַנקהייט זיינע ?

— מאַלאַריאַ מאַלאַגיטיס...

— מאַלאַריאַ מאַלאַגיטיס ? — האָט דער פּראָפעסאָר פאַרוואָרפן אַ טיפן קנייטש אפן בריקל פון זיין נאָז. — פע... סי געפעלט מיר נישט... ס׳איז נישט קיין נאָמען...

— פאַרפאַלן... מ׳האָט אים שוין אָפּערירט דאַרויף...

— פאַרפאַלן איז פאַרפאַלן ! — האָט געזאָגט דער פּראָפעסאָר — דערפאַר האָב איך היינט אריינגעקראָגן אַ פּאַציענט מיט אַ קראַנקהייט, וועלכע איך האָב געגעבן אַ הערלעכן נאָמען.

— טאַ־קע ? — האָבן אַלע אַוועקגעלייגט די אינסטרומענטן — עפּעס אַן אָריגינעלע קראַנקהייט ?

— זעלטן אָריגינעל.

לאָמיר אַלע אריינגיין !

— מאכט צוערשט פארטיג דעם מענטשן! — האט דער פראָפעסאָר אָנגעוויזן אויף דעם מענטש, וואָס איז געלעגן אפן אָפּעראַציע־טיש.

— מיר'ן אים שוין שפּעטער פארטיג מאכן! — האט זיך אָנגערופן איינער פון די כירורגן — ער'ט נישט אנטלויפן... לאָמיר בעסער גיין זען דעם נייעם פאציענט.

אריינגעקומען צום נייעם פאציענט איז יענער געלעגן אין געהאקטע ווינדן.

— איר זעט! — האט דער פּראָפעסאָר אָנגעוויזן אויף דעם טויט־קראַנקן, — דער דאָזיקער מענטש ליידט פון אַ זעלטענער קראַנקהייט... ער האט שרעקלעכע יעסורים. מיר דארפן ווי ווייט מעגלעך זען אויסצוטראַכטן עפּעס אַן אָריגינעלן נאָמען פאַר זיין קראַנקהייט.

בײַ די דאָזיגע ווערטער האט דער קראַנקער אַ טיפן קרעכץ געטוען און געבעטן מ'זאָל אים דערלאַנגען דעם נאָסן שוואָם צו די פאַרברענטע ליפּן.

— שלאָגט נישט איבער, כ'בעט אייך! — האט דער פּראָפעסאָר געענטפערט דעם כוילע — מיר האלטן איצט אַ קאָנסיליום, וועגן אַ נאָמען... נו, זשענטללייט — האט ער זיך געווענדט צו די קאָלעגן, — וואָס שלאָגט איר פאָר?... פאַרגעסט נישט, אַז די לאַגע איז זייער אַ געפערלעכע... יעדער מינוט איז טייער.

— איך שלאָג פאָר, אַז מען זאָל די קראַנקהייט אַ נאָמען געבן: „וועלוועליטיס", דערפאַר, וואָס דער ערשטער וואָס איז געשטאָרבן פון דערזעלבער קרענק האט געהייסן „וועלוול"...

— וועלוועליטיס? וועלוועליטיס?! — האָבן זיך עטלעכע צעשריגן. וואָס איז דאָס פאַר אַ נאָמען „וועלוועליטיס"? וועלוועליטיס איז אַ גוטער נאָמען פאַר זייף, אָבער נישט פאַר קיין קראַנקהייט. נישט פאַר קיין מאָדערנער קראַנקהייט...

— אביסל וואַסער! — האט געבעטן דער פּאַציענט, אָבער קיינער האט אים נישט געהערט. מ'איז געווען פאַרנומען...

— איך שלאָג פאָר, אַז מ'זאָל דער קראַנקהייט אַ נאָמען געבן „קאַרשנשלאַג פּאַראַליטיס"! — האט געזאָגט אַ צווייטער.

— טויג נישט. טויג נישט! — האָבן די איבעריגע געשריגן — קאַרשנשלאַג איז אַ שיינער נאָמען פאַר ווישניאַק, אָבער נישט פאַר קיין כוילאַאַס...

— ס'איז יאָ אַ פּאַסיגער נאָמען!

— ס'איז נישט קיין פּאַסיגער נאָמען...

— איך שלאָג פאָר מאסגראַוויא עלדירבאַטים...
— עלדירבאַטים — קלינגט נישט...
— סי קלינגט יאָ...
— גיט־זשע א נאָמען : פלאַמפלעצעליטים...
— פלעצל פע !
— איר זענט אליין פע...
— איר זענט אַן אידיאָט... און איר האָט נישט קיין זין פאַר וואוילקלאַנג...
— איר זענט אַ גראָבער יונג...
— שאַ, קריגט זיך נישט... דער פאַציענט קען נישט ליידן...
— זאָל ער נישט ליידן... ווער בעט אים ?
—לאָז מען קומען צו א טאָלק... וואָס זאָגט דער פראָפעסאָר ?
— איך זאָג, אַז מ׳זאָל עס אָנרופן: מאסגראַוויא סטאַניאַם...
— סטאַניאַם איז נישט שלעכט...
— ס׳איז נישקאָשע... אָבער „מאסגראַוויא" איז אַביסל האַרט...
— האַרטלעך...
— עפשער „גראַוויא" אליין ?
— עפשער — דעם הוילן „וויא" אָן אלעמען ?...
—אָן סטאַניא אויך ?
— מיט סטאַניא...
— בלייבט עס אזוי !
— בלייבט עס סטאַניא גראַוויא...
— פאַרוואָס נישט „גראַוויא סטאַניא"?
— טאַקע ! „גראַוויא סטאַניא" קלינגט שענער...
— נו, בלייבט עס אזוי...
— א סאָף, אַן עק !
— בלייבט „גראַוויא סטאַניא" — קיין שענערן נאָמען איז נישטאָ... שאַ, — עפעס האָט ער א פאַרוואָרף־געטאָן מיט׳ן קאָפּ אונזער פאַציענט... דאַכט זיך מיר, אַז ער איז טויט...
— קאַ־פּוט ! — האָט געזאָגט דער פראָפעסאָר, צולייגנדיק אַן אויער צום כוילעם הארץ. — אָבער „סטאַניא גראַווים" איז סיי־ווי־סיי אַ פיינער נאָמען...
— פיין, פיין ! האָבן אלע געזאָגט און זענען ארויס פון צי־מער — צופרידן דאַפון, וואָס זיי האָבן געטוען זייער כוויו...

אין הונדערט יאָר אַרום

(אַ כאָלעם פון אַ איד אַ זאָקן)

איך בין אַן אַלט, איינגעשרומפּן מאַנסבילכן, מיט הענט וואָס האָבן אַ מאַטן בלישטש, ווי די שופּן פון אַ טויטן פיש. איך בין אַרום הונדערט יאָרט אַלט, כ'געדענק שוין נישט אַקוראַט. איך האָב געלעבט אַזוי לאַנג, אַז איך האָב פאַרגעסן אַלצדינג, אַבוץ דאָס, וואָס האָט פּאַסירט אַזוי לאַנג קריק, אַז איך האָב מיך נישט געקענט דערמאָנען עס אַרויסצעוואַרפן פון מיין זיקאָרן.

איך שטעל מיר פאָר, אַז איך בין אַ שמייכלדיק, פאַרמעטן מענטשל מיט אַ ווייסער, דינער באָרד וואָס גרייכט מיר ביז צו די קניעס.

די דאָזיקע באָרד האָט אַ סך מאַלים: זי גיט מיר צו ס'אויסזען פון אַ נאָווי, זי פאַרשאָטנט מיר אביסל ס'פּאָנים. נאָר איין כיסאָרין: איך קען זי נישט באַוועגן מיט דער מאָרדע, אַזוי ווי שימקעס פערד באַוועגט דעם עק און טרייבט פון זיך אַראָפּ די פליגן. ווען אַ מענטש זאָל דאָס א ו י ך קענען, וואָלט אַוואַדע געווען זייער גוט, וואָלט מען זיך נישט באַדאַרפט אויפהייבן אַלע מאָל פון געלעגער, שאַבעס נאָכמיטאָג, ווען די פליגן הייבן אָן צו דערקוטשען און מען וואָלט נישט באַדאַרפט — ווי עס טרעפט אַמאָל אין די גרויסע היצן — זיך צודעקן ס'פּאָנים מיט דער יאַרמולקע און נישט קענען כאַפּן דעם אָטעם.

...ס'איז זומער אינדערפרי, איך האָב מיך אָנגעדאַוונט ווי סי קער צו זיין, איבערגעזאָגט עטלעכע מאָל יעדעס וואָרט, קעדיי איך זאָל זיין זיכער. און איצט גיי איך מיר אַרויס אביסל אין דרויסן אַרויס קייען לופט... איך שטיי אָנגעשפּאַרט באַ דער וואַנט פון מיין אוראייניקלס שטוב און קער די זון־שטראַלן מיט מיין לאַנגער באָרד, כאַפּ אַריין אביסל פרישע זומערדיקע זון אין מויל אַריין און צעקיי זיי. איך דערפיל ווי אַ קאַץ רייבט זיך אַרום מיינע שיך, קוקט אַרויף צו מיר, ווי זי וואָלט מיר געוואָלט דערציילן, אַז מ'האָט זי געקריוודעט און זי מאַכט מי־או, ווי אַ קימפּעט־קינד, וואָס מ'ליגט עס אָפּן בייכל און מ'פּאַטשט עס אויף דער אַנדערער זייט—עס זאָל נישט וויינען. דאָס קומט מיר פאָר זייער קאָמיש. איך צעלאַך מיך מיט'ן נאַקעטן מויל און דאָס געלעכטער פאַלט מיר אַרויף אַף דער באָרד, פאַרטשעפּעט זיך דאָרט און וויל נישט אַראָפּ. עס קומט אַרויס מיין יונגסט אייניקלס יונגסט אייניקל און זאָגט: „זיידעניו, קום אַריין עסן אָנבייסן".

איך גיין אַריין, טרינק אויס אַ שאָל קאַווע, פֿון אַ בייכיק שעלכן מיט געלע און שוואַרצע קעסטעלעך און פֿאַרבייס מיט הירש־מיט־האָניק. עטלעכע טראָפּנס האָניק רינען מיר אַראָפּ אַף דער באָרד. דאָס יונגסטע אייניקל פֿון מיין יונגסט אייניקל קריכט מיר אַרויף אַף דער שויס, קושט מיך און נאַשט בא מיר פֿון דער באָרד. איך גיב אים אַ לייכט פּעטשל, רוף אים „שקאָץ" און גיי אַרויס קריק אַף דער זון. שטעל מיך אַוועק בא דער וואַנט, מיט די הענט פֿון הינטן און איך טראַכט עפּעס אַזוינע ליידיגע וואַרימע מאַכשאָוועס — לאָז זיי פֿאַרביירינצן פֿאַר מיר ווי טייכוואַסער איבער אַן אָפּגעבראָכן צווייגעלע. אָן מי, אָן אַלעמען. איך דערמאָן מיך אָן יענעם מיידל — ווי האָט זי געהייסן? און איך צעשמייכל מיך מיט די ליידיקע יאַסלעס. עס איז אַ ווייך גלעלכטערל אָן ביינער, מ׳פֿילט נישט קיין שטאַרקן טאַאַם אינדעם, אָבער מ׳דאַרף עס נישט צעקייען און עס גליטשט זיך אַראָפּ איבער׳ן האַרץ, ווי בוימל. אַ הון וואָס גייט אַרום לעבן דער שטוב, דערשרעקט זיך פֿאַר מיין געלעכטער, גיט אַ פּאַטש מיט אַ פֿליגל און גייט אַוועק צו פֿוס. עטלעכע שריט פֿון מיר בלייבט זי שטיין און קוקט אַף מיר מיט אַ בורשטינען אייגל. פֿאַר שפּאַס הייב איך אויף אַ קאָרע־שפּענדל פֿון דר׳ערד, וויל עס אַ וואָרף טאָן און זאָגן: „אַהוש!" אַ שאָכן גייט פֿאַרביי מיטן טאַליס־זאַק און מאַכט: „נו, רעב שלוימע, וואָס זאָגט איר? עס וועט זיין מילכאָמע?"

איך בלייב שטיין מיטן שפּענדעלע אין האַנט, גיב אַ פּאַרקנייטש מיין פֿאַרמעטעטענעם זאָקן־שטערן, גיב אַ קלאַפּ מיט די ליפּן, טו מיר אַ גלעט די באָרד און זאָג זייער ערנסט: „סע׳ט זשיין מילכאָמע, רעב יאָסל... אַזשוי האָב איך מוירע"... און איך טו אַ וואָרף ס׳שפּענדל אַף דער הון און צעלאַך מיך.

דערנאָך זעץ איך מיך אַוועק אַף דער וואַרימער פּריזבע, נעם אַ לאַנגע שטרוי פֿון דר׳ערד און צעפּיצל זיי פּאַמעלעכן אַף קליינע שטרוי־פּערפּעלעך. דערווייל איז געוואָרן וואַרימער. אַף יענער זייט טייך שניידט מען היי. דער רייאַך קיצלט די נאָזלעכער. איך פֿאַרקרים ס׳פּאָנים און מאַך עטהע, עט־הע, ווי איינער וואָס וויל אַ נים טאָן און קען נישט. דערנאָך דערמאָן איך מיך פּלוצים אָן זייער אַ וואוילע זאַך — אַזאַ מכאַיעדיקע, אַ ווייכע, אַ זיסע, ווי הירש־מיט־האָניק, אָבער איך קען מיך נישט דערמאָנען וואָס דאָס איז! איך וויל אַביסל אָנשטריינגען מ׳זיקאָרן, ווער איך מיד, לאָז אַראָפּ מ׳קאָפּ און הייב אָן צו דרימלען. מיר כאָלעמט זיך, איך וויל אָנכאַפּן אַ מיידלשן צאָפּ און — איך כאַפּ מיך אויף. איך געב

מיך אַ גענייץ אויס, איין מאָל און צוויי מאָל און דריי מאָל, עפּעס אַזוי ווי איך וואָלט געוואָלט אַריינציִען דעם גאַנצן זומערדיקן דרויסן אין זיך אַריין. דערנאָך נעם איך אַרויס אַ מעסערל, שנייד מיר אָפּ די נעגל, לייג זיי צענויף אין אַ שטיקל פּאַפּיר. אַז איך בין פאַרטיק גיי איך אַריין אין שטוב אַריין, שנייד אָפּ פונם ברעג טיש אַ פּאָר האָלץ־שפּריצלעך פאַר איידעס און וואַרף דאָס אַלצדינג אַריין אין קאַלטן אַש פונם קעכל.

פ אַ ר וואַרעמעס גיי איך מיך אַביסל דערך צו דער שול און האָב האַנאָע צו זען ווי הערש־מעכל דער פאַרבער פאַרבט אַזוי קונציק די „קנעפּלעך" פון דער נייער טיר — יעדער קנעפּל אָן אַנדער פאַרב. כידושים! איך קוק און קוק. טאַפּ אַפילע אָן מיט אַ פינגער די פאַרב פון אַ קנעפּל — אַ קנעפּל־האַקוידעש און איך פיל, אַז איך טראָג אַף מיר אַ שטיקל שול. איך פרעג הערש־מעכלען ווען וועט ער זיך נעמען שניצן ס'אָרנקוידעש? אַף וואָס זאָג איך, וואַרט מען? אין מיינע צייטן, זאָג איך, פלעגט'ן... וואָדען, אַלצדינג... ס'האָט נישט געהאַט קיין שיר. אָט אַזוי־אָ, זאָג איך, ווי איך דערצייל אייך"...

אָבער הערש־מעכל טונקט די קליינע בערשטלעך אין פאַרב, נעמט זיי צישן די ציין, ווישט זיי קונציק מיט אַ שמאַטקעלע, און צישן אַ י ן שמיר און דעם אַנדערן גיט ער אַ פרעג: „ווי מיינט איר, רעב שלוימע, סי וועט זיין מילכאָמע?"

איך פאַרקנייטש מ'פאַרמעטענעם שטערן, גיב אַ קלאַפּ מיט די ליפּן, טו מיר אַ גלעט די באָרד און זאָג אַרויס זייער ערנסט: „סע'ט זשיין מילכאָמע, ערשמעכל... אַזשוי האָב איך מוירע". און איך גיי מיר אַוועק שטאָלץ ווי אַ נאָווי. כ'גיי מיר אַהיים עסן וואַרעמעס — גוטע וואַרניטשקעלעך מיט צוגעפּרעגלטע ציבעלעך... טונק־איין שטיקלעך ברויט אין הייסער יויך פון מילכיגע פערלגרויפּן מיט גריפּקאַלאַך. דערנאָך טרינק איך אויס אַ „געזעצט" טעפּעלע מילך, שפּאַר מיך אַביסל צו אַפּן באַמבעטל, האָב שטאַרק האַנאָע פון דעם פרישן ציכעלע וואָס מיין איניקלס פרוי האָט איבערגעצויגן איבער מיין קישעלע... ס'איז עפּעס אַזוי ווי איר אייגענע האַנט וואָלט געלעגן אונטער מיין באַק, ס'איז מיר אַזוי גוט! פון גרוים נאַכעס עפן איך אַזש ס'קוקערל פונם פענצטער און לאָז אַריינבלאָזן אַ זומערדיק ווינטל — אַ ווייכס, אָן ביינער, אַ מכאַיע!

אַז איך שטיי אויף, גיי איך ווידער אַרויס אין דרויסן מיך אויסגעניצן. דעם לעצטן גענייץ טו איך אַפּן אינדיק, וואָס דרייט זיך אַרום לעבן דער טיר. ער ווערט בייז און ענטפערט: „אַל־טער

אַל־טער!" אָבער איך האָב'ן אין דר'ערד! סע אַרט מיך נישט... דערנאָך שטעל איך מיך ווידער אַוועק אויף דער פּריזבע, קוק אַהינ־אַ, און טראַכט אַזוינע ווייכע, אויסגעהוילטע מאַכשאָוועס, וואָס זע־נען מאָדנע־גרינג ווי די זומער־פעדים, וואָס פליען אַרום אין דער לופטן. דערנאָך רוף איך אַרויס ס'יונגוואַרג מיינס — עפּשער 30 אייניקלעך מיט אור־אייניקלעך און אור־אור־אייניקלעך — און איך זאָג זיי, זיי זאָלן זיך אויסשטעלן אין אַ שרענגע ווי מיליטער און מיר נאָכגיין איינס נאָך איינס, גרעסערע — פריער, קלענערע — שפּעטער. פון אַ זייט זאָל עס אויסזען עפּעס אַזוי ווי אַ פּאַרקן־וואַנט וואָס איז אָפּגעזעגט געוואָרן אין דער קרום, פון א ו י ב ן ־ אַ ר אָ פּ, און פון פאָרנט זאָל עס אויסקוקן ווי אַ שטראַל פון אַ גוואַלדיקן לאַמטערן...

איך גיי פאָראויס, מאַך קלוימערשט מיט די פינגער אויפן ציבוק פון דער ליולקע, ווי אויף אַ פּלייט... כעוורע פרייען זיך און זאָגן: „זיידעניו, ביזט אַ טייערער־טייערער זיידעניו!" דער יונגסטער קריכט מיר אויף דער שויס, קושט מיר די באַקן, אָבער נאַשן די באָרד קען ער נישט, ווייל זי איז טרוקן.

באַנאַכט וועט שוין מיין עלטערער זון האָבן קריקגעקומען פון דאָרף, וועט ער ברענגען נייעס פון די גויעם און אַביסל מאַרעלן, אָדער קאַרשן פריש פונם בוים, וועל איך אָננעמען יעדער מאַרעל (אָדער קאַרש) באַם גרינעם שטענגעלע, זי אַריינלאָזן אין מויל־אַריין און זי אויסנאָגן ביז צום ביינדל. שפּעטער, אַז די זון וועט אונטער־גיין, און מיר'ן אָפּדאַוונען מיירעוו, וועלן מיר אָנצינדן דעם גרויסן לאָמפּ, מיטן פאַרצעלייענעם היטל, אים אַוועקשטעלן אויפן מיטן טיש, זיך אַוועקזעצן פון ביידע זייטן מיט די ליולקעס אין מויל, פּיפּקענען און שווייגן. צום סאָף וועט מיין עלטערער זון זאָגן:

„וואָס זאָגסטו... עפּ־הע... טאַטע? עס וועט... עם־הע... זיין מילכאָמע... ווי מיינסטו?"

און איך וועל נאָכטראַכטן אַ רעגע און ענטפערן:

„ס'עט זשיין מילכאָמע, מיין זון... אַזשוי האָב איך מוירע"...

פון מיינע „אַלטע מאַטעריאַלן".

אַלמאָנעלע, אַלמאָנעלע

זי האָט איר מאַן פאַרלוירן, איר פריינט, איר ברויטגעבער — נאָט אין הימל!

נאָט אין הימל, וואָס טוט מען מיט זיך, און וואָסער אָפּגרונט

ווארפט מען זיך אריין? אין וואָסער פינצטערניש דערטרינקט מען זיך?

מ׳האָט אים פאַרשאָטן, באַגראָבן. זי האָט געוויינט אָן אַ שיר, און שטילערהייט געטרונקען די מילך, וואָס זי האָט געזאָגט דער מוטער, אַז זי קאָן נישט טרינקען, ווייל דער האַלז איז איר פאַר־שלאָסן, און אויפגעגעסן דאָס דאַרע ברויט פון ברויט־קעסטל — אַזאַ אומגליק, אַזאַ אומגליק!

דערנאָך האָט זי געוויינט און געוויינט. געוויינט מער פון פאַרדראָס אף זיך אליין, וואָס זי פילט נישט קיין שום ווייטאָג, ווי פון עמעסן צאַר. אביסל האָט זי אויך געוויינט ווייל דער קאָפּ האָט איר שוין ווי געטאָן פון וויינען און זי האָט זיך געפילט גע־קריוודעט, אויסגעטריקנט, צעבראָכן.

— באָזשע טי מאָי!

זי האָט איינמאָל געוואָלט זאָגן: „די קרוין האָט מען מיר אראָפּ־גענומען פון קאָפּ” (קימאַט אַלע אירע באַקאַנטע, באַ וועמען די מע־נער זענען געשטאָרבן, האָבן אַזוי געזאָגט). האָט זי זיך אָבער דער־מאָנט, אַז די צייט איז איצט אַ דעמאָקראַטישע און ס׳איז נישט שיין צו ריידן פון קרוינען.

האָט זי זיך געוואָלט קנאַקן די פינגער, אָבער זיי האָבן שוין נישט געקנאַקט — צו־אָפּט האָט זי עס געטאָן. האָט זי גלאַט סטאַם אַזוי געקוועטשט אַ פויסט, זייטיגלעך געקוקט אין שפּיגל פון קאָמאָד, באַמערקט, אַז אונטער די אויגן איז איר בלאָ, גענומען וויינען אף איר מאַזל און זיך שפּילן מיטן נאָזטיכל, וואָס האָט געהאַט שווארצע ברע־געס.

אַ טאָג, צוויי: זי שרייבט אסאַך בריוולעך צו אירע באַקאַנטע מאַנסבּיל, דערציילט פון איר אומגליק. אַלע קאָנווערטלעך האָבן נע־טע, שווארצע ראַנדן. דורכן טעלעפאָן פאַרבינדט זי זיך מיט אַ גע־ווע־לב, וואו מ׳פאַרקויפט שרייב־מאַטעריאַלן, הייסט זיך צושיקן נאָך אַ קעסטל פּאַפּיר־און־קאָנווערטלעך מיט שווארצע ראַנדן (זי וויל זאָגן „כ׳בין אַ וויסטע אַלמאָנע”—דערמאָנט זיך אָבער, אַז סי פּאַסט נישט. צעבליפּעט זיך אין טעלעפאָן, הענגט־אויף דאָס אויער־שטיקל).

אין אַ וואָך אַרום: זי פאָרט אין אַ זומער־אָרט. אַ יונגינקע אַל־מאָנע. דער שאָטן פון אַ נאָענטן טויט האָט נישט קיין שווארצקייט איבער איר פאַרשפּרייט, נאָר אַ לייכטע, כיינעוודיקע טונקלקייט, ווי איר נעשאָמע וואָלט געוועזן אָפּגעברענט פון דער זון.

אַלע מאַנצבּילן ציען זיך צו איר—די אומעט־פליגל אין אירע

אויגן טראָגן הויך־הויך, נעמען יעדן איינעם מיט, פֿאַרשפּרייטן אַ קילבליכן טרויער־שאָטן אין דעם שרייענדיקן דרויסן.

זי זיפֿצט אַף רוסיש: באָזשע טי מאָי. אַלע זומער־געסט בלייבן שטיין מיט די גאָפּל־לעפֿל, קוקן אַף איר. שיין פֿרויעלע, טייער פֿרויע־לע! און די מאַנצביל טראַכטן: אַלמאָנעלע, אַלמאָנעלע, שיין אַל־מאָנעלע.

סי טראָגן זיך אַפּן געדאַנק האָפֿנונגען: אַן אַלמאָנע. איז אָפּ־געוואוינט צו זיין אַליין, בענקט נאָך ליבשאַפֿט.

— קומט שפּאַצירן!

זי גייט שפּאַצירן מיט קליינע, שוואַרץ־זיידענע פֿיסלעך איבער גרין גראָז. זי דערציילט פֿון איר מאַן, ווי ער האָט געליטן, געראַנגלט זיך מיטן טויט און זי דערמאָנט זיך: ערשט פֿאַר צוויי וואָכן אין דער צייט געפֿלאָגעוועט קויפֿן אַ נייעם אויטאָמאָביל. נו, האָט ער אַן אויטאָמאָביל! זי צעלאַכט זיך, פֿאַרשעמט זיך פֿאַר איר געלעכטער, דער־וואַרגט ס׳געלעכטערל אין דעם נאָזטיכל מיט די שוואַרצע ברעגן.

— באָזשע טי מאָי!

מ׳גייט אין וואַלד. די מאָך־ערטער זענען ווייך ווי סאַמעט — עפּעס ווי אַ געטרייע האַנט וואָלט אַ וויש געטאָן און געזאָגט: „איך בעט אייך, זיצט". מען זעצט זיך צו, זי ווישט זיך די ליפּן מיטן טרויער־טיכל, צעוויינט זיך מיטאַמאָל און וואַרפֿט זיך מיטן פּאָנים אַן אַ זייט. ער דרייט זי אויס, צערטלט זי, ווישט איר די טרערן, זאָגט מיט אירע ווערטער: באָזשע טי מאָי. — — — —

..מ׳הערט נישט מער, נאָר: „צו וואָס האָט איר עס געטאָן?"

זי גיט אים אַ פּעסטן קוש, ווי זי וואָלט אים אַ קניפּ־געטאָן מיט די ליפּן, הויבט זיך אויף, זאָגט באָזשע טי מאָי, און זי גייט־מיט מיט אים איבערן וואַלד־וועג און קייעט פֿאַרטראַכט אַ שוואַרצן ברעג פֿון איר ווייס טאַשנטיכל.

פֿון מיינע „אַלטע מאַטעריאַלן".

ער, ער!

אַ ביטערקייט האָט מיך באַשלאָגן.

אַן אַלטער, דאַרער פֿלעדערוויש, וואָס איך האָב מיט אים גע האַלטן אין אַרומווישן דאָס פֿאַרויכעס, איז צום לעבן געקומען און אָנ־געהויבן קרייען:

— ער איז שוין ד—אָ!

די פֿישלעך אין דער קאָנזערוון־פּושקע האָבן גענומען קלאַפּן די קעפּלעך אָנ׳ם דעקל און פּישטשען מיט קליינע סאַרדעלן־קולעס:

— עפנט! ער איז דאָ!

פונם הימלס בריסט, איר זאָלט מיר טויזנט מאָל אנטשולדיקן, האָט געקאַפּעט — גערונענע וואָלקנמילך, פון הייסקייט און שרעק וואָס ע ר איז פאַרביינגעריטן אפן צעפּלאָמטן עק פון אַ וואָלקנבראָך.

דער לאָשיקל אין שטאַל האָט אַ זעץ געטאָן מיט די הינטערשטע פיס און אויסגעזעצט באַ זיין שוואַכער מאַמען אן אויג—פון סימכע.

דאָס טייכוואַסער האָט זיך מיט אַלע קויכעס געפּריפּט צענויפּ־לייגן ווי אַ פּאַטשיילע און איר שטילערהייט אונטערגעטראָגן צו דעם פאַרוויינטן אויג פון ק אָ ס מ אָ ק ל ע ן (דעם שלוכצעדיקן).

איוואַן קימזשעס כאַזערל מיטן געפלעקטן אויערל האָט זיך אויפ־געהערט דורכפרעסן אַ פּעטן וועג צום גומען פון זיין באַלעבאָס און דאָס ווײדעלע זיינס האָט זיך פאַרקאַטשעט אין אַ טאָמעוואַטן פרעג־צייכן.

— טאַקע? ער איז דאָ? כיע!

און דאָס קינפּטיקע מענטשנמיסט וואָס האָט געבליט פון די ביימער אַראָפּ, פון די פעלדער אַרויף, פון די וועלדער אַרויס, האָט אויפגעהערט זיך גרינען מיט גרינעם בלוט, האָט זיך אָנגעצונדן מיט דער שקיע־זון און געגומען ברענען:

— דאָס ליד צו א י ם.

און לייזלעך פרומע, געהייליקטע, זענען פון אַלטע אַטאַרעס אַרויס־געקראָכן און גענומען פינקלען מיט זילבערנקייט קעגן אַלצדינג וואָס לעבט און איז דערנידעריקט:

— מיר אַלע קינדער פון איין טאַטן, קאָדעש!

און דער פּאָס ליכט וואָס איז געפאַלן פונם כאַרעוון אָרנקוידעש האָט זיך אויסגעבויגן אַף זיך אַליין און געטאָן באַלויכטן דאָס שימל־דיק־מעשענע, קונציק־פאַרדרייטע זיבעטע רערל פון דער זיבעטער מע־נירע, וואָס האָט דורך זיבן דוירעס געהאָט דעם זיבעטן כיין.

— אַ לויב צון א י ם!

און עפּעס פויגלדיקס און עפּעס כאַיעדיקס, און עפּעס בעהיימע־דיק און עפּעס מענטשנדיקס האָט זיך צענויפגעמישט אין אַ הייסער פּאָרע און אַלע צונגען און צינגלעך האָבן געזוכט דאָס ווייסע דעכל פון ז י י ן האַנט:

— אַ קוש טאָן בעטן מיר.

און דאָס קעלבל, וואָס דער שויכעט האָט איבערגעלאָזט אין מי־טענדרינען אַ געבונדנס, איז געלעגן און געקוקט מיט אַ פאַרבענקט, קעלבערן אויג אינם גלאַנץ פון וועקגעוואָרפענעם כאַלעף און זיך באַלעקט ס׳אייגענע, וואַרימלעכע בלוט, און דער כאַלעף אַליין האָט

זיך דערפרייט און געמיינט אַז דאָס אויג איז ז י י נ ס און אַז ער'ט שוין פון איצט אָן אַליין זען ווי אַזוי צו גיין איבער ווארעמע, אראָפּהענגנדיקע פוטערנע העלזלעך.

— וו־ווייך!

און פון ווייטנס, דאָרטן וואו די פּאַפּירענע לאָמטערן־מענטשלעך האָבן געשטאָלפּערט אַף דינע, געשלעסלטע פיס, זענען פאַראויס גע־גאַנגען זעקס געלייטזעליקטע זקיינים און געלאָזט שטומערהייט פון די אַקסלען אראָפּגליטשן דעם שווערן קאסטן מיט די גלאַנצנדיקע שטאָל־שלעסער און מיטן הייליקן אויפשריפט:

צדעק לעפאָנו...

און זענען אַוועק צום יאַרדן זיך צו טאָן וואַשן די הענט און אויך צו טאָן זייער באַדאַרף.

דאָס מאָל האָט שוין די זון געקרייעט און דער האָן האָט גע־לויכטן און די טייכן האָבן געפלאַקערט און די פייערן האָט מען גע־טרונקען פון די גרינע פלעשער אַרויס, פון וואָס די איינגעווייד האָבן זיך אָנגעצונדן און אָפּגעגעבן אַ לויב צו אונזער גאָט, דעם איינציקן גאָט, וואָרים אין כּאלהנו, אין כּאדוננו, אין כּמלכּנו.

פון מיינע „אַלטע מאַטעריאַלן".

„אינטעדערינע, טינטינטין"

פעדלערם שרייען:

— וואָטער מעלאָן. פּעני אַ מויצע!

— וואַהבער צעראַהסץ מעך!

— לעבעדיקע פישעלעך טרענקען זיך אין וואַסער. קויפּצע, קויפּצע, איידער זיי דערטרענקענזעך.

צוויי פאַרשמירטע איסט־סיידער אינגלעך פון אַ יאָר 10־11, מיט די דאַשיקלעך אַף אַ זייט, שטייען איינס קעגן ס'אַנדערע, דעם צייג־פינגער אָנגעשטעלט אַף דער קעגנאיבערדיקער נאָז:

— קוק אים נאָר אָן!

— קוק דיך אַליין אָן!

— אַז דו וואָסטיך אָנגעקוקט מיט מיינע אויגן!

— אַז דו וואָסטיך אָנגעקוקט מיט מיינע אויגן!

— די אויגן זאָלן דיר אַרויס!

— וועמען זאָלן די אויגן אַרויס?

— דיר!

— מיר? פאַרוואָס נישט דיר?

— וואַטערמעלאָן! פּעני א מויצע!
— לעבעדיקע פישעלעך טרענקען זיך אין וואַסער. קויפּצע, קויפּצע איידער זיי דערטרענקען זיך!

ניו־יאָרקער טאַמעז־זון קנאַקט ווי אַן אָנגעגליטע בלעך. א היי־סע, זיסלעכע מאַטקייט פּאַכעט מיט די פליגל ווי א פלעדערמויז פון ליוטער פּעטס. דופּט־סימפּאָניעס אויסטערלישע, שפּילן אַף מיסטפּע־סער ווי אַף פידלען, פרייען זיך אַרויס פון מענטשלעכע קערפּערס. די פּוטער־ראָגעלעך אין די פענצטער פון די גאַליציאַנער רעסטאָראַציעס ליגן פאַרכאַלעשט לעבן טעלער מיט פּיפּיקלעך, אַן עלטער פּערטל־אַף קען נישט אויסהאַלטן פון די פליגן, וואָס דאַקוטשען אים, רירט זיך קימאַט פון אָרט. געזייערטע עפּל, קרויט, האַלוואַ און מיסט און קאַ־נאַל־יויך שלאָגן זיך מיטן ר״יעך פון א ניקעלנעם הימל, מיטן דופּט פון אַ שטיקל בוים, וואָס גרינט ערגעץ אַרויס פון א וואַזאָנע אַרויס. א העמד אַף שטריק אין א „הויף״ לאָזט זיך טאַפּן פון א כאַמער־אייזל־ווינט. בעט זיך: ווינט, ווינט, לייג אַרונטער דיין האַנט אונ־טער מיר, און צעשפּרייט מיך!

:: :: ::

פינכעסיטשע טראָגט א שוואַרץ־שטרויען קאַפּעליושל, האָט א בלאָך בערדל אַף א פאַרמעטן פּאָנים—א בערדל וואָס מי קעמט עס אַרונטער אונטער דער געמבע, סי זאָל זיין שטיל, מי זאָל עס נישט זען פאַר די אויגן. מ'דאַרף נישט, צו וואָס? ס'איז אַמעריקע. ס'איז נישט גאַליציע. עכ־הע־כעם. אין אַמעריקע האָט מען פיינט איבעריקע זאַכן. ווען א מענטש זאָל קענען גיין אַף איין פוס, וואָלט מען אָפּגעזעגט דעם אַנדערן. א מענטש אין אַמעריקע דאַרף זיין וואָס ווינציקער, וואָס שפּאָרעוודיקער מיט זיך. דאַפּאַר טאַקע די מאָדע: די־עטע, קיטשענעט, בעטלעך וואָס לייגן זיך צע־נויף. מענטשן (טראַכט פינכעסיטשע) וואָלטן אויך באַדאַרפט זיין געבויט אַזוי, אַז זיי זאָלן קענען זיך צענויפלייגן אין א קליין פּעקעלע, און א האַנט זאָל אַליין טראָגן אַזאַ מין רענצעלע, וואו דער מענטש ליגט צענויפגעלייגט, צענויפגעפּאַסט, צענויפגעפיגעוועט ווי א זינגער האַנט־מאַשין א שטייגער אין א קעסטעלע.

— וואָס עסט איר פינכעסיטשע?

— אַ שטיקל האַלוואַ.

— געט מיר אויך א שטיקל, פינכעסיטשע. פע, ס'איז דאָך גאָר קיט!

— ק י ט אי' דאָס גאָר? פאַרוואָס איז? ווייל איר זענט א גלעזער?

— און אַז איר זענט אַ ביגלער איז בעסער?

— עך קריג מעך נישט. כווימבאַך נישט קריגן.

— עך קריג מעך אויך נישט, פּינבעסיטשע. סי האָהנט אַ געהנים. מי זאָל שוין פּאָטער ווערן די לעוואיע, וועמיר אַביסל גאַין אַפּן האָוסטאָן סטריט „דאַק", לעבן וואַסער, כאַפּן אַ טרער לופט.

— מי זעט נישט מי זאָל זיך רירן.

— זי מאַכט דאָרט גוואַלדן, אויבן, די מיסעס פּונם באַרמינען. איר הערט נישט? זי לאָזט אים נישט נעמען.

— אידישע טעוועס. מי קוויטשעט. וואָס קוויטשעט איר? וואָס'ט איר אויסקוויטשען? צו וועמען קוויטשעט איר! נעמטס נאָך אַ שטיקעל האַלוואַ. ס'איז גוט. וואָס איז דער מער מיט דער האַלוואַ?

— ס'אי קיט, נישט קאַ האַלאַוואַ.

— לאָז זאַן קיט! עב'ל מיך ניש קריגן מיט אייך איצט. אַט טראָגט אים שוין. דאַכט זיך, ששש, ווי אַזוי איז דאָס געשען, ווייסט מען כאָטש?

— מי ווייסט, וואָדען מי ווייסט נישט? גענומען די געז־פּייפּ. אַ מאָדע געוואָרן אין היינטיקן קריזיס—וואָס עפּעס: די געז־פּייפּ... ס'איז היינט דאָס ריכטיקע קריזיסל, נישקאָשע... עס איז פון יענע קריזיסלעך וואָס מ'פּרעגט אַף זיי. איך האָב דאָך שוין איבערגעלעבט קריזיסן אַלערליי. נאָר אַזאַ ביטערן קריזיס, זאָג איך אייך דעם עמעס, פּינבעסיטשע...

— וואָס האָט ס'שטאַרבן צו טאָן מיטן קריזיס. און אָ נ'ם קריזיס, הייסט עס, שטאַרבט מען דען נישט?

— ..אָבער נישט פון קיין געז! געז איז שוין דאָס סאַמע לעצטע. סי דאַרף שוין זיין גענוג ביטער, אַז אַ מענטש זאָל נעמען די פּייפּ...

— ווי אַזוי איז ער פּאָרט געקומען דאַצו? וואָס זאָגן מענטשן? אַף אים וואָלט עך זיך על גאָרנישט געוועזן געריכט. אַ פּלאָכע מענטשל אַזאַ, ווי אַ הינדעלע. און פּלוצים גאָר — — — —

— פאַרוואָס מיינט איר אַז פּלוצים? באַ אים איז אַלצדינג „פּלוצים". וואָסער פּלוצים? אַז איר ווייסט נישט די מאַנסע טאָ וואָס־זשע רעדט איר?

— עך רעד? עך פּרעג מיך בלאָיז.

— אַזוי־זשע זאָגט! איר ווייסט ווער ס'איז שולדיק אין דעם?

— ווער?

— זיין ווייב מיט דער טאָכטער.

— גאָר אַזוי? אַבי ליטע זאָגן, אַז אַזאַ געטריישאַפט וואָס סי

איז געווען צישן אים מיטן ווייב און מיט זיין טאָכטער דאַרף מען אויספאָרן א וועלט.

— דאַפאַר אי׳ דאָכ׳ם טאָקע.

— כ׳האָיב נישט אָן צו פאַרשטאַין.

— ס׳איז פּראָסטע. דעם דזשאָב זיינעם האָט ער דאָך פאַרלוירן. ווייסט איר דאָך.

— געהערט וועגן דעם.

— נו, און אַן עלטערער מענטש איז׳ן.

— ווייסט׳ן דאָך.

— נו, און נישטגעזונט איז׳ן אויך א ביסל. ווער איז דאָס יאָ געזונט אין אַמעריקע? פונם פּרעגלען זיך באַם בינלבאָק קומט קיין קויכעס נישט צו. אַנו פּריפּט צוליינן א גרין בלעטל צום פייער—פון דער וויטן אפילע, וויאַנעט עס אויך באַלד... און וואָס מאַינט איר איז א מענטש?

— פאַרשטאַיט׳ן דאָך.

נאָר דאָס איז גאָרנישט. מיילע, מי איז עפּעס איינער אפן יאַריד? אין סטענטאָן סטריט גייען באָרוכאָשעם אַרום געננג אידן אָן אַר־בעט. און נאָר אין סטענטאָן סטריט? אין גאַנץ ניו יאָרק. אין גאַנץ אַמעריקע. ס׳איז ווי מי זאָגט אָף לאָשנקוידעש: „אין בּית״. מי שמועסט אפילע אַז די קאָמוניסטן טוען יאָ עפּעס. נאָר כ׳ווייס. עך קום נישט אַהין. ס׳איז צו ו ו י י ט פון סטענטאָן סטריט... איז בידעוועט׳ן. וואָס זאָל מען טוען? מ׳עט אַזוי לאַנג בידעווען ביז־שאָ. אָט רירט זיך שוין די לעוואַיע האָפּ! העפּ! גייט׳ס אין דער לאַין, פּינכעסיטשע. האַלטס־מיט!

— עך האַלט מיט. אַבי איך האָב געמיינט, אַז די צאָרעס האָבן אים געטריבן דאַצו.

— נישט אַזוי די צאָרעס ווי די ש ר ע ק. ס׳ווייב זיינס מיט דער טאָכטער—איר ווייסטעך—מ׳איז געטריי און געטריי און גע־טריי, נאָר קאָן לאָיט סייכל האָט׳ן נישט.

— אַקעגן וואָס־זשע?

— אַקעגן דעם: קומט ער נאָר אריין אין שטוב אריין, הויבט מען אים אָן צו קוקן אין די אויגן אריין: „וואָס טוסטו, טאַטע? וואָס מאַכסטו, טאַטע? ביזטו געזונט, טאַטע?״ און נאָר מי באַהאַלט פאַר אים די געז־פּייפּ. בראָש פאַלט זיי איין, אַז נישט אַנדערש נאָר אַז ער איז מעכויעוו צו נעמען די פּייפּ. איר פאַרשטייט? אַז יענער האָט גאָרנישט אפילע אָנגעהויבן צו טראַכטן דאַפון? ער איז גלאַט

געוועזן אַביסל דערשלאָגן, און ווער וואָלט אַף זיין אָרט נישט געוועזן דערשלאָגן, זאָגטס מיר? אָפּגעהאָרעוועט אַזוי פיל יאָרן פונם ריכם וועגן און אַז סי קומט צו אַ קריזיס איז—כאַטש שטרעק דיך אויס. כאַטש לאָז די נעשאָמע.

— נ... ווייסט'ן דאָך!

— איז האָב־זשע סייכל דו ווייב און דו טאָכטער, און רעדס אים אויס?! נאָר דאָס אי' דאָך עס טאָקע! מי האָט אים שוין צופיל אויסגערעדט. מי האָט אים געהאָלטן אין אײַין טרייסטן, אַז סי איז אים גאָרנישט. „וואָס איז מיר גאָרנישט?” „גאָרנישט!” „וואָס־זשע טרייסט איר מיך אַזויפיל?” „רעג דיך נישט אויף, טאַטע!” „מאַמע, עפּעס שמעקט דאָ, דאַכט זיך מיר, געז...” „געז? וואָס פאַר אַ געז? עך פיל נישט. עפּשער האָט דער טאַטע אויפגעדרייט?” „עך? צו פאָס זאָל עך אויפדרייען די געז?” „עך וויים?”—שלאָגט זיך נישט אַרוים פון דער לאָין פּינבעסיטשע, האָלטס־מיט! מיר זאָ־מיר שוין ניש וויט פון דער בריק. ווייטער ווי ביז צו דער בריק וועל עך נישט גיין. ביז צו דער בריק מוז מען, וויל ער איז אַ לאָדזשנברודער...

— ווע, ווען ער זאָל נישט זיין קיין לאָדזשנברודער, זיץ עך מיר בעסער אין דער היים, און ווייק מיר די געשוואָלענע פים אין קאָלט וואַסער.

— איז אַזוי איינמאָל, און צוויי מאָל און דריי מאָל און פיר מאָל. „וואו איז דער טאַטע?” „ער שלאָפט”. „עפּעס פילט זיך געז?” „וואָס פאַר אַ געז?” „עך וויים?... כ'האָב נאָר מוירע.... טאָמער כאָלילע... ששששא... ער קען זיך אויפכאַפּן”. און יענער שלאָפט נישט און—הערט עס... און אַז איר זאָלט הערן אַזוינע ווערטער? צי עך אַליין? וואָלט איך מיר אויך געטראַכט: „הער נאָר, כ'בעט דיך. מיסטאָמע אַז מי היט מיך אַזוי, אַז איך זאָל נישט נעמען די פּיפ, מיסטאָמע דאַרף איך דאָך נעמען די פּיפ... אַז נישט צו וואָס היט מען מיך?”... ווינציק מענטשן אַף דער לעוואיע. כ'האָב געמאַינט סי'ט זיין מער!

— ס'איז היים האַהנט. אי, איז האַהנט היים!

— ס'איז פון די שיינע זומערס! אַזאַ זומער ווי היינט געדענק איך שוין נישט אין אַמעריקע, זינט יאַהרע ניינצענצוועליוו.

:: :: ::

פון דער ווייטן—אָפּקלאַנגען:

— וואָטערמעלאָן, פעני אַ מויצע!

— וואהבער צעראַהסץ מעך!

— לעבעדיקע פישלעך טרענקענזיך אין וואסער, קויפּצע, קויפּ־צע, איידער זיי דערטרענקענזעך.

אין גלאַנציקע אַטאַמאַבילן פאָרן אידן אין שווארצע ביליקע אָנ־צוגן מיט צעווייכטע קראַגנס, ווייבער מיט לאַבנדיקע ציין, א פּאָר פאַרוויינטע רויטע נעז, עטלעכע צופוסגייענדיקע אוויילים הינטער דעם גרעסטן און גלאַנציקסטן אַטאַמאַביל, איינע אַן עלטערע פרוי און די אַנדערע אַ יונגע.ביידע פירט מען אונטער די אָרעמס מיט ליב־שאַפט און פאַרזיכט, ווי זיי וואָלטן זיין געמאַכט פון זייער טייערן גרינלעכן וואקס. אין די שויפענצטער פון די גאַליצישע רעסטאָראַ־ציעס ליגן קעז־קרעפּלעך, און קארשן־וואַרעניקעס. אין אַ שטעקעלע־געוועלב שטייען שטעקעלעך און וואַרטן אַף פּראַנטישע הענט. טייל פון זיי האָבן בולדאָגישע קעפּלעך, מיט פּאַטשערקע־איינגלעך. אַן אָנ־געפּרעסענע, דיקע קירך צעגרעבצט זיך מיט אַ פרייליכן, מעשענעם בויכוויטיק. פייער־ענזשינס קלינגען „אינטעדערינדע אינטינטן".

לעבן דער בריק איז אַ פּלאַקאַט: „געשעפטן זענען גוט, האַלט זיי אויף! קיין זאַך קען נישט שטייען אין וועג פון אָנקל סעם".

— „אינטעדערינדע אינטינטן".

— לעבעדיקע פישלעך טרענקענזעך אין וואסער, קויפּצע, קויפּ־צע, איידער זיי דערטרענקענזעך...

לאַמנאַצייאַך להאַפישינער

(אַ גראָטעסק)

דער פישינער זאָגט בטעווע אַזוי:

ביטער איז צו דעם מענטשן, וואָס ס'איז אים נישט גוט, און וואויל איז צו דעם מענטשן, וואָס ס'איז אים יאָ גוט.

דאָס איבעריקע זענען מיר זיך מאַטריאַך און מיר זאָגן שוין אַליין:

אַז איינער אָדער צוויי מענטשן זעצן זיך אַוועק שרייבן, דאַרף דער צוועק זיין אַזוי קלאָר פאַר די אויגן, ווי מעגלעך, עילע נישט דאַרף מען נעמען אַ פערד־און־וואָגן און אַוועקלויפן פון דעם צוועק ביז דער גרענעץ, ביז אַף יענער זייט סייכל אַריבער.

אַ שיינע קאַפּאָרע מיט דער ליטעראַטור, האַבאַאַליינו לטויוואָ, אָמיין.

מי דאַרף:

פּאַרליכטיקן דאָס ביסל מיסטוואַרג—לאָזן אַף דעם אַ קריי־טועַן אַ ביסל זון־האָן—אַט־דאָס דאַרף מען.

פון אַגרעס־טאָרטן און זונשאָלעכץ זאָל זיין דאָס פּאָנים פונם טיש, און די פּיס פונם נעמלעכן טיש—זאָל זיין: דרעלים.

און דער טאַבלעס זאָל זיין אַזוי גוט און אָפּטרעטן פונדאַנען איידער מיר ווערן בייז און אויפגעיוירן, ווי שאַרפבעבערדיקער האָוו־דאָלע־וויין, וואָס לויפט אַרויס פונם גלעזל און וויל גיין שלאָפן אַף דר׳ערד.

האָבן מיר איינמאָלאַוועק.

צווייטנס קען מען שוין אַ קליגג־טועַן מיטן גלעקל און דער אוילעם מעג זיך מאַכן באַקוועם, ווייל מיר הייבן־אָן די געשיכטע—טאַקע ווידעראַמאָל אַף אַלעמענס פּאַרלאַנג, צוועלף אין אַ ריי, זעקס אין דער ברייט, אַכט אין דער לענג און פיר אין דער שמאָל.

די מאַיסע איז אַ טראָווערדיקע, אָבער נישט צום וויינען.

געדענקט־זשע וואָס מ׳רעדט צו אייך, קינדער, און זייט נישט קיין!

:: :: ::

די בינע שטעלט פאָר: 99 איילן לידיקע לייוונט, 99 פּעסלעך פאַרב, 99 בערשטלעך, 198 הענט מיט פּאַרפלעקטע נעגל און 777 באַרשטן ווי בעזימער.

אַ ביסל ווייטער, רעכטס־צעצו (אָדער לינקס־צעצו, סי ווענדט זיך!) איז הינטערגרונט אַף הינטערגרונט. העכער 18 שטאָק מיט הינטערגרונטן — איינס אַפּ׳ס אַנדערע. אַף דעם סאַמע שפּיץ פון די אַלע ריזיקע הינטערגרונטן זיצט אַ נאַכטיגאַל און קוועטשט־אויס איר קריטיק.

דערנאָך: קלינג־זים. בלררר.

פון סופליאָר־קעסטל קריכט אַרויס סער מאָזעס מאָנטעפיאָר און זאָגט „גוט שאַבעס״.

דאָס פּובליקום ענטפערט „גוט יאָר, וואָס מאַכט איר גוטע?״ און סי ווערט פינצטער ווי אין אַ נאָדל וואָס האָט פאַרלוירן ס׳אויער, און שטיל, אַז מי קען הערן די האָר וואַקסן. אָרגל־געאָרגל, האַרפּן־געהאַרף, קווינקל־ברום, און סי זעט זיך ווי דורך טאַביק־ברוינע אייז־טראָפּנס, וואָס קאַפּן פון שטרוינע דעכער — אָטאָוואָס!

אַלאַנגער, פּריצישער מעס ליגט אין אַ פּריילעך־געגרינטן טרו־נעלע און קוקט מיט איין אויג צום פויגל, וואָס שטייט באַ אים צעקאָפּנס.

דער פּאָרעץ איז שוין טויט העכער ווער־ווייסט־ווי־לאַנג! נאָר אײן אויג וויל בא אים זיך נישט צומאַכן, וויל נישט שטאַרבן, מוז מען אים האַלטן אין פּאַלאַץ, אין געגרינטן טרונעלע—מיטן פויגל צעקאָפּנס.

דער אוטאָר קומט אַרויס און האַלט אַטוואַסערע דראָשע:

מײנע ליבע פּריצים און פּריצעס, מאַכט ער, אַלצדינג וואָס איז געשען ביז אַהער אין אונזער אויסגעצייכנטן ערשטן אַקט, מאַכט ער, וואָס האָט צו זיך נישט קיין גלייכן אין דער גאַנצער וועלט, מאַכט ער, איז אַ הונט קעגן דעם, וואָס סי דאַרף ערשט פּאָרקומען. איך דאַנק אײך זייער, מײנע ליבע פּריצים און פּריצעס, מאַכט ער, און איך פּאַרהאָף, אַז איר וועט.

אין צווייטן אַקט:

דער טויטער פּאָרעץ האַלט נאָך אַלץ אָפּן אײן אויג. זײן ווײב, די דעליקאַטע „פּריצטע פאַן צוקערלעקער" גיט אַ נעם און גיט־אים אַ באַטריג, אַז דער רואַך נעמט עס! אָבער דער פּאָרעץ קען זיך (ליידער־גאָטעס, ווי מ'זאָגט) גאָר־נישט־ניכט העלפן, ווייל מער ווי זען מיט אײן אויג קען ער נישט. זײנע צײן זענען טויט. זײן האַרץ איז טויט. זײנע לונגען זענען טויט. זײנע לעבערס זענען טויט. זײנע נירן זענען טויט. זײן נאָז איז טויט. זײנע אויערן זענען טויט. נאָר דאָס אײן אויג זײנס לעבט און זעט און קוקט אַף דעם פויגל, וואָס שטייט בא אים צעקאָפּנס, אַף דעם פריילעך־געגרינטן טרונעלע.

דער דריטער אַקט

דער דריטער אַקט—ווערט (פון אונזער זייט) איבערגעפירט, צוליב טעכנישע סיבעס, וואָס נישט דאָ איז דער פּלאַץ און נישט איצט איז די צייט.

צום שלום אַ פייערלעכער איינאַקטער פון דעם בידנעם ווײצל־יונג בלאַשאַמימאַ, דער זון פון קאַצמאַ, דאָס אייניקל פון וורואוולי־וואָוו.

אַ קריי טרעט אַרויס אַף דער סצענע, אָנגעטוען אין געל־מאָגערע הינערשע פיסלעך און זאָגט אָן, אַז—

די זון הייבט זיך אָן, טראַלאַלאַ!

פון גרויסן אָנשטרענג אַרויסצוקומען פאַרלירט די זון, נישטדאָ־געדאַכט, די שטראַלן. דער שקיע־שטערן (ווייגאַם די „קאַיאָרן") טרינקט זיך אין בלאָען לכאַדאָידי. און ליקראַסקאַלע קומט אים אַקעגנצעפּאָרן אַף אַ מעשן פערדל מיט ברילן און מיט אַ קאַפּאַליטשל.

סאָף פּיעסע

(אַרויסגאַנג פאַרבאָטן)

אין בעוום איז דערווייל אויערן־יאָנטעף. אַלע בעוועמער ליִיט טוען־אויס די אויערן און שיקן זיי אַוועק קיין וואַרשע אין דער פּוילי־שער אָפּערע. אַליין פאָרן קענען זיי נישט. ווייל ערשטנס האָבן זיי נישט קיין אויערן, און צווייטנס האָבן זיי נישט קיין געלט אַף הויצאָעס, און אָן געלט איז אין פּוילן ביטער ווי גאַל. (הילעל צייטלין און דער דאָקטאָר שיפּער האָבנ'ס נעבעך שוין ל א נ ג געזאָגט, און קיינער האָט זיי נישט געוואָלט גליבן).

א מידער איד פון די נאַלעווקעס, וואָס איז זיך נעבעך א גאַנצן טאָג אָנגעגאַנגען, אַז די פיס זענען אים געשוואָלן, טוט־אויס די פיס, שטעלט זיי אַוועק לעבן בעט אויסרוען, און אַליין איז ער אַוועק האַנדלען.

און ס'איז נישטאָ קיין אויערן, מעג מען שוין עסן וואָס מ'וויל און טאַקע באַלד—נאָכן עסן—זיך לייגן שלאָפן.

די נעז האָבן צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן נישט אויסזאָגן. טאָמער יאָ—גיט מען זיי פּעטש און מ'וואַרפט זיי אַרויס. און אַז איינער וויל זאָגן זיין געליבטער, אַז—נאַכטיגאַלן, ווייזט ער איר, פאַרשטייט זי.

און אַז א ראָוו וויל זאָגן דעם שאַמעס, אַז ער האָט אים ערגעץ־אַנדערש, ווייזט ער אים. און טאָמער איז דער שאַמעס א בלינדער, נעמט ער אים אָן באַ דער האַנט ביז יענער דערפילט, אַז ס'איז עפּעס צו גלאַטיק, דעמאָלט הייבט מען זיך אָן גראַבלען מיט דאַרע, קאַשערע פינגער, און בלאַנדע בערד פליען אין דער לופטן, ווי שטרויענע אַפּיקוימענס.

מיט די פיס איז אויך דאָס אייגענע: ווייבאַלד די מידע פיס שטייען אינדערהיים לעבן בעט און רוען זיך אָפּ, קאָן מען שוין גיין וואוהין מ'וויל, און דאָס ווייב איז נישט אייפערזיכטיק — באַטש גאַראַנטירן קאָנען מיר נישט!

דער האַקל און סאַכאַקל פון דער פּיעסע:

דער רייז (פונם ערשטן אַקט, וואו מיר האָבן אים פאַרגעסן צו דערמאָנען) זיצט נאָך אַלץ אַף דר'ערד, מיט די פיס הינטער זיך, פינטלט מיט די צוויי ברוינע פליי־אייגעלעך און איז טויט־הונגעריק, באַטש מיר האָבן אים אַריינגעשטופּט אַכט (8) פונט ראַזשינקעס אינם לעבל פון זיין לינקן באַקצאָן. אויפעסן קאָן ער דאָס נישט.

זיצט ער אַזוי און זינגט וויינענדיק, און וויינט זינגעוודיק און בעט יעדן איינעם וואָס גייט־פאַרביי, אַז מ׳זאָל אים געבן אַ טראַקס (טראַסק) אין פּיקס (פּיסק. ריזן און פּאָעטן רעדן אַלע מאָל אַף שפּיגל־קסאוו!) און אים אויסקאַהען דעם קיגלען צאַבקאָן!

(מיר האָבן גאָר פאַרגעסן צו זאָגן, אַז ער איז אַ געבונדענער אין שווערע קייטן אַף די הענט).

ערשט אַפן עלפטן טאָג קומט צופאָרן (לוני קעמל?) אַ רייטער, אַ יעפּרייטער, מיט אַ יעפּרייטעריש, רייטעריש היטל און ער זאָגט מיט די ווערטער:

ריזל פון די ריזעלעך,
שטעל דיך אַף דיינע פיזעלעך,
הייב דיך אויף פון דר׳ערד
און זעץ דיך אַפן פערד.
הער אויף איינציען דיין פּאַסיק,
און קום מיט מיר קיין דאַמאַסיק.

האָבן זיי געוואַנדרעוועט און געבלאָנדזשעט העכער צען טעג נאָך פאַראַכטאָגן דאַנערשטיק, ביז זיי זענען אָנגעקומען צו אַ פּאַ־לאַץ, געמאַכט פון געלע פּאַסאָלקעלעך, און באַשיט מיט פעפער, און געדעקט מיט צימרינג, און דער רויך וואָס איז געגאַנגען פונם קוימען איז געווען ווי אַ קאָמעץ.

— וואָסידאָז? — האָט געפרעגט דער ריז און געוויזן מיט אַ פינגער, וואָס איז געווען לאַנג — פון אים ביז צום שפּיץ־קוימען.

— דאָס איז קאָמעץ־רויך — האָט געזאָגט דער יעפּרייטער (בידאַליע גובליק?).

— מאָקעץ כויר? — האָט געפרעגט דער ריז, אַף זיין שפּיגל־קסאָוו, און ער האָט זיך צעלאַכט מיט אַזאַ מין געלעכטערל, אַז דער גאַנצער פּאַ־לאַץ האָט זיך צעשיט אַף קליינע פאַרביקע פּאַסאָלקעלעך, נאָר דער רויך איז געבליבן הענגען אין דער לופטן—טאַקע ווידער אַמאָל ווי אַ קאָמעץ.

איז דער רייטער, דער יעפּרייטער (לוני קעמל?) געוואָרן שטאַרק אין קאַעס, פאַרוואָס דער ריז האָט קיין סייכל נישט און לאַכט גאָר דאָרט, וואו מ׳דאַרף — אומ־באַ־דינג — וויינען. האָט ער אַרויס־גענומען דעם זאָטל פון אונטער זיין געזעס און דערלאַנגט דעם נאַרישן ריז אַ זעץ איבערן קאָפּ מיט דעם סקריפּענדיקן פרישן לעדער־מיט־שטרוי, אַז ס׳איז אים (דעם ריז־האַגאָדל) אַרויס דער לינקער באַקצאָן, און ס׳האָבן זיך אים גענומען שיטן גלייך אין מויל אַריין

די אַכט פונט ראָזשינקעס, וואָס מיר האָבן אים (אויב איר געדענקט) אַריינגעלייגט אינם לעכל פון דעם נעמלעכן באַקצאָן, נאָך אין ערשטן אַקט.

דער ריז האָט געגעסן און געזונגען „אָידלאָו“ און צוגעטאַנצט אַ וואָלעכל, און סי האָט זיך געטוען אַ ביסל, האַלוואַי אַף אַלע „ריזן“ געזאָגט געוואָרן — נאָר מיט מער אויסגעהאַקטע ציין.

פאָרהענגל, פאָרהענגל, קענסט שוין פאַלן, ווייל מער איז נישטאָ.

לידער

צוליב פּלאַץ־עקאָנאָמיע גיבן מיר די־אַ לידער ווי פּראָזע. די סאָף־שורע ווערט שטענדיק באַצייכנט מיט אַ פּינטעלע (.).

טרופּן גייען

און ווידער מילכאָמע מילכאָמע. און ווידער טרופּן טרופּן. טרופּן גייען טרופּן טראַמפּלען טרופּן פֿאַלן. טרופּן שאַלן טרופּן שטאַרבן טרופּן טריאומפֿירן. טרופּן אויסגעשטייערט צו טויט און מאָרד. בלישטשען באַגנעטן בלישטשען. אָפּגעלאָזן פֿון דער קייט. די גאַנצע אוראַלטע אורוואַלדיקע. כאַאיש־אינסטינקטישע מענטשנהייט — צום שרויטנשאָט פֿון פּויק און טויט. טרופּן גייען. טרופּן טראַמפּלען טרופּן פֿאַלן. טרופּן שאַלן טרופּן שטאַרבן. טרופּן טרומייטערן — טרופּן טריאומפֿירן.

אַ גאָלדענע ריזן־גרויסע קאָטשערע. שאַרט און שאַרט מענטשנ־יוגנט אין פֿייער אַריין. אין פֿלאַמפֿייער אַריין אין די העלישע העלפֿייערן פֿון דער העלע. איך קעגן — מיר אַליין. דו קעגן — דיר אַליין. נישט סוינע קעגן סוינע. נאָר פֿריינט קעגן פֿריינט. ברודער קעגן ברודער. אַרבעטער קעגן אַרבעטער. איך קעגן מיר אַליין. — דו קעגן דיר אַליין. דיר בלאָע הויזן מיר גרינע הויזן אים — ברוינע הויזן. בלאָע הויזן — קעגן גרינע הויזן. גרינע הויזן קעגן ברוינע הויזן. און די פֿייער־לאָפּעטע פֿון דער טייפֿלהעלע שאַרט שאַרט. די בלוט־ און פֿייער־טאָרנאַדאָ קנאַקט קנאַקט קנאַקט. די פֿלאַמפֿייערן גיבן אַ לעק און פֿאַרצוקן. און באַלעקן זיך: „אַי־גוט אַי־גוט". אַי בלוט מענטשנבלוט קינדערבלוט. „אַי גוט־גוט־גוט". פֿלאַקער־פֿייערן. פֿייערן פֿון דער אורערד אַרויסגעלאָקט מיט דער הילף פֿון כעמיע און פֿיזיקע. לאַכן און זשיפּן און שטעלן צונגען אַרויס. צוקן און פֿאַרצוקן. פֿלייש און ביין און בלוטפּאַפּ. קריגפֿלאַמען שלוקערצן און שלינגען. טרופּן גייען. טרופּן טרופּן טרופּן. טרופּן טראַמפּלען טרופּן פֿאַלן. טרופּן שאַלן טרופּן שטאַרבן טרופּן טריאומפֿירן. גראַנאַטן סוויסטשען סוויסטשען סוויסטשען. קוילנוואַרפֿער שטעפּן שטעפּן. גאַז־וואָלקנס גרינע אָן־אויגיקע אָן־ביינערדיקע מאָנסטערס. קריכן קריכן קריכן. אָן ביינער אָן ביינער. קעפּ וואַלגערן זיך. פֿיס וואַלגערן זיך. הענט וואַלגערן זיך. בייכער — געניצן מיט אינגעווייד.

אַ בוינע פֿאַר מענטשן. שעכטמייסטער טראָגן גאָלדענע קרעיגן און גירטלען. זויגן וויין פֿון גאָרגלדיקע פֿלעשער. האַלטן זוינעס אַף די שויסן. און דיקטירן. — שעכטן איינס ס'אַנדערע שעכטן שעכטן

ביטע שעכטן. גלאנצן גאָלדענע פאסן גאָלדענע שיידן גאָלדענע מעדאַ־לען. פריילען פעטלעכע גאָלאָכים און ראביעם. גלאָרי גלאָרי האַלעלויא. גלאָרי גלאָרי האַלעלויא. ווייסט דער גאָלעך אַז אַלטער גאָט אַליין איז אַ שעכטער. וואָס האָט זיין זון געשאָכטן. און אַז גע־שאָכטענער זון האָט מיט זיין בלוט. אויסגעלייזט אונז — מיר זאָלן ווידערפּאָרט אונזער בלוט געבן. — פאר גאָטס גלאָרי פאר צעזארס גלאָרי. גלאָרי גלאָרי האַלעלויא. גלאָרי גלאָרי האַלעלויא.

טרופּן גייען. טרופּן טראַמפּלען. טרופּן פאלן. טרופּן טריאומפירן. טרופּן שאַלן. טרופּן שטאַרבן. די ערד ליגט געשאָכטן. די וועלט איז געקוילעט. אין האַלז פון דער ערד — די אָדערן צעעפנט. פליסט עס פליסט עס פליסט עס. גאָרגלט עס גאָרגלט עס גאָרגלט עס. גלאַנצן זשאַבעס גרינע אויגן. פינטלען פעלד־מייז קליינע דערשראָקענע איי־געלעך. מאַכן זיך לייבן די לאַבעס נאס אין מענטשנבלוט און ווילן ברעכן. גליטשן זיך שלענג אין אַן אָזער פון מענטשנבלוט. און פאַר־שטייען נישט און כידעשן זיך וואָספאַרא שלענג זענען דאָס מענטשן. קוקט אַ פולע לעוואָנע אַראָפּ מיט אַ האַלב אויג. און כידעשט זיך — עפּעס רויטע וואַסערן. רויטע קאַנאַלן רויטע קוואַלן רויטע טומאַנען איבער צעטראַמפּלע גראָזן. — וואָס זאָל דאָס זיין עפּעס אַ נייע פּלאַ־נעטע. נייע פּלאַנעטע פּלאַנעטע. שפּאָגל־נייע פּלאַנעטע מיט גאַזוואָלקנס דיקע. און אַ מאָדנע שטילקייט. און אַ קראָענהייזעריק וואָס טראָגט זיך. אין לאַנגע טשאַטעס איבער דער נייער פּלאַנעטע. און קראַקעט און קראַקעט. נאָר ביימער — וויינען מיט צווייגן צעריסענע. נאָר ערד געשענדטע וויינט מיט אַ צעריסענעם בויך. נאָר אין דער לופט גייען־אַרום קרעכצן אָן מענטשן. נאָר דער הימל גאַזפאַרשלעפּערטער גלאָצט אויס קעלבערנע אויגן. — וואו בין איך.

טרופּן גייען. טרופּן טראַמפּלען. טרופּן פאלן. טרופּן טריאומפירן. טרופּן שטאַרבן. טרופּן שאַלן. איבער וועמען טריאומפירן טרופּן. צו־ליב וועמען שטאַרבן טרופּן. טרומפּצוגן גייען גייען. שלאַכט־הויז פאָנען ווייען ווייען. טרומפּצוגן פירן צעבלוטיקט בראָכוואַרג פון מענטשן. פון טרומפּצוג קאַפּעט בלוט בלוט. טרומפּצוג גייען דורך טויטע שטעט שטילע שטעט. פאַרלאָשענע שטעט אָן פייגל אָן פּי. איינציקע קראָעס זענען שוואַרצע פאָנען וואָס פלאַטערן פאָרויס. — פאַר די טרומפּצוגן. דער איבערגעשניטענער פעלקערקאָפּ טריאומפירט. אַף דער ערד ליגנדיק איבער דעם טאָרסאָ. דער טאָרסאָ האַלט אַ פאָן אין דער האַנט. און די פאָן שפּיצפאַרנעצט אין בלוט. פלאַטערט אין פורפורנעם מאַגייפע־ווינטל.

ראָבן ראָבן ראָבן. ראָבן אומעטום אומעטום ראָבן. ראָבן פליען פאָרויס מיט שוואַרצע בסורעס אויף די פליגלען. ראָבן שרייען הוררא רא רא. קוואָרים־כאַיעס יאָזשיגע כיטרע שאַרפנעגלדיקע. שטעקן קעפּ־לעך אַרויס פון ערדנלעכער צעריסענע סמאָלנדיקע. שמעקן בלוט מענטשנבלוט בלוט. צעלאַכן זיי זיך ווי דאָס אומגליק פון גאָר־דער־וועלט. ווי פון גאָר דער וועלט ס'אומגליק לאַכן קוואָרע־כאַיעס. כאַ־כאַ־כאַ־כאַכאַ. אַך־אַך־אַך־אַך.

טרופּן גייען. טרופּן טראַמפּלען. טרופּן פאַלן. טרופּן טריאומפירן. טרופּן שטאַרבן. טרופּן שאַלן. טרופּן. טרופּן. טרופּן. שריט. שריט. שריט. גענזשריט. לויפשריט. ראָבענשריט. פוקסנשריט. טויטשריט. שריט שריט שריט. גלייכע שריט. שריט שריט שריט. די מענטשהייט גייט גייט. די מענטשהייט גייט מיט ווינטפאַרפלאָמטע פאָנען צו אייגענער לעוואַיע. די מענטשהייט איז פון זינען פון זינען. זי פויקט זי פויקט זי פויקט. איך בין פון זינען בינעך בינעך בינעך. פון זינען פון זינען פון זינען. שריט שריט שריט גלייכע שריט. אַלע זענען מיר פון זינען — גאָט זיי דאַנק. נו גאָט זיי דאַנק אַלע אַלע אַלע אַלע. גאָט זיי דאַנק גלאָרי גלאָרי גלאָרי. אָווער די טאָפּ די טאָפּ די טאָפּ. דזשאָן אָווער דהי טאָפּ דזשאָן. אָווער אָווער דזשאָן די טאָפּ די טאָפּ דזשאָן. שטעכדראָט — שטעכדראָט. פלייש מאַזשעט זיך. פלייש ווערט שמאַטע שמאַטע. בלוטיקע שמאַטע. צעקראַוואַשעוועט מענטשנפלייש. קוילנוואַרפערס שטעפּן שטעפּן שטעפּן שטעפּן. — אַ טויט טייערער וואו ביזטו. — וואו ביזטו טויט איך בעט דיך. — טייע־רער טויט נו־שוין אייל דיך. — וואָס וואַרטסטו טויט טויט וואָס האָסטו מיך פאַרלאָזן אַז דאָס לעבן איז אַזוי ווייט הינטער מיר הינ־טער מיר. טויט טויט טויט. — טויט האָב ראַכמאָנעס. — געלייטזע־ליקטער טויט — בענטש. טויט טויט טויט. אויגדעקל נאָך אויגדעקל פאַלט צאַרט איבער אַ פּלאַנעטע. פּלאַנעטן לעשן זיך געלייטזעליקט אונטער די פאָרהאַנגען פון שטילע וויעס. אויף וועלכע קינדער־טרערן וואונדערן־זיך קעגן דער זון. און די זון זאָגט זיי עפּעס אַ קלוגס אַ שטילס פאַר אַ נאַדייזשנע.

טרופּן גייען. טרופּן טראַמפּלען. צעטראַמפּלען ס'ערץ פון דער וועלט. איבערן האַרץ פון דער מענטשהייט שפּאַרנירט. ס'ווילד פערד פון מילכאָמע. מילכאָמע. מילכאָמע. מילכאָמע. נאָ מענס לענד נאָ מענס לענד. נאָ־מענס — מען. נאָ־מענס — מען. שקלאַפּן שקלאַפּן שקלאַפּן.

THUMBS DOWN!

צעזאַר גאַיוס זיצט אין דער אַרענאַ־לאָזשע און קוקט־צו. ווי די ווילדע

טיגערן ווערן ארויסגעלאָזט פון די שטייגן. און דער שקלאַף ציטערט און העלדירט. און שוויים גיי אים פון די שליפן. און דערך די ציטער־דיקע דאַרע ריפּן — זעט מען דאָס האַרץ שרייען. און אויגן־ווייסלעך זענען פול מיט לעצטע מינוטן. נאָר צעזאַר גאַיוס לאָזט צוויי גראָבע פינגער אַראָפּ. און דער טויט צעברילט זיך. און דער שקלאַף ליגט פאַרצוקט אין מויל פון טיגער. און צעזאַר גאַיוס פּאַטשט בראַוואָ. — גוטער שקלאַף. — געשטאָרבן פאַר צעזאַרן. — לאַנג לעבן זאָלן מיינע טויטע שקלאַפן. צעזאַר גאַיוס לאַכט. צעזאַר טוט־אָן מ'האַרמאַלין מאַנטל און לאַכט. צעזאַר גאַיוס שפּיגלט זיך אין זיין קרוינהוט און לאַכט. צעזאַר גאַיוס קנייפּט ס'ליב פון זיין קורטיזאַנע. און לאַכט. פון אַ באַרג מיט שאַרבנס מענטשלעכע. — רינט דער קוואַל וואָס איז צעזאַר. אַף אַ יאַם מיט בלוט. גייען צעזאַרס טרירעמעס.. — שווימט די לעגענדע פון „פּערפעקטוס מאַרום". אַף אַ שפּיץ פון באַרג. מיט מענטשנביינער. שטייט צעזאַר גאַיוס. און ווערט הויך.

צעזאַר איז באַזויפן מיט וויין און בלוט און גאָלד און זנוס און טרומפן. צעזאַר ליגט מיט אַ האָריקן פּוס פון בעט אַרויס. און שמייכעלט פון שלאָף. נאָר אַ שטיל קעצל שלעפּט אַראָפּ ס'טישטוך מיטן צאַנקיקן וואַקסנלעכט. און די כופּע־פּירה'ענג פון צעזאַר גאַיוס' בעט. נעמען שטילערהייט ברענען און לאַכן. כאַ־כאַ־כאַ לאַכן די פלאַמיקע ראַנדן. כאַ־כאַ־כאַ לאַכן די שפּיצן פון ערעוו־סרייפעס.

אַ פּעלקער פון דער וועלט. אַ שקלאַפן פון דער וועלט. אַ הערט ווי טרופּן גייען.

טרופּן טרופּן טרופּן. טרופּן גייען טרופּן טראַמפּלען. טרופּן פאַלן טרופּן שטאַרבן. טרופּן שאַלן טרופּן טרומפּירן. אַף וועמען גייען טרופּן. פאַרוואָס גייען טרופּן. ווער באַוועגט מיט די פּופּן. פון בלוט און טויט. פון בלוט און טויט. צעזאַר יוליוס באַוועגט די טרופּן די פּופּן. הואווער באַוועגט די טרופּן. הינדענבורג באַוועגט די טרופּן. מוסאָליני באַוועגט די טרופּן. מאַקדאָנאַלד באַוועגט די טרופּן. פּיל־סודסקי באַוועגט די טרופּן. טאַרדיע באַוועגט די טרופּן. אַלקאַלאַ זאַ־מאָראַ באַוועגט די טרופּן. יאָרגאַ באַוועגט די טרופּן. צעזאַר גאַיוס באַוועגט די טרופּן. צעזאַרס גאַלעאָן־שקאַלפּן. שוויצן בלוט צום טאַקט פון האַרטאַטאַרס צוויי האַמערס. פונדרויסן האָבן די גאַלאָנען פּור־פּורנע זעגלען. און געגילדעטע האַליץ־שאַלעכצן — און אין בויך פון שיף גליעט אַ זיפץ — די גרויס ווי ס'האַרץ פון טויזנט שקלאַפן. און אז „באַרבאַרן" באַפאַלן צעזאַרס גאַלעאָן. ווערט דער סיגנאַל גע־געבן און די לויזגעלאָזטע שקלאַפן פון ביידע גאַלעאָנען. האָקן זיך

איינס ס'אַנדערע מיט העק איבער די קעפּ. — ביז אַ גרויסער פליישׂ־באַרג מיט ציטערדיק, צעהאַקט מענטשנפליישׂ ליגט אין פרישן גליוווער. און טייכן מיט ברודער־בלוט נעצן ס'פּאָנים פון דער ערד. און אַ רויטע כמאַרע גייט־אויף פון דעם באַרג מיט אייגן בלוט און פלייש.

טרופּן גייען. טרופּן טראַמפּלען. טרופּן טרומפּירן. טרופּן שטאַרבן. טרופּן שאַלן. עי פעלקער פון דער וועלט. עי פּראָלעטן פון דער וועלט. עי ברידער. אין נאָמען פון אַלע פּיינען וואָס מיר שטייען אויס. פון אונזערע שעכטמייסטערס. עי ברידער. אין נאָמען פון אַלע טויטן וואָס מיר שטייען אויס. פון אונזערע שעכטמייסטערס. עי ברידער אין לעבעדיקן טויט פון הונגער. וואָס איז ערגער פון אַלע טויטן פון דער וועלט. עי ברידער אין די טרופּן. עי טרופּן טרופּן. שטעלט זיך אָפּ שטעלט אָפּ קאַנאָן און פערד. בלייבט שטיין טרופּן אַף אַלע בלוט־וועגן פון דער אימפּעריאַליסטישער וועלט. בלייבט שטיין ברידער אין לעבעדיקן טויט פון הונגער. וואָס איז ערגער פון אַלע טויטן פון דער וועלט. בלייבט שטיין. — קוקט זיך אָן איינער אינם אַנדערנס אויגן. אין די ריינע אויגנשפּיגעלעך פון פּראָלעטישע ברידער קוקט זיך אָן. קוקט זיך אָן ברידער און זעט די בלוט־האַנט פון צעזאַר גאַיוס. די בלוטיקע האַנט פון אַלע צעזאַרס. וואָס ציט ס'שטריקל פון די טרופּן וואָס גייען. גייען גייען. פאַלן פאַלן פאַלן פאַלן. שאַלן שאַלן שאַלן. שטאַרבן שטאַרבן שטאַרבן. ווייקן די ערד מיט זייער בלוט דורך מיט זייער בלוט דורך. בלייבט שטיין טרופּן און זעט און הערט און קוקט זיך אום. זעט און הערט און קוקט זיך אום טרופּן אַף אַלע שלאַכטפעלדער. אין אַלע נאָ־מענס לענדער. קעגן וועמען גייט איר. קעגן וועמען הייבט איר אייער שווערד. אַף וועמען וואַרפט איר מיט אייערע קוילנוואַרפערס. אַף וועמען וואַרפט איר אייערע טויטלעכע גאַזן. — אַף מיר ציסטו דיין שווערד, בידנער ברודער. — אַף דיר צי איך מיין שווערד בידנער ברודער. אַ ברודער אין לעבעדיקן האַרץ. צי קריק דיין שווערד אין שייד אַריין. נאָר ניין — האַלט דיין שווערד אַנטבלויזט. און קוק דיך אום ווער איז דיין סוינע. — דיין סוינע ווער איז ברודער. — בין איך דיין ברודער דיין סוינע. — בין איך דיין פריינט דיין פיינט. די בלוט־האַנט וואָס הויבט מיך אויף צו שלאָגן מיין אייגן פּאָנים. די בלוט־האַנט פון צעזאַר גאַיוס. הויבט אויך דיין האַנט אויף צו שלאָגן מיך דיין אייגן פּאָנים.

טרופּן טרופּן. אַרבעטער אַרבעטער אַרבעטנדיקע. ברידער אין אַרבעט ברידער אין נויט. ברידער אין אומצאָליקע יעסורים פון ברויט. ברידער פּראָנטאָוויקעס. ברידער סאָלדאַטן. ברידער מאַרינען.

בלייבט שטיין און קוקט זיך אום. מיט אנטבלויזטע שווערדן אין די אויגן. אין מאָרד און אין קויט און אין בלוט — האָט מען אייך געזאַלבט. — מיט ברודער־מאָרד אַ ברידער. — ווער האָט אייך מיט ברודער־בלוט געזאַלבט ברידער. — צעזאַר גאַיוס האָט אונז אין ברודער־בלוט געזאַלבט ברידער. — ווער איז אונזער פיינט, ברי־דער. — צעזאַר גאַיוס איז אונזער פיינט, ברידער. — שווערט־זשע אונטערן הימל באַ די פרוכט פון דרערד. באַ די גראָזן פון די פעלדער באַ די וואַסערן פון די בערג. באַ דעם זויערשטאָף אין דער לופט. באַ האַק און האַמער און נאָדל און נאָל און פויסט און פאָן. אַז צעזאַר גאַיוס איז אונזער איינציקער סוינע. און אַז נאָר צעזאַר גאַיוס. און אַז נאָר פילסודסקי. און אַז נאָר ברינינג. און אַז נאָר מאַקדאָנאַלד. און אַז נאָר די סאָציאַל־באָרדזשיאַס. און אַז נאָר די גאָלדבאַנקירן. און נאָר די פאַבריקאַנטן. און נאָר די שפּעקולאַנטן. און נאָר די באָרדזשיאַ־אינטעליגענטן. און נאָר די צעזאַר־דעמאָקראַטן. זיינען אונ־זערע סאָנים סאָנים סאָנים.

אין אַטאַקע, טרופּן. טרופּן אין אַטאַקע. אָוועק דהי טאַפּ טרופּן. איבערן שווארצן ראַנד אַריבער רויטע טרופּן. געריסטעטע טרופּן. טרומפּירענדע טרופּן. רויטע טרופּן. פּויערים־טרופּן. אַרעמקייט־טרופּן. פּאַרטיזאַנען־טרופּן. אָוועק דהי טאַפּ טרופּן. מיט די באַגנעטן צו צעזאַר גאַיוסעס האַרץ. טרופּן. מיט די גרויסע „בערטאַס" אויף די קליינע צעזאַרס. אויף די קליינע פּילסודסקים אויף די קליינע מוסאָלינים. אויף די קליינע היטלערס. מיט די האַנט־גראַנאַטן. — אַ פּייעדיקן סאַ־לוט צעזאַרן. מיט די קוילנוואַרפערס אַן ענטפער טעלעגראַפירן יוליוס צעזאַרן.

טרופּן טרופּן טרופּן. סטרייק־טרופּן. באַריקאַדן־טרופּן. קריזיס־טרופּן. אַרעמשאַפט־טרופּן. הונגער טרופּן. טרופּן טרופּן דערוואַכט. וואַכט אויף טרופּן.

טרופּן גייען. טרופּן טראַמפּלען. טרופּן פאַלן. טרופּן שאַלן. טרו־פּען טרומפּירן.

וואוהין גייען טרופּן. — אין צעזאַר גאַיוסעס פּאַלאַצן. — ווע־מען טראַמפּלען טרופּן. — צעזאַר גאַיוסעס שטיינערן האַרץ. — פאַר וועמען טרומפּירן טרופּן. — פאַר דער מענטשהייט פאַר דער ציוויליזאַציע. איז גוט טרופּן. איז מוטיק און הויך די הערצער און די פאָנען. און די ביקסן טרופּן. אין אַטאַקע רויטע טרופּן אין אַטאַק. קעגן אַטאַקירער — אין אַטאַק.

דער צעזאַר־גאַיוס־קריג זאָל אַ מעסער אונז אין פּלייצע נישט אַריינשטעכן. דעם קריג אָנקענגגיין טרופּן. דעם קריג באַגעגענען. אים גלייך אין די אויגן אַריינקוקן. אים דעם שטערן צעשפּאַלטן מיט דער שווערד.

אין אַטאַק אין אַטאַק אין אַטאַק טרופּן. דער רויטער זיג ליגט אונז פֿאַרויס טרופּן. בלויז זיך אויסדרייען מיטן פּנים צום טויט. און מיטן בלאַנקן שווערד אין זיין געשטופּלט פּנים.

אין אַטאַק אין אַטאַק אין אַטאַק טרופּן. אַלע טרופּן איניינעם אונטער איין קאָמאַנדירונג. אַלע טרופּן איניינעם אונטער קאָמינטער־נישער פירונג. אין אַטאַקע אין אַטאַקע אין אַטאַקע טרופּן. אין אַטאַקע פּראָלעטנטרופּן פֿאַראייניקטע. פֿאַראייניקטע אַלוועלטלעכע טרופּן אין אַטאַק אויף די אַטאַקירער.

פּראָלעטנטרופּן גייען. פּראָלעטנטרופּן קומען. פּראָלעטנטרופּן טרו־מייטערן. פּראָלעטנטרופּן טרומפּירן. אין לעצטן קאַמף. אין טויטלעכן קאַמף. מיטן קלאַס פֿון הענדלער און הערשער און הענקער. און רוי־בער און פּיראַטן און וואַנדאַלן און באַסעס. מיטן קלאַס פֿון אַלע צעזאַרס. פֿון יוליוס ביז באַרדזשיאַ ביז הואווער.

אין אַטאַקע. אין אַטאַקע פּראָלעטאַריער. פֿאַר דער נייער וועלט דער פרייער. אינם קלאַס־פּלאַס אינם פייער רייניקט זיך. פּראָלעטאַ־ריער פֿון דער גאַנצער וועלט. — פֿאַראייניקט זיך.

גבעבורט

דער הימל איז רויט נישט ווי הימל איז רויט. אַז ס'זעצט זיך די זון אָפּדערנאַכט. דער הימל איז רויט מיט סאַרפּיקן גלי. וואָס סמאַליעט די קניע פֿון דער נאַכט.

אין שרעקלעכן טאָל וואו ווינט גייט צו־קינד. מיט ענגער און וואונדיקער טראַכט. עם שרייט אין יעסורים דאָס נייע געבירט. אין הימל אַ בעלמע נאָר וואַכט.

וואָס גייט דאָרט צו־קינד. וואָס קומט אויף דער וועלט. וואָס גליעט די זון ווי אַ שטיין. דאָס האַרץ איז אַ פּאָן וואָס פֿלאַקערט אין ברוסט. דער ערד איז אין צייט־פּלאַס אַ שפּאָן.

דער ריז אויף זיין דלאָן האַלט קאַרליק־געשפּענץ. און קאַרליקס געהייל איז אַ גרויל. אַ מאַזלטאָוו טראָג זיך אויף עקן פֿון שרעק. ס'שטייט דער טאָג מיט אָפֿענעם מויל. —

ווי לעמער פון פייער א טשערעדע גייט. — אין רויכיקע וואלקנס פון שלאכט. דער הימל איז רויט ווי דער הימל איז רויט. אז ס׳גייט אויף די זון אפדערנאכט.

די בעלט

(אין דער הונגער־דעמאנסטראציע בא פארדס פאבריקן, כוידעש מערץ, 1932, זענען 5 ארבעטער דערשאסן געווארן פון פארדס פאליציי.)

די „בעלט" וואס פראדוצירט די מאסן־נויט. ציט זיך היינט א גוטע מייל די לענג. אין ווינטיק־הודזשעדיקן פראסט פון שטאט דעט־ראיט. ציט זיך היינט די „בעלט" די בעלט.

עס ברעכן קוימענס מיילער רויך. עס פלאקערן ווינטן רעוואלו־ציאנערע. די בידע זאמלט־אויף איר זויערן קויעך. עס קלינגען אייל־טריט וועלפישע און שווערע.

פארדס נייער אויסגעבעסערטער „מוסטער־פורעם". א ביקסנקויל אין בויך אריין פאר מיטאג. טאג ברענט מיט פראסט און פייערדיקן צארן. א מאלצייט פריש מיט רויך און בלוטיק.

נאר די „בעלט" גייט פאלט איינער בא דעם ראד. די „בעלט" וועט זיך צום ציל אלץ שפארן. די רויטע פאן אף דרערד — א טיכל בלוט. און פים צעשמירן עם אף טראטוארן.

די „בעלט" גייט די לאנגע הונגערבעלט. דעטראיטער ארימקייט גיט קינד און קייט צעשטייער.עס שפייט בעהאלע־פלאם דער „ריווער־רוזש". און פאליציי זי שפייזט מיט פייער.

די „בעלט" גייט און מארד און בליי און טויט. גייט־מיט רייסט־איבער אף א ווייל. נאר עס וועט זיין אפגעגעבן ברויט. מיר וועלן באלד א טרעסע טאן די זיילן.

מיר בעטן ברויט גיט איר בליי אין בויך. מיר פאדערן לעבן — טוט איר אונז דערמארדן. איר שפייט מיט ביקס און גאז און וואַ־סער־שלויך. אף אומבאוואפנטע הונגעריקע הארדן.

עס וועט די „בעלט" אייך אינם גאנג צעמאלן. דיין ביינער־שטויב צעווארפן אף די יאמען. ווי מיסע האר עס וועט די שווערד אייך גאלן. ווי וואלקנבראך וועמיר אייך פארשווענען.

און „בעלט" וועט גיין איר ריטמיש־רויטן גאנג. (ווי פארבאשטימט פון מארקסן און פון לענין). דער פונקבליץ פונם שנעלפארקלעמטן צוואנג. וועט גיכער נאך די פינצטערניש צעברענען.

און דיך א מוסטערמערדער הענרי פארד. דיך וועלן מיר גע־

דיינקען פאַר דיין „טעכניק". דעם טויט פון הונגעריקע — דעם מאַסנ־מאָרד. מיר וועלן דאָס פאַרשרייבן אַף דיין רעכענונג.

הונדערטער געמאָרדעט אין „ספּיד־אַפּ". טויזנטער אין הונגער־קלעם דערוואָרגן. אין הימל פלאַמט צעשפּאָלטן־בלוטיקער קאָפּ. זאָגט אָן דעם אָנקום פון אַ רויטן מאָרגן.

צו זיי...

אַ מענטש איז מענטש דאָס ווייסט איטלעכער וואויל. נאָר איינער ווער אַ בעסערער מענטש דורך אַ קויל. דאַרף מען טאַקע אַפּאַ גאַנג נישט צו זיין פויל. און טוער ווי סי פּאָדערט די צייט. און טוען ווי סי פּאָדערט די צייט.

„מיזרעך איז נישט מיירעוו" זאָגן פרומע קריסטן. זיי זאָגן דאָס אומיסטן. די ציילעם־קעפּ די בלוטיקע פאַשיסטן. — אַ בראָך צו זיי. אַ בראָך צו זיי.

מ'האָט אַמאָל געגלויבט אין קיניג און אין הערצאָג. נאָר מיר פאַרזיכערן אייך אַז אין נייַנצן־פערציק. וועט אַ פּראָסטער שוסטער אַ ליאַדע בערטשיק. האָבן זיי אַלע אין דרערד. האָבן זיי אַלע אין דרערד.

עס גיט צו יעדער צייט פירער וואָס פאַרפירן. אַמאָל איז דאָס געוועזן — גראָסוויזירן. היינט זענען דאָס אַנדערע וויזילטירן. — אַ בראָך צו זיי. אַ בראָך צו זיי.

פּאַר בולקע־פּלעץ. ראָסלפליישׁ. פּאַטשטעטן. פאַרקויפן זיך „נעוויי־אים" און פּאַעטן. נאָר איך קען מיך מיט אייך וועטן.—מיר וועלן זיי אי־בערלעבן. מיר וועלן זיי איבערלעבן.

עס האָט איר פּאַרעם צייט דער שקלאַוו שוין גוט באַגריפן. — אַז ס'זענען זיינע פריינט נישט די קאַליפן. און פון די פויגלצייכנס אַף אַלטע הירעגליפן. ווינקט אַרויס די פויסט. די פויסט פון שקלאַוו.

ערשט נעכטן האָט דער מענטש דער פּראָסטער. געגלויבט אין אַדוין־אוילאָם און פּאַטערנאָסטער. היינט גלויבט'ן אין אַזוינע ווי ביל פּאָסטער. און אַנדערע לעניניסטן. — וואָס טאָן צום קאַמף אונז ריסטן.

באַ היינטיקן טאָג פאַרשרייבן מיר אין רויטע ספּאָרים. — אַז אין מיזרעך און מיירעוו אין צאָפן און אין דאָרעם. און אומעטום וואו מענטש איז נאַקעט און אָרעם. זענען זענען אַלע ברידער. זענען אַלע ברידער.

„טרעפיק לייטס"

צום ערשטן גרין. בליענדיק אומרעכט. פאר די פוסגייער. פאר קנעכט. די פריצימס גרין פון האפן. אז געשטראפטער. וועט נישט שטראפן. אז נאך א רעגע. און — באוועגונג. און אלע ווייטע וועגן. זענען ווייטער אפן.

דערנאך געל. איבערגאנג־צייט. דעקאדענץ. רו. און טאיווע. גאלד און גאיווע. און איצט דער 3טער צייכן רויט. בורזשוי האלט. ווילדער פלאנטער־אומזין. אפגעשניטן מיט א מעסער. אויסגעפלאנטערט. ווארטען. לודערס. ווארטן ביז די פוסגייער. וועלן דורכגיין. אין יענער זייט. וואוהין די מאסע ציט. שטילשטיין. — נישט רירן זיך פון ארט.

פוסגייער־פאלק. איצט איז דיין צייט. שטיי גרייט. גיי רואיק טריט־בא־טריט. פאלק. גיי זיכער. צו דיין גלאנץ און זיג. פאלק. ברויז־אויף. שלאג־אויף. פארפלייץ די וועלט. מיט ווייז פון רויטע קויסעם. לעשאוים. די ווארטנדיקע האנט. אף פעקארד און ראלס־ראיסעס.

דו פאלק. וואס גייסט פון אייביק אן צופים. דיין טאג שטייט איצט פאר דיר. שטאק־רויט. נו ריר דיך פאלק. גיי־דורך. וואס שטייסטו נאך. דו פאלק. אף וואס געווארט. עס האט דאך שוין. דיין טרומפ־טרומייט געשאלט. דער וועג איז איצט. אינגאנצן דיינער. דיינער. דיינער.

סאלוט שפאניע!

(צו דעם רעוואלוציאנערן גענעראל־סטרייק אין שפאניע, יאר 1931.)

אט אזוי ברידער דערשלאגענע — שלאגט. צי דיך אוים צי דיך אוים דערוואכנדיקער קלאס. צי דער פוגע לעבטיקער וואס איז אונ־ווערז. שטעך דיך אויף מיט לויטער נאדלען. מיט קראפט וואס שפריצט מיט עלעקטרישע פינקען.

אט אזוי ברידער דערשלאגענע — שלאגט. פארשארץ דעם גרויען ארבל אף דער האנט. און שטעל צו דער וואנט. די העצער און די הארן. שטאפ מיט זיי די לעבער פון גארגליקע קאנאלן. אין מאדרידס לא פוערטא דע סאל. אין ראמבלא בארצעלאנא. אין מירטנזאל פון רומפולן שלאס אלהאמבראַ.

אט אזוי ברידער שפאניער באסקן. אנדאלוזן גאליצינען אשטו־ריער קאטאלאנען. אף מאדרידס העכסטער שולע — העכסטע פאנען. און שרייבט מיט שארף פון שווערד אף בײַן און הויט. „רויט אדער טויט".

בריל שפּאַניע רעווע ווי אַן אָקס געשטאָכענער. פון קאַרליק־פּיקאַדאָר. וואַך־אויף גיגאַנט און גיב אַ טרעס די זיילן פון דער ערד. אַז פאַלן זאָל דער הערשער פון זיין פערד. אין וויסטע קלומפּנס פאַכעד אָל זיך קנוידערן. דער גאַלעך קיניג פּאָריץ. אַ שוידערן זאָל גיין זיי איבער רוקנביין. פילנדיק דיין פויסט — דיין לעבעדיקן שטיין.

אָט אַזוי ברידער שוועסטער פאָלק דערשלאָגנס — שלאָג. פאַראייניקט אין אַ ריזיקער קאַוואַלקאַדע. דורך טאָלעדאָ גראַנאַדע וואַלאַדאָליד. דורך אַלע לאַנד־אָדערן און ווענעס. פון באַרבאַסטראָ ביז וואַלדעפּעניעס. פאָרויס פאָרויס קיין באַרצעלאָנאַ — מיט אויפגעוויקלט רויטע פאָנען.

פאַלנדיק און שטייגענדיק

1

פאַלנדיק פון צוועלפטן שטאָק. פון דער עמפּייר־סטייט־בילדינג. האָט טים ענגלוואוד בוכהאַלטער באַ מייסים. געזען ברענעדיקע פּראָפּעלערס פון אַן עראָפּלאַן. אַ הילצערן פאַרמשטיבל אין קאָנעקטיקוט. מיט אַ פּלימפּ אַרום וועלכן קויטיקע בעהיימעס טאָפּטשען־זיך. אַ מיטינג פון די „עלקס" וואו אַלע זענען שיקער. אַ לעצטן פּעי־ענוועלאָפּ מיט אַ צעטעלע. „דו נאַט רעפּאָרט טו וואָירק אָנטיל פוירטהער נאָטיס". אַ פרוי מיט אַ הויכן בויך. אַ בילמעדיק ראַזיר־שפּיגעלע מיט אַ געל פּאָנים — הויט־און־ביין. אַ האַלב־לעבעדיקע פליג אַף אַ גלאָז אָפּגעשטאַנען ביר. אַ פערטן דזשוליי מיט פּאַפּירענע ווייסעט־פּייפּעלעך און קלינגערייען. אַ מאַרדי־גראַ אין קוני איילאַנד. און אַ גראָבן רייסטער מיט ציפערן ציפערן ציפערן. און אַ 32 יאָר יאָר ווי 32 קאַנטיקע שטיינער וואָס פאַלן אים אין קאָפּ אַריין. און אַ נעגער־ספּיריטשועל „סווינג לאָו סוויט טשעריאָט". און אַסאַך אַסאַך אויגן וואָס רינגלען אים אַרום און זאָגן. „די דעפּרעסיע איז שוין אַריבער. די דעפּרעסיע איז שוין אַריבער".

2

שטייגנדיק אין עלעוויטאָר צום פופצנטן שטאָק. פון דער עמפּייר־סטייט־בילדינג. אין ווילדן געיעג נאָך אַ דשאָב. האָט ביל גיסינג געטראַכט פונם פּאָליסמאַן. וואָס איז אים נאָכגעלאָפן ביז דער בלעכבאַשלאָגענער דאַך־טיר. פון אַ טענעמענט־הויז אין זעקסטער עוועניו. און ווי ער האָט אים אונטערגעשטעלט אַ פוס און יענער. האָט דער־

לאנגט אַ קנאַק־אַראַפּ ווי אַ זאַק־מעל. און פון קאַטנפּעלד אין דזשאָר־דזשיא. וואו ער זיצט באַנאַכט מיט אַנקל־טאָמס אייניקלעך. און רעדט צו זיי פון רעוואָלוציע. און ווי די אויגן גלאַנצן און ווי שענטים ווערן פול. מיט ליכטיקע שפּיגלשויבן פון האָפענונג. און פון דעם יוניט־מיטינג וואָס ער האָט היינט באַנאַכט. און פון דעם אַרבקאָרישן אַר־טיקל וואָס ער דאַרף שרייבן. וועגן דעם דזשענטעלמאַר פאָרד. און וועגן איוואַר קרוגערס זעלבסטמאָרד — וועט ער שרייבן. אַז ער איז געווען אַ וועלט־אונטערצינדער און אַז דעם שוועבעלע־קעניגס. זעלבסט־מאָרד איז סימפּטאָמיש פאַרן סאָף פון די אימפּעריאַליסטישע אונ־טערצינדער.

און אַז ביל גיסינג איז דורך אַ מילכגלעזערנער טיר. אַריין אין אָפיס פון „מ. גריידי קאָ. פלאָמבערס”. און דערזען דעם באָס מיט ני־קעלנעם געראַזירטן פעטן קאָפּ. די גראָבע פינגער אין די שלייקעס. און אַ גרויסן ציגאַר אין מויל. און דערזעלבער גרויסער ציגאַר האָט געזאָגט. — „טו לעיט מיי באָי”. האָט ביל גיסינג געשמייכלט אין זיין ליידיקן דינעם בויך אַריין. זיך אונטערגעפּייפט „האָלד דהי פאָרט פאָר ווי אַר קאָמינג”. געטראַכט פון זיין יוגנט פון זיינע שטאָלענע מוסקלס פון זיין ריזיקן קאָל. פון זיין גרינג־ליכטיק געמיט. און געטראַכט אַז „צו־שפּעט” איז בלויז פאַר אים. דעם גראָבן כאָליערניק מיטן ניקלנעם קאָפּ. אָבער פאַר אים פאַר ביל גיסינגן דעם „רעביד קאָמיוניסט”. איז נאָך זייער פרי. און אַז די גאַנצע וועלט און ס׳גאַנצע לעבן. ליגט אים פאָרויס פאָרויס.

אַ פאַרגעסן וואָרט

האָסט איינמאָל אַ וואָרט נאָר פאַרגעסן. אוי ווערט עס דיר טייער. דו וועסט עס שוין זוכן און זוכן. אָן אויפהער אָן אויפהער.

האָסט איינמאָל אַ וואָרט נאָר פאַגעסן. — ווי איינפאַך דאָס וואָרט זאָל נישט זיין. עס וועט זיך דיר דאַכטן דאַכטן. דער סאָד פון דער וועלט איז אין דעם.

האָסט איינמאָל אַ וואָרט נאָר פאַרגעסן. אַ וואָרט אַזוי פּאָשעט און גרוי. דו בייקנסט אַלץ נאָך אים און דו צערסט זיך. עס דאַכט דיר ס׳איז וויכטיק אַזוי.

הענט

א בראָכע אַף אייער קאָפּ איר הענט אָרנטלעכע. וואָס שמעקן מיט אויל און מיט סאָזשע. מיט ערד און מיט הנאָי. מיט דיאָכט מיט ליים. מיט כעמישע סאַמען.

אַז איך זע ווי איר ליגט אַף די קניעס נאָך אַ טאָג ארבעט. און איר שלומערט ווי מידע וועלפלעך. אַף פּעביקע קניעס. אַז איך זע ווי איר רייסט די קעשענעס. וואוהין איר שטופּט זיך ווי פּאַראַקשנטע בערן אין אַ שקאַרמיץ. אַז איך זע די הענט וואָס האָבן באַשאַפן. אַזאַ הונדערט-שטאָקיקע פּאָעמע. אין באַלויכטענע גראַמען — ווי די עמפּייר-סטייט-בילדינג. אַזוינע פּראַכטן ווי די עלעקטרישע דינאַמאָס און דיזל-ענדזשינס. און הענג-בריקן. און שטאָל-גיסערייען. און ברויט-פעלדער. און אַלצדינג וואָס מאַכט ס'לעבן. שיין און גרוים און אַקוראַט. אַז איך זע די גוואורע די געדולד. די קאַמפּגרייטקייט. אַף די הענט צעבלו-טיקטע אין קייטן פון „געזעץ". צעזשאַווערטע אין קייטן פון ארבעט-לאָזיקייט. אַז איך זע די הענט וואָס וועלן מאָרגן. בויען בּאַריקאַדעס. און אין וועלכע מערדער וועלן טשוועקעס אריינשלאָגן — קוק איך אַף מיינע אייגענע הענט. וואָס זענען אָפּגעוואוינט שוין עטלעכע יאָר. פון שווער געצייג. (אַכוץ אַ פּען אַ בלייַשטיפט און אַ בוך). און איך זאָג צו מיינע צוויי דלאָניעס: געדענקט נישט מיד ווערן כאַלילע. נישט אַראָפּלאָזן זיך אין דער לעצטער מינוט. ווי ס'האָבן זיך אַראָפּ-געלאָזט. אַסאַך אַזוינע הענט אינטעליגענטישע. מיט אַלע אָרנטלעכע הענט איניינעם צו די באַריקאַדעס. מיט אַלע גראָבע אָרנטלעכע הענט איניינעם. צום בוי-ווערק פון אַ נייער וועלט. אונטער האָגלען פון שראַפּנעל. אונטער שלאָקסן פון פייער. נישט דעזערטירן לעמאַנעשעם. איר געצערטלטע הענט. פון אַן אינטעליגענט. נאָר איניינעם מיט אַלע האָרעפּאַשנע הענט. העלפן ארויסטראָגן די וועלט פונם פייער. דערכן פייער. צו דער זון.

הינטערן פּאַרמהויז

הינטערן פּאַרמהויז ליג איך. אַף דער קיילעכדיקער באַנק וואָס ארום דעם דעמבעשטאַם. די אויגן אָנגעהאָנגען אין דעם לויטערליכ-טיקריינעם. בלאָען שיינעם. ווייט-און-ברייטן גאָרנישט. אַ ווייזעלע קומט פון אונטערן גאַניק. און קוקט אַף מיר מיט זיין עק ווי מיט אָנגעשטערקטן. בווינגנעפּיל. און עס רוישט ארויף. (דערך פּולס און בלעטער). די פרייד די פרייד. טוליע איך צום דעמבעשטאַם. מיין

הארץ. און ווינטש מיר: עס זאָל אַריינוואַקסן. אין רווישנדיקן דעמב. אַף אייביק אייביק אייביק.

מאָרגן

טעג זענען פּערלמוטערנע מויערקעפּלעך. אינעווייניק שלאָפט געדרויש און אָטעם. גערויש און אָטעם שלאָפט אין די מויערקעפּלעך. ס'איז ציטערדיקער פון אַלץ דער ווייכער שאָטן.

טעג קומען מיט ברויט ווי בריסטן. פּאַכוועס זענען נאַס מיט הייסן שווייס. שפּיגלגלעזלעך גלאַנצן אַף די מיסטן. זומפּן פּעבלען מיט אַ נאַפּטינעם גלייז.

ברעזעס שטוצן מיט די שטייפע לענדן. סענציטיווע ענדן זוכן ראַדיאָשפּורן. און וואו דו זאָלסט ס'מידע אויג נישט ווענדן — זעסטו ווי די פליגן קופּלען הורן.

אָ וועלט דו וועלט פון ברויט מיט כאַלעם. ווי ביסטו זאַט מיט „הייליקע" און קורוועס. די זוינעס טרינקען ווײַן פון גאָלדענעם שאָלן. די „הייליקע" גייען אויך נישט באָרוועס.

אָ וועלט דו וועלט פון שווייס און בידע. עס הענגט דיין הארץ א בלוטיקס אין די כמאַרעס. אָט באַלד און ס'גיסן זיך די רויטע לידער. אָט באַלד און ס'זעצט אַ פלאַם פון אַלע שפּאַרעס.

אומשטערבלעכקייט

אז טייכן טריקענען־אויס — וועט מיין נאָמען נישט אויסטריקענען? אז פעלזנבערג שפּאַלטן זיך — וועט מיין נאָמען בלייבן גאַנץ? אז שטיקער ערד רויכערן, ציטערן, ברעכן־זיך, וועט מיין נאָמען בלייבן פעסט?

איינער שלאָגט־צו זיין שאָטן צום פוסבאָדן, מיט גאָלדענע טשוועקעלעך. נאָר דער שאָטן גייט אַוועק מיט אים. און די גאָלדענע טשוועקעלעך גייען אַוועק. מיט די פיס וואָס טרעטן אַף זיי.

עס איז בעסער צו לעבן אין אַ נידריקן גראָז־וואָרצל. ווי צו לעבן אין אַ „גרויסן נאָמען".

ווי אַ שטיין

מ'אָגט — „עלנט ווי אַ שטיין". אַ שטיין איז נישט עלנט צווישן שטיינער. — דער שטיין ווערט ערשט עלנט. ווען אַ מענטש קומט און זעצט זיך אַף אים. מיט אַ קליקימקל באַם זייט. מיט אַ קלימיקל

אין האריץ. מיטן קעסטל געצייג בא די פיס. מיט מידע פיס פון אר־בעטזוכן. מיט ליידיקע שאָען ארום און ארום זיך. מיט בלעטערקרענץ מיט וואלדדופטן. נאָר מיט הייסן הונגער אין די געדערים. און מיט הימל־געשריי אין די אויגן. דעמאָלט ווערט דער שטיין אזוי עלנט ווי דער מענטש. און דער מענטש אזוי עלנט ווי דער שטיין.

נאָר אז מענטש און שטיין. וועלן זיך נעמען רירן. וועט דער שליאך ווערן פול. מיט וויס־צעגליטן שטורעם און מיט פאָנען. וועט דער שליאך נישט זיין עלנט. וועט דער מענטש נישט זיין עלנט. וועט דער שטיין נישט זיין עלנט. און דער קלאַסנבאַוואוסטער פויסט.

קאַווקאַז

1

איינגעשלאָפענע ערד־געוואָרענע יאם־כוואַליעס. זענען די קאַוו־קאַזער בערג.

אף שאַרפן פון די בערג גייט א מענטש.
געבענטשט מיט טאָג פון אַלע זייטן.

ער זייעט לאַנגע שאָטנס. אף דעם „לערמאָנטאָווער בארג". וואו טויט־געפאַרן לאַכן פון דער אויסגעהוילטער טיף. לופטיקע טויטן לאַכן אים אקעגן. מיט ציטערדיקע זיגזאַגן.

2

געגאַנגען איז א פריער נישט־ אומיסטנדיקער שניי. אף בערג פאַר־בידעשטע. ווערן קעמלען אף יאַריד קאַווקאַזער. וויס און קאַלט־פאַרכידעשט. (די האָרבאַטע ערד אַליין איז אויך א קעמל). ליכטיקס פאַלט אף סטענגעס פערד און שטיוול. אף גרין־גראַנאַטן רויטע פעפער־עפל. אף פאַטשערקעס און ברויט און סטרונעס.

די געגנט צעהויבן פויל די קרילעס. און ווערן גרויסע בלעטער שניי גאַ־גאַ־גו.

דער שניי פאַלט שטיל אין די קנייטשן־צוויקלען פון די בערג לייגט זיך גרינג אף קליינעם רעגעם פון זיין דויער.

פאַקן אַלע איין די סכוירעס. ווייל ווינטער קומט צוגיין. ווי פורים־שפיל. פרייען זיך די נעז און אויגן. און קודלעס שוואַרצע הינטער ווייסע פוטער־היטלען. שאַלעכלעך לאַכן גרינג אף אקסלען לאַבעדיקע גרינגע. יעדער שנייעלע לויפט־נאָך דעם ברודער־שנייעלע.

צו וואָרענען עס זאָל נישט פאַלן פאַר דער צייט. און פאַלט אַליין אין גאַנג.

גייט א פרעמדער פון א פרעמדן לאנד. זעט ער אלץ אין זיך אריין און טראכט: „א זשמעניע בלאנדע זון. א בעכערל מיט ווײַן. בעסער פון דאפון קען דאך גאר נישט זײַן".

3

אין די זוילן פון מײַן זאטן פוס. רוישט שניי געזאנג. רויך שמעקט פונם קוימען פון א לײַמיק שטיבל. עס זידט שאשליק אף טאטערשער בראטפאן. און שפּײַט מיט הייסן שפּייעכץ אין דער לופט.

און זי און איך. און זון און נים און טיי. און ווארעמער לאוואש און צענדליק בערג ארום. ווי יאסעף מיט די ברידער. (און הייסער ווײַן). וואס קאן דען בעסער זײַן.

4

דער טאג צעברעכט זיך. א העלפט די בערג. א העלפט די טאלן די יאדרע פונם טאג. איז רויט און זיס. און הארב און גוט.

5

ווי פערעלעך קליינע. אפן הענטל פון קאווקאזער שווערד. זענען די אלע קליינע ביינען. וואס באצירן טיר־און־טויער. פון דײַנע בלא־געקאלעכטע שטובן. — קאווקאזער דארף.

6

אף מארגן איז געווען זומער אף קאווקאז. דער בארג האט ווידער־רום געשמעקט. בעריישעסדיק. — דער סאף־אקטאבער איז געהאנגען אף די ביימער. — מיט פינקעלנישן אלערליי. צעלטן־טירן זענען אפן צו דער זון. דער הונט ליגט טריי אף אלטער שוועל. און ווינזלט מיטן עק צום דרויסן. די זון לעקט־אויס איעדן טראפּן טאג. און דארשטיק און פארשמאכט זי שמאכט נאך נאך.

פון מיר צו דיר

פון מיינע גאָר־ערשטע אַרבעטן ביז דעם
מיטלויפּעריש־און־„דעלוזיע"־פּעריאָד

פון מיר צו דיר

1.

נישט דאָס וואָרט איז דער איקער, נאָר ו ו א ו מי רעדט עס.

ווען איך זאָג דאָסזעלבע אַף די באַרגשפּיצן, וואָס איך זאָג אין טאָל, איז עס נישט דאָסזעלבע.

האָרכט זיך איין אין דער טיפער פאַרשוויגנקייט פון אָט־די רייד וואָס הילן־אַרום מיין פעלזיק שווייגן און — שווייגט מיר קריק אַנטקעגן.

ווי די צעליכטיקטע הימלען אָט־אַדאָ־אָ.

ווי די וואַסערן וואָס צעטראָגן צעבראָכענע שטילקייטן איבער ערדן גרינענדיקע.

ווי די יוני־רויזן וואָס צעבלוטיקן זייערע יונגע לעבנס, אַף זייערע שטעכעדיגע, בייזע טאַטע־מאַמעס.

ווי דער פלי־שפּרונג פון אַ וועווערקע, וואָס גיט מיר אַ היפּער פאַרביי.

ווי דער באַשיידענער יאָ־זאָג פון דעם ווערבע צווייגל, וואָס גיט צו אַז ס'איז אַ וואוילע וועלט.

ווי די מעשוגענע, מעטורעפּע וואַסערפאַלן, וואָס לויפן אַוועק פון זייער אייגענער שיינקייט.

נישט דאָס וואָרט רעדט, נאָר די לופט אַרום דעם וואָרט, וואָס האַלט עס ווי אין אַ קאַפּסעל, די הימלען אַרום דער לופט, דאָס ליכט אַרום די הימלען, די רעגע אַרום דעם ליכט, וואָס רעדט איר וואָרט צו אייך דורך מיין רויטברענענדיקן נערווענפידל — — —

עכהאָה, וואָס פאַר אַ גלי־פרישער טאָג איז מיר היינט געקומען אין וועג אַריין.

2.

צומביישפּיל.

ווען דער מענטש זאָל שטיין אַף אַן אָרט, אַריינגעוואַקסן אין דר'ערד ווי אַ בוים, און די פעלדער מיט קאָרן און ווייץ, קוקורוז און קאַרטאָפל זאָלן זיך דרייען אַרום אים. די האָריקע וועפּרינעס זאָלן קו־מען צו גיין און אונטערשפּרינגען צו זיין מויל?

ווען מעלאַנכאָלישע קי זאָלן אַרומבלאָנקען איבער די צערע־גענטע פעלדער, זיך האַלטן מיט איין פוס באַם אויער און זינגען

טרויעריגע לידער? און דער בוהאַי זאָל טראָגן אַ יאַרמולקע און לויפן צו דער קו אַט־אַזוי־אָ — מיט אַ פּאַר־רוקטער יאַרמולקע?

ווען אַ דעבעוויטשנע הון זאָל אַרויסנעמען פון אונטערן בוזעם־פליגל אַ באַלעף און קוילן דעם שויכעט און אים אָוועקגעבן צו יונגע, שוואַכע הינדלעך, וואָס מוזן זיך דערכאַפּן ס׳האַרץ מיט אַביסל שויכעט־זופּ?

ווען די פינצטערניש זאָל קענען פלאַקערן ווי נאַפט און מ׳זאָל זי קענען אָנצינדן און פאַרברענען אַף אייביק?

ווען מ׳זאָל זיך נישט שעמען צו זאָגן אין אַ ראָמאַן באַלד פון אָנהויב־אָן, אַז „ער האָט זי גע — ״נישט געקושט, נאָר אַדראַבע. (ווי־פיל מי און קאָפּווייטאָג דאָס וואָלט איינגעשפּאָרט!)

.3

זאָל איך נעמען פרעמדע ווערים און זיי געבען צו עסן די עפּל פון מיין עפּלבוים?

אוואַדע נישט.

זאָל איך דערלאָזן, אַז זיי זאָלן בויען אַ נעסט אין מיין בוים — זיי זאָלן זיך דאָרטנאַרום פאַרקריכן ביז אינם האַרץ פונם עפּל?

מיין ערד. מיין בוים. מיין עפּל.
פרעמדע ווערים — אַראָפּ!
איך בין ערד־באַלעבאָס.
מוז מיינע עפּל היטן.

עס וועט אייך נישט העלפן דאָס שטאַרקע איינשפּינען וואָס איר שפּינט זיך איין אונטער די אויפגעהויבענע הילצערנע אָרעמס פון מיין בוים.

וויקל איך אַרום אַ שטיקל שפּענדל מיט וואַטע, טונק עס איין אין נאַפט און —פאַרברען די שטילע ווערים אין זייער שטילער וואוילער היים.

און זיי ברענען, ברענען, צאַפּלען זיך שטיל, שטיל. מ׳הערט קיין פּיפּס נישט, קיין געשריי.

נישט ווי אפּיקורסים אַף די שייטערהויפנס.
האָהאָ.
ווי שטיל, פיין, איידל זיי ברענען.
זיי שרייען נישט.

און איך שטיי מיט׳ן שפּענדל וואָס איז איינגעטונקען אין נאַפט און — צינד און ברען יענע וואָס ווילן מיין קינפטיגן עפּל אויפעסן.

4.

„אין לעבן" האָט אַ קרוג אַ הענטל.
מ'זאָל אים קענען אָננעמען, ווען מ'גייט וואסער שעפּן.
אָבער אפן בילד, אפן אָפּגעמאָלטן קרוג, דאַרף מען דאָס הענטל נישט.
ווייל מיט אַן אָפּגעמאָלטן קרוג שעפּט מען קיין וואסער נישט.

5.

דאָס וואָס איך טו נעמען און דערציילן אַט־אַדאָ־אַ, איז קימאַט נישט שיין צום דרוקן.

מיר זענען געגאַנגען שפּאַצירן — איך און מיין הונט.

ער — איז זייער אַ געטרייער און האַלט פון מיר גאָר אַ סאַך.

מיינט, אַז איך בין דער קלוגסטער מענטש אַף דער וועלט.

אַז איך גיב אים אַ שטיקל ברויט, שפּרינגט ער אויף מיר — לויטער צונג צום קושן און די ברוינע שיינע אויגן זיינע זאָגן: די קלוגער, קלוגער, קלוגער באַלעבאָס וואָס דו ביזט.

קיין קליגערער פון דיר איז נישטאָ.

נאָר איינמאָל איז ער מיר אָפּגענאַרט געוואָרן — איך וועל עס נישט פאַרגעסן.

ער — אויך נישט.

עס איז געוועזן אזוי.

מיר זענען געגאַנגען שפּאַצירן אַף די וואַלד־וועגן. דער טאָג איז געווען אַ הייסער, דאַרשט־וועקנדיגער, האָב איך מיך אָפּגעשטעלט בא יעדן קוואַל אפן וועג און — געטרונקען.

האָט מיך נויטיקייט גערופן צו טאָן דאָס פּראָסט־מענטשלעכע. מיין הונט איז געבליבן שטיין געפּלעפט און מיך אָנגעקוקט עפּעס אזוי פאַרכידעשט, ווי ער וואָלט נישט געגלויבט זיינע אויגן.

סטייטש ער האַלט מיך פאַרן קלוגסטן מענטשן אין דער וועלט, צום סאָף לאָזט זיך אויס, אַז איך ווייס נישט אַפילע אַזאַ קלייניקייט, ווי אַז מ'דאַרף אויפהויבן אַ פוס.

און ער האָט זיך שרעקלעך צעבילט.

ער האָט זיך גאָרנישט געקענט באַרואיקן—דער הונט מיינער.

6.

היימלאָזע וויטאָגן האָבן ארומגעבלאָנזשעט אין מיר, זיך נישט געקענט קיין אָרט געפינען.

יעסורים אָן אַ פאָטערלאַנד, אָן אַ היים.

ווי בעטלערס האָבן זיי זיך ארומגעשלעפּט פון איין אָרט אפן אנדערן אין מיין נעשאָמע־גוף און נישט געוואוסט, וואו זיך אָפּצושטעלן, וואו צו רוען פון זייער לאנגן וואנדערן.

עס האָט אזוי ווי געטאָן, וואָס די ווייטיקן ווייסן נישט אקוראט וואו ווי צו טאָן. און זיי בלאָנזשן פארלוירענע איבער אלע פוסטע פעלדער פון מיין לייב־און־לעבן.

נאָר אָט האָב איך מיר א קלאַפּ געטאָן אין א קליב — א רויטן צייכן ארויסגעשטעלט. מיין געשריי האָט געטאָן מעלדן די יעסורים, וואָס האָבן ארומגעבלאָנדזשעט אין מיר: ס'איז שוין דאָ א היים. זיי קענען שוין קומען.

און פון אלע ווינקלען האָבן זיי זיך א לאָז געטאָן אהיים, א רו צו געפינען. אן אפּשטעל פון די ווייטע, וויסטע וואנדערונגען.

און שמייכלדיקע און גליקלעכע האָבן זיך אלע יסורים אוועקגעלייגט אף מיין קליב, דאָרט וואו דער רויטער צייכן איז געווען און כ'האָב געהערט ווי זיי זאָגן:

„גאָטצידאנקן, מיר האָבן שוין אן איינגן שטיקל ווינקל".

און דער גרויסער, פאראייניגטער ווייטאָג איז געווען אזוי גוט, אזוי גרינג — טויזנט מאָל בעסער און גרינגער ווי די קליינע ווייטיקלעך, וואָס גייען ארום פוסט־און־פּאָס און ווייסן נישט וואָס צו טאָן מיט זיך.

א מין דעקלאראציע

(פון א בירגערלעכן קינסטלער)

1.

אויב איר טרעפט מיך אין גאס און איך דערקען אייך נישט, רעכנט דאָס נישט צו, כ'בעט אייך, צו מיין האָנאָר, אָדער „קינסטלער־שטאָלץ". טאלאנט, גלויבט מיר, איז נישט מער ווי אן אויסגוס אין קאָפּ, א לייסטענגבראָך אף דער „נעשאָמע". ווערט זיך א קלוגער מענטש האלטן גרויס מיט דעם? אין בעסטן פאל איז דאָס ווי א האָרב אף די פּלייצעס.

פאר־דעם־זשע בעט איך אייך אלע פון־מיר־נישט־דערקענטע, איר זאָלט מיך נישט כוישעד זיין, אז איך בין א גרויסהאלטער. איך האָב געגוג אנדערע פלעקן אף מיין נעשאָמע, וואָס מ'קען זיי בלויז אויסרייבן אינאיינעם מיט דער נעשאָמע. מיעסלעכקייטן וואָס פלא־

טערן איבער מיר, ווי שווארצע פלעדערווישן. אָבער פון גאיווע, דאכט זיך מיר, בין איך פריי.

2.

איך האָב נישט קיין שטארקן כאראקטער. האָב גאָר קיין כאראקטער נישט. האָב אפילע נישט געגוג דאפון צו זיין כאראקטערלאָז! צו וועלכע גוטע יאָר דארף איך דעם כאראקטער? וואָס וועל איך זיך שלעפּן מיט אים—ווי מיט מיין צאָנבערשטל און מיטן צענויפגעלייגטן ראזיר־מעסערל?

א כאראקטער טראָגט זיך אָפּ, אז מ'נוצט אים צופיל. ווערט ברודיק ווי א נאָזטיכל, און אויסשווענקן דעם כאראקטער אין א טייך קען מען נישט. אים קלאָפּן מיט א פּראלניק—קען מען אויך נישט. אפילע אויסטאָן אים באנאכט און ארייגלייגן אין א גלאָז וואסער, ווי א גאנג פאלשע ציין—קען מען אויך נישט.

כאראקטער העלפט באשליסן—אהין אָדער אהער. נאָר אזוי ווי קיינער ווייסט נישט פארוואָס דער „אהין" קען נישט זיין קיין „אהער", דארף מען דעם כאראקטער אף קאפּאָרעס!

כאראקטער „דריקט זיך אויס". אָבער דאָס לעבן דריקט אונז סיי־ווי־סיי אויס, ווי א ווארים קעז, און סי בלייבט פון אונז בלויז א מאָגער געדעכענישל, ווי א פּאָר הויזן אָן פיס. ווי א קוימען אָן א דאך. ווי רייד אָן ליפּן, ווי... (זוכט זיך אליין אויס פארגלייכענישן, איך האָב קיין קויעך נישט!)

אלע גרויסע מענטשן צייכענען זיך אויס מיט זייער כאראקטער. אז א גרויסער כאראקטער גייט ארום ליידיק, ווארפט מען צו אים צו וואָסער ס'איז מענטשן און ער (דער כאראקטער) מאכט פון אים שוין א לייט. אָבער צו וואָס זיין אזוי כאראקטערלאָז און זיך לאָזן באַהערשן פון א כאראקטער, וואָס איז אָנגעשטעלט געוואָרן אונז צו היטן ווי א שפּיאָן? צו וואָס אָפּגעבן זיך דעם כאראקטער אין די הענט אריין ער זאָל פון אונז מאכן וואָס ער וויל, און מיר אליין זאָלן זיצן מיט א פארהויבענעם דאשיק און קוקן ווי די טעג פליען איבערן דאך?

איך האָב נישט קיין כאראקטער. נישט קיין גוטן, נישט קיין שלעכטן. נישט קיין מיטלמעסיקן. אז עמיצער באליידיקט מיך, הויב איך אים אָן און קען מיך נישט דערמאָנען צי דער כוידעש מאי האָט 31 טעג, צי בלויז 30.

אז עמיצער כאפּט בא מיר אראָפּ ס'היטל דערפאר, וואָס איך האָב געריסן עפּל אין זיין סאָד, הויב איך אויף ס'רעקל איבערן קאָפּ און—איך עס מיר די עפּל.

אז א צעהיצטער מאַנסביל פרעגט מיך, צי ס׳איז עמעס, אַז איך און זיין ווייב זענענמיר? רוף איך אים נישט ארוים אף א דועל, נאָר פּאַרקערט: איך כאַפּ דעם ערשטן און בעסטן פּיאַקער און איך בין ש ו י ן נישט קיין היגער.

דאָס איז נישט קיין כאַראַקטער. אָבער האָט דען א פּייערשפּיי־ענדיקער באַרג כאַראַקטער? קען ער דען זאָגן, אַז ער שפּייט מיט פייער—בעיס דאָס פייער ווערט דורך אים דורכגעשפּיגן?

אפילע דער „שטורם” האָט בלויז אף אזויפיל „כאַראַקטער”— אף וויפיל ער איז א „טעפּל” פאַר דעם גרויסן וועלט־ווילן, וואָס כאַ־ראַקטערט אין אים אריין!

ניין. איך האָב אבסאָלוט נישט קיין כאַראַקטער. און איך האָב אפילע נישט גענוג כאַראַקטער צו זיין שטאָלץ דאַרויף!...

:: :: ::

און פאַרקערט, ו ו י י ל איך האָב נישט קיין כאַראַקטער, און ו ו י י ל איך האָב א מוירעדיק שלעכטן זיקאָרן פאַר נעמען און פאַר פּענימער, כאַפּ איך מיך אַמאָל ארום מיט א פרעמדן מענטשן, ווי מיט א גאָר נאָענטן דערפאַר, ווייל איך בין נישט זיכער צי קען איך אים, צי נישט.

קעדיי איר זאָלט מיך, כאָלילע, נישט כוישעד זיין, אַז איך בין א באַלגאַיווע, לאָז איך מיינס איבערגיין, און איך טשישע מיך אָן מיט דעם אָדער מיט יענעם פרעמדן, ווי מיט א ברודער, אָדער מיט א שוועסטער.

אז א פרוי קומט צוגיין און זאָגט אף א געבאָרגט פידל־שטימע־לע: „זענט איר נישט, איך בעט אייך, דער און דער?” גיב איך באַלד א צי דאָס בלאָז־זעקל פון מיין באַגייסטערונג און—סי הויבן אָן פליען פונקען.

אזוי ווי מיין זיקאָרן איז זייער א ביטערער, האָב איך שטענדיק מוירע, אַז אָט גייט זי ארויסנעמען א בריף, אין וועלכן איך האָב איר (לכאָלהאַפּאָכעס) געשוואוירן אייביקע ליבע, אָדער גאָר א פאָרטרעטל פון אונזער קינד. אָדער עפּשער טאַקע א בילד פון אונז ביידן, ווי מיר שטייען אונטער דער כופּע, און דער מעסאַדר־קידושין דוכנט איבער אונזערע קעפּ מיט צוויי געפּייגערטע געלע הענט. ווער קען זיך אָנ־געדענקען די אַלע כאַסענעס וואָס מ׳האָט אַמאָל כאַסענע געהאַט און די אַלע ליבעס, וואָס מ׳האָט אַמאָל געליבט? מ׳דאַרף האָבן צו דעם א קאָפּ פון א מיניסטער.

:: :: ::

דעריבער, אַז א פרוי איז צו מיר אַנומלטן צוגעקומען צו מיר

און געפרעגט, צי איך קען זי? האָב איך געענטפערט: א שיינע פראַגע! כאָטשע איך האָב נישט אָנגעהויבן וויסן און געדענקען, ו ו ע ר זי איז, און—צוליב וואָס. פונדעסטוועגן האָב איך זי פריינטלעך גענומען אונטערן אָרעם, געגרעדט צו איר אביסל דיקערע רייד ווי גע־וויינטלעך, קידיי זי זאָל זיך נישט פילן פרעמד, און צום סוף, ווען מיר זענען שוין געזעסן דאָרט וואו מ'דאַרף, האָב איך זי געפרעגט:

— זאָג מיר, כ'בעט דיך, מיין טייערע... ווי הייסט איר?

— עמאַ.

— ריכטיק. זאָגט מיר, איך בעט אייך, ליבע עמאַ, וואו זענט איר?

עמאַ האָט זיך, ווי דער שטייגער איז, באַליידיקט, אויפגעהויבן אף מיר—עמעס נישט מער ווי צוויי אויגן, אָבער וואָס פאַר א אויגן!

צום סאָף האָט זי מיר געגעבן א פּעטשל מיט א גלעטל אינאיי־נעם און געזאָגט:

— דערמאָן זיך נאָר!

— די אַלטע בריק?

— ניין.

— צענטראַל פּאַרק?

— ניין.

— האָטעל פּאַראַדיז?

— אויך נישט.

— מ'קאַלפּין?

— אויך נישט.

— קאַרלסבאַד?

— אויך נישט.

— סאַראַטאָגאַ?

— אויך נישט.

— אַקלאַל, לאָמיר שוין הערן?

— געדענקסט נישט, ווי מיר זענען אמאָל ארומגעפאָרן א האַלבן טאָג מיט א שטיק נאַכט, אהין און קריק אף א שיף, וואָס גייט צישן ניו יאָרק און סטעטן־איילאַנד?

— נו?

— און ווי יעדעס מאָל, ווי מיר זענען צוגעקומען צום ברעג, האָסטו באַצאָלט פרישע 10 סענט? אזוי לאַנג ביזוואַנעט דער אַלטער מאַן וואָס נעמט־צו די בילעטלעך האָט זיך אָנגערופן מיט א שמייכעלע צישן די שאַרף־אויפגעשניטענע, לעדערנע ליפּן:

— „איך וואָלט אייך געראַטן בעסער אָפּקויפן די פּערי, ס׳וועט אייך קאָסטן ביליקער״...

— „אָי!״ זאָג איך, און צעלאַך זיך „איך געדענק שוין!״

— און איצטא — זאָגט זי — ד ע ר מ אָ ן ז י ך נ אָ ך ע פּ ע ס!

אָבער גאָט איז מיין איידעס, אַז איך האָב בלויז געמאַכט דעם אָנשטעל, איז איך געדענק דעם וויץ וועגן אָפּקויפן די שיף :און—מע־מילע האָב איך מיך שוין דעם „נאָך עפּעס״ אויך נישט געקענט דער־מאָנען.

און אַזוי האָבן מיר זיך אָפּגעמוטשעט עטלעכע שעה אויפן זיי־גער, און איך האָב אַלץ געציטערט, אַז אָט־אָט נעמט זי אַרויס אַ בלעכן בילדל פון אַ קינד מיט בלאָנדע געקרייזלטע האָר און מיט אַ לאַנג נעזל און וועט אַ פרעג טאָן:

— פון וועמען כאַפּט עס ס׳אַנבליק?

מיין ווירטין

איך האָב אַ ווירטין אַ פּראַקטישע. זי רעדט זייער פּאַוואָלי, קעדיי ס׳ביסל רייד וואָס זי האָט זאָל קלעקן אַף אַ גאַנצן ווינטער.

און זי טוט נישט מער נאָר זי קאָנזערווירט — בלעכלט־איין אַלצדינג וואָס זי געפינט. אַלצדינג וואָס קען אַמאָל־ווען־עס־איז נוצן.

זי בלעכלט־איין פּאַסאָליעס, אַרבעס־שויטן, מאַראַנצנשאָלעכץ אוקעדוימע. און בויג־צו ס׳אויער, לעזער מיינער, וועל איך דיר זאָגן, אַז איך האָב מוירע, אַז די פּאָר אַלטע לעדערנע פּאַנטאָפל (מיט דעם גרינעם שטעפּעכץ), וואָס זענען מיר נעכטן פאַרפאַלן געוואָרן, זענען א ו י ך אַריין צו איר אין די הענט און זי האָט זיי — איינגעבלעכלט.

לעצטן דינסטיק איז געווען אַ וואונדערלעכער טאָג אַף די בערג, איינער פון יענע טעג, וואָס ווען מ׳זאָל זיי דאַרפן קויפן אין אַ בלאָ־זייד־און־סאַמעט־און־גאָלד געשעפט, וואָלט מען כאָלילע בעדאַלעס געוואָרן.

איז מיין ווירטין אומגעגאַנגען איבער דעם אַהער־און־אַהין פון אָט דעם טאָגס שיינקייט און געזיפצט.

געקוקט אַפן הימל, אים אָפּגעמאָסטן מיטן אויג און—געזיפצט.

געקוקט אַף דער ערד, זי אָפּגעמאָסטן מיטן אויג און דיטאָ.

איז מיר איינגעפאַלן, אַז זי וויל מיסטאָמע איינבלעכלען דעם טאָג, קעדיי ער זאָל נישט קאַליע־ווערן, אים באַהאַלטן אַף ווינטער, ווען אָט די טעג וועלן זיין זייער ווינציקלעך, און — וואו קען זי

געפינען אַ בלעכל, אָדער אַ סלאָי, אין וועלכן ער זאָל קענען אריין?

זי האָט נישט געפונען, כאָטש זי האָט לאַנג, זייער לאַנג געזוכט אין קעלער און מיך גערופן איך זאָל אַרונטערקומען, ווייל זי דאַרף מיך האָבן.

אין די פּאָגראָם-יאָרן

זיי וויינען.

און די הענט זענען פאַרנומען—מיט ווישן די אויגן די פאַר־וויינטע.

קומט מען צו זיי און מ׳זאָגט: מענטשן, מענטשן, גיט אַ פּאָר קופּער־שטיקלעך פאַר די פּאָגראָם־קרבנות.

ווערן זיי גערירט, נעמען אַרויס די אַבסאָלוט־לעצטע האַנט פון קעשענע און ווישן זיך די אויגן, נאָך מיט מער כיישעק.

זאָגט ער: מענטשן, מענטשן! און ער שילדערט בילדער, ווייל בילדער־שילדערער שילדערן די בילדער בעסער ווי די בעסטע בילדער.

ווערן זיי נאָך מער גערירט און זיי נעמען אַרויס די גרויסע טרערן פון די אויגן, און וואַרפן זיי אַוועק און שעפּן אָן פרישע, ווייל דאָס טרערן־ברונעמל ברונעמלט זייער לייכט און — סי קאָסט נישט קיין געלט.

און דאָס זאַטע ביסל אָנפּאַסטן־זיך אום יאָמקיפּער איז זייער־זייער געשמאַק, און וואָס פאַרלירט מען דאַביי? יאָ־יאָ, ניין־ניין.

געדאַנק־באַצירונג: ווי גרינג מיר זענען אף טרערן, און ווי שווער אף קופּער־שטיקלעך, אָ וועלט, מיין וועלט!

די הוישאַינעראַבע־פראַגע

ס׳איז הוישאַינעראַבע באַנאַכט. דער הימל דאַרף זיך באַלד עפענען.

זענען די מאַלאָכים אומרואיק. דער דעלעגאַט פון זייער יוניאָן לויפט אַרום, האַלט אָן אַלטן וואולקאַן ציִשן די ציין, רויבערט בייז און רעדט צו די קאָדעש־אַרבעטער פון לאָקאַל צוועלף און די עין־קעלעהוינו־זינגער פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל:

ברידער מאַלאָכים, זאָגט ער, וויפיל איז דער שיער, זאָגט ער, צו זיין פאַרשקלאַפט באַ איין גאָט? איר האָט שוין, זאָגט ער, באַקומען קרומע קניִעס פון טאַנצן קאָדעש, און איר זענט שוין,

זאָגט ער, טויט־הייזעריק פון זינגען שירע. ווי לאַנג נאָך, זאָגט ער, איז דער שיער אַזוי פאַרפינצטערט צו ווערן פאר א י י ן גאָט? מיינע פריינט, זאָגט ער, (און גיט זיך אַ צעטרייסל די שוואַרצע לאָקן) מיינע פריינט, אז גאָט איז אַריין אין דעם וועלט־געשעפט, וואָס האָט ער פאַרמאָגט? אבסאָלוט גאָרנישט. און איצט, מאַכט ער, גיט אים אַ קוק אָן ווי ער האָט זיך קיין אינאָרע אַרויפגעאַרבעט! סי פּאַסט אים שוין אפילע נישט, זאָגט ער, זיך אָפּצוגעבן מיט זיינע „באַליבטע קינדער". אמאָל, מאַכט ער, פלעגט ער זיך באַטש נישט שעמען פאַר מענטשן אַרויסווייזן אַ ביסל ליבשאַפט און ראַכמאָנעס צו די וועלכע האָבן אים די ערשטע אנערקענט. אָבער איצט, אז ער איז שוין אַרויפגעאַרבעט, באַמערקט ער זיי אפילע נישט. דעש־ניע־דעש. ווען סי קומט צו דער שפּאַנישער אינפלוענציע אָדער צו עפּעס ענלעכעס — וואַרפט ער זיי אַריין אַ גרעסערע פּאַרציע, דאָס אַלעס. און איצט, שרייט דער געפליגלטער דעלעגאַט פון דער מאַלאָכים־יוניאָן, איצט וויל ער נאָך איינפירן אַן „אָפּען הימל" אויך. „ברוך־דערענם", מאַכט ער ,און „שוועסטערנס", מיר טאָרן עס, מאַכט ער, נישט דערלאָזן. שפּאַרט זיך אָן, מאַכט ער, מיט אַ פוס אָפּן דעק פון הימל און לאָזט אים נישט עפענען ב ש ו ם א ו י פ ן.

און דאָפון (אַזוי דערקלערט דער געהילף־פילאָזאָף פון אונזער רעדאַקציע) נעמען זיך די ביטערע צייטן אַף אידן; אמאָל, מאַכט ער, פלעגט מען באַטש הוישאַינעראַבע באַנאַכט קענען אויסבעטן עפּעס ד י ר ע ק ט בא גאָט. אָבער היינט—גיי הייב זיך אָן מיט די קאָמפּאַני־יוניאָנס!

ליבע און קינדער

לעזט אונזערע צייטונגס־ראָמאַנען, וועט איר זען.

דער איקער איז די ליבע, דאָס שיינע ראָמאַנצירן.

דאָס פיינע צענויפפלעכטן פון די פינגער פון צווייערליי געשלעכטן. דאָס לירישע פּאַרזיסן פון דעם נישט־שמעקעדיקן ביסל אָטעם, וואָס ווערט אויסגעברענט אָפּן „דערקלערונגען", אַף שיינעריי, אַף אָפּפאַרבן די געדאַנקען־ציבעלעס אַף ו ו י י ס קעדיי מ'זאָל מיינען, אז דאָס זענען ליל־בלומען.

צופעליגערווייז קומען אמאָל קינדער אויך. אָבער דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַ נעבן־זאַך, אַ ביי־פּראָדוקט אַזוי־צו־זאָגן.

די גרעסטע צאָל יונגעלייט מיינען, אז די נאַטור (ווי איר רופט

עס) איז בלויז אויסן די ליבע, דאָס ליבענען־זיך, דאָס קושן־זיך, ווייטער גאָרנישט.

מיינס א ווינער לאַנדס־פּרייליין איז אַמאָל מיט מיר פאַרבייגע־גאַנגען א פאַבריק, האָט זי געזען א גרויסן פלאַם ארויסשלאָגן פון די אויוונס, האָט זי מיך ביינעוודיק אָנגעקוקט און געפרעגט: דאָ פאַבריצירט מען פ י י ע ר?

— ניין, האָב איך געזאָגט, דאָ פאַבריצירט מען טשוועקעס. דאָס פייער איז בלויז א מיטל.

— א שאָד, האָט געזאָגט מיין ווינער לאַנדס־פּרייליין, דאָס פייער איז דאָך צ ו ש י י ן צו פאַבריצירן אזא פּראָסטע זאַך.

פאַרשטאָכענע אויגן

(פאָלקלאָריסטיש)

פאַרשטאָכענע אויגן און פאַרוואַשן פּאָנים.
מאַכט מיט מיר זומער און ווינטער.
צעטערעמאָסעט מיר די ביינער מיט דער נעשאָמע.
פירט מיך אַפן שטריקל און לאַכט פון מיין היטל.
הייסט זיך געבן פויגלמילך און פּאַכעט מיטן פאַרטוך—איך זאָל איר נאָכלויפן.

לויף איך איר נאָך, בלייב איך אָן אָטעם — פאַל איך. (פאַל איך יאָ, פאַל איך נישט, נישט אייער געשעפט).

און דער זילבערנער לעוואָנע־וואָרעניק שמייכעניוט, און די בלישטשענדיקע ציגנבאָבקעס, וואָס די קישעף־ציגן לאָזן אַפן הימל, שווייגעניון, און מיר איז דאָך אַזוי ביטער — — ביז צום טויט! (יאָ ביז צום טויט, נ י ש ט ביז צום טויט, נישט אייער געשעפט).

און זי פלאַמט און ברענט און סמאַליעט מיט די צוויי האָור־דאָלעם אירע און — אויס, גיי שריי „חי וקים". (שריי י אָ חי־וקים, שריי נ י ש ט חי־וקים, נישט אייער געשעפט).

זאָג איך איר: קום צו מיר, ליובעדושע, און טו מיר נישט אָן קיין יסורים. מיין האַרץ, זאָג איך, איז שוין אַזוי אויך, זאָג איך, גענוג אומקרייטיק. זאָגט זי, אַזוי? ווילסט מיך נעמען אַזוי ווי איך שטיי און גיי, אפילע אָן א העמד? און זי צעלאַכעניוט זיך. און אַז זי לאַכט — לאַכט זי, וואָס קענט איר איר טוען? כאָטש ווילן ווילט זיך א טי טוען עפּעס אַזוינס, אַז זי זאָל מיך האָבן צו געדענקען. אָבער איך מאַך מיך נישט ווּיסנדיק, וויש מיר אָפּ די ליפּן און שאַ, אָבער איך פּיל, אַז אָט־אָט וועל איך אָננעמען דעם קאָלנער פון מיין

העמד און געבן אַ ריס, און אַ געשריי, און זיך צעוויינען — ווי אַ קליין קינד. (יאָ ווי אַ קליין קינד, נישט ווי אַ קליין קינד, נישט אייער געשעפט).

באַטראַכט נאָר

אַף דער פּאָסט גייען זאָמען.

אַף דער פּאָסט גייען ליבע־בריוו.

קינפּטיקע בלומען, אוגערקעס, ברויט, אַרבעט — גייען אין קליינע פּינטעלעך, אין קליינע קאָנווערטן.

קינפּטיקע מענטשן אין קליינע פּינטעלעך, אין פּאַסיקלעך, אין שטריכעלעך.

זאָמען און — זאָמען.

וועט מען אַף די געמיסטיקטע פעלדער די קערנער־פּינטעלעך פאַרפלאַנצן — וועט ברויט אויפגיין, בלומען, קרייטיכער.

וועט מען די ווערטער־פּינטעלעך אין די געמיסטיקטע הערצער פאַרפלאַנצן, וועלן דוירעס אויפגיין, וועלטן, וויסנשאַפטן.

אַף דער פּאָסט גייען זאָמען.

אַף דער פּאָסט גייען ליבע־בריוו.

ביידע רירן זיך אָן, דערציילן זיך פון זייער גרויסער, הייליקער מיסיע אַף דער וועלט און האַלטן די סוידעס טיף אונטער זייערע קאָנווערטלעך.

אַלקאָמשיראָ בע־ניא

דער שניי פאַלט אַף אונז—דער גוטער, בראַכמאָנעסדיקער שניי.

— זייט געגריסט, מענטשן!

די שנייפליטער צעגערן אין דער לופט, זאָגן זיך עפּעס איינס ס׳אַנדערע, ווילן אַף דער דר׳ערד נישט פאַלן — מוזן.

מיר גייען אין וואַלד דורך וועגן פאַרשנייטע, ווייסע וועגן, וואָס ווערן ווייסער — אוי, ווי ווייס!

איך ליג צו די שפּיץ־פינגער צום מויל, אַזוי, אַז מיין מיט־גייער זאָל נישט זען, און וואַרף קושן צו דער גרויסער שנייאיקייט, צום ווינט, וואָס לויפט פאָרויס מיט זיינע גלעזערנע שטיוואַלעס.

— איז וואָס זשע זאָגט איר? — פרעגט מיין מיטגייער.

—אַ שיינע וועלט! — זאָג איך.

מיין מיטגייער:

— כ׳מיין וועגן עפּענען אַ פּ ל ע צ ל פֿאַר זיך. מיינער אַ באַקאַנטער האָט זיך געזונט אַרויסגעאַרבעט אין אַ פּלעצל פֿאַר זיך.

איך זאָג אים, אַז די צייכנס פֿון קראַנקהייט אָפּן שנייַ רופֿן אַרויס אַזאַ ראַכמאָנעס, אַז סי ווילט זיך אַזש וויינען.

ער דערציילט מיר ווידער פֿון דעם באַקאַנטן זייַנעם, וואָס האָט זיך געזונט אַרויסגעאַרבעט, באַ עפּעס אַ געשעפֿט, און ער ענדיקט דערמיט, אַז ס׳איז שטאַרק גיט (גוט) צו זיין פֿאַר זיך.

דער שנייַ פֿאַלט. די פֿליטער ווערן לעבעדיקער, רירעוודיקער. דער ווינט טרייבט זיי מיט זיין גלעזערנער בייטש, לאָזט זיי פֿאַלן שיף, קרומלעך, הייבט זיי ווידער אויף, וואַרפֿט זיי קאַפּאַקאַל, שילט זיי.

מיין פּאָנים ווערט רויט ווי אָנגעריבן מיט אַ ריבייזן, די אויגן רינען, די נאָז דאַרף האָבן אַ האַנט, וואָס זאָל אַרום איר אַרומגיין. נאָר אינווייניק איז וואַרעם, וואַרעם און גוט. צישן מיר און דער וועלט— גאָרנישט, וואָס זאָל אונז צעדייסן, אָפּשיידן. איך בין אַ גרויסע לעבעדיקייט, אַ שנייַ־ווירבער, וואָס דרייט זיך אַרום אָף אַן איבערגע־שראָקענער וועלט.

מיין מיטגייער זאָגט: איצט וואָלט געווען שטאַרק גיט (גוט) צו מאַכן אַ שנעפּסל און פֿאַרבייסן מיט רעטשענעם לעקיך.

איך ענטפֿער אים מיט קאָעם: אַלקאָמשירא בע־ניע־אָ! (וואָס דאָס מיינט גאָרנישט).

„מאַכאַזאַכיזם“

די באַן שלינגט שינעס און — שפּייט זיי קריק אויס.

זון גייט אויף. זון גייט אונטער.

אַז זי גייט אויף, ווערט דאָס האַרץ ווי אַ האָרב אָנגעפּילט מיט האָניק.

אַז זי גייט אונטער, פֿאַלט אַ גרויסער אומעט צו די נעז פֿון מיינע כווישעבדיק־געגלאַנצטע שיך.

שטעלט זיך אָפּ די באַן. גיסט אויס עטלעכע צעבערס מיט מאַנצבילוואַרג. נעמט אָן עטלעכע עמערס מיט פֿרישע מיידלעך— ערשט פֿון יונגן שלאָף אַרויס.

ערד. ערד. ערד.

באַ די ברעגן: וואַסערן. שלעפּ־שיפֿן. ווינט־אָנגעבלאָזענע זאַקן אָף די מאַסטביימער: פֿאָנען.

אָטעמען שוואַרץ קוימענס, קוימענדלעך, קוימענעס.

ניי־ענגלאַנד איז אַן אויוון, וואָס באַקט פרישע, וואַרעמלעכע נויט. פון דעם געבאַקענעם גייט אַ געשמאַקע פּאַרע: זאָל דאָס זיין טוי?

וועלט. גרויסע וועלט. סאָד טי מאָי!

איך פאָר און ער פאָרט. מיר פאָרן פאַר דער פירמע פּראָ & גרעס. אונזערע רענצלעך זענען אין גומען. אונזער באַגאַזש—אין קאָפּ.

מ'דאַרף באַלד אויסליפערן: פּערל מוזן זיך שיטן פון די ליפּן.

מ'זאָל קענען זאָגן: „אַז ס'קאָסט געלט, איז ווערט געלט".

ס'האַרץ אָבער וויינט, ווי אַ קינד, וואָס האָט עפּעס אָפּגעטאָן. ס'וויל און ס'וויל נישט און — צו וואָס?

אַ וויים שוים־הינטל נעמט מען אַפּן שטריקל און מ'פירט אַרויס אין דרויסן אַרויס—נאָכן טרינקען. אָבער דאָס ביסל קליינע כאָכמע?

כ'שטיי פון אונטן אַפּן לעצטן וואַגאָן־בריקל. כ'מאַך צו אַן אויג און צעקוועטש אַ ביסל זון אויף אַזוי פיל קליינע רעגנבויגנס.

וועלט, וועלט. דער רואַך זאָל דיך נעמען, ווי שיין דו ביזט!

מ'שטייט. די באַן לאָזט אַראָפּ אַ טויטנקאַסטן און אַ וואָזאָנע אַרומגעבונדן מיט שטרוי.

די טרעגער־יונגען פּיפּקען די ליולקעלעך און באַהאַנדלען ביידע זאַכן מיט דערזעלבער ריטמישער פּאַוואָליעקייט.

איך גענעץ. ער גענעצט. הינטער רייגנוואַשענע הענט, וואָס דובענען פאַרן מויל, גענעצן צוויי גרויסע גייסטער, וואָס פאָרן פאַר דער פירמע פּראָ & גרעס.

די פּערל שטיקן מ'האַלדז. די „גאָלדענע ווערטער" ראַנגלען זיך אין בויך—די „לעקציע" וויל געבוירן ווערן פאַר דער צייט.

אַן אומגליק.

און זי רעדט קימאַט פונם גומען אַרויס. זי גיט אַ פאָר פריף־טענער: מענטשהייט, איך קום אָן.

איך צו מיין מיטפאָרער:

„וואָס עלטער מ'ווערט, אַלץ גרינגער און ראַכמאָנעסדיקער הייבט מען אָן טרעטן די ערד. מ'פילט, אַזוי ווי מ'וואָלט טרעטן אויף זיך אַליין".

ער צו מיר:

„קענסט די מאַיסע וועגן דעם סאָלדאַט און דעם דינסטמיידל? אַ סאָלדאַט איז אַמאָל געקומען צו אַ דינסטמיידל—"

איך צו אים:

„מענטשן זאָגן, אַז איך טו אַלצדינג קאַפּריז. זיי פאַרגעסן אָבער, אַז צו טוען זאַכן „רעגלמעסיק” הייסט בלויז צו טוען אַקוראַט קאַפּריז פון קאַפּריז”.

ער צו מיר:

„נאַכטיגאַדל” — קען מען זאָגן?

איך צו אים:

„בײַ מיר איז פאַראַן ערגעץ אַ שורע: „אַ פּעניצל לעוואָנע איז אײַנגעבראָקט אינם מילכיקן הימל־גריץ און די שטערן זענען ווי פּוטער”.

ער צו מיר:

„מיילע דו! דאַפאַר פאַרשטייט דיר טאַקע קיינער נישט”.

איך צו אים:

„מ י ך פאַרשטייט מען נישט?”

ער צו מיר:

„וואָדען, מ י ך פאַרשטייט מען נישט?”

איך צו אים:

„אידיאָט”!

ער צו מיר:

„פערד”!

:: :: ::

די באַן גייט זיך איר וועג. שלינגט שינעם אַפּן מייל, ניו יאָרקעלע קומט אַנטקעגן. פּויקן און טרומייטן. דאַיגעספּאַרנאַסע טאַנצט פון פאָרנט מיט אַ לאַנגן, געלן מאַנטיק אין די הענט.

פּויזע. מיר קייען עפּעלעך.

איך צו אים:

„דו ווילסט זיין אַ ג ר ו י ס ע ר מענטש? איך—נישט. איך וויל זיין קליין און שטיל ווי אַ פידל־בליפּ”.

ער צו מיר—שוין בייז:

„נו, זיי זיך דיר! ווער לאָזט דיך נישט?”

איך צו אים:

„שריי נאָר נישט אַזוי, וועסט נאָך הייזעריק ווערן. פאַרגעס נישט, אַז מיר דאַרפן נאָך היינט האַלטן צוויי אונטערגעצונדענע רעדעס פאַר דער פירמע פראָ & גרעם!”

די באַן טוט מער גאָרנישט, נאָר זי גייט אָדער שטייט. און אַז זי גייט — גייט זי שטאָלץ און פּאַוואָליענקע. און אַז זי שטייט— שטייט זיך אויך פּאַוואָליענקע, קעדיי זי זאָל זיך, כאָלילע, נישט איבעראַרבעטן. פון דער ווייטנס קומען אַנטקעגן שטעטלעך, ווי

פורים־שפּילער, פאַרנייגן זיך, זאָגן „אַ גוטן פּורים״ און — צעלאַכן זיך מיט הייזעריקע כויזעק־העלדזער ווי קוימענס. אַ וואַסער־מיל בלייכט לייוונט, און לעבן דער שוועל זיצט טאַקע אַ קליין אינגעלע, אָן אויסגעבלייכטס, און צעשטעכט דעם דינעם דרויסן מיט זיינע שאַרפע אויגנבּרעמען. אָן אַלטע קאַטשקע שווימט אַף אַ בלאָטיק וואַסערל און מאַכט דעם אָנשטעל פון אַ שוואַן. נאָר נישקאָשע־נישט: מיר, הויכמאָדערנע סקריביאַנטן, ווייסן, אַז 1 געפּילטע קאַטשקע־העלדזל אַפן טעלער איז בעסער ווי 6 שוואַנענהעלדזער אַף אַ קלאַסישער ראַדירונג.

Tempi Passati.

ס'איז צען. ס'איז עלף. ס'איז מאָנטיק — אַהין און קריק און פאַרקערט און אַף אַלע זייטן. דער שלאָף וואַרגט מיר די אויגן. די אויערן כאַלעשן טרינקען עפּעס בעסערס ווי די נימעסע רויכער־וואַגאָן־דיסקוסיעס. איך פאַרוואַרף דעם קאָפּ אַף אַהינצעצו. הייב אויף די נישט־ראַזירטע באָרד אַנטקעגן הימל, שטרעק־אויס דעם האַלדז און טראַכט: וועלט, נעם און קוילע אָן אַ מעסער, נאָר אַ סאַף זאָל דאָס נעמען!

גאַנוועט זיך דער שלאָף אַרויף אַף די אויגנדעקלעך, הייבט זיי אָן צו קוועטשן מיט אַ גרינגן, וואַרימען פינגער. אָבער סי וועקט אַ קלאַנג:

„מאַכאַזאַך״.

„מאַכאַוואַס״? — כאַפּ איך מיך אויף פונם דריי־פערטלדיקן אַנטשלאָפן־ווערן.

ער צו מיר:

מאַכאַזאַך וועגן אונזער רייזע. נוץ עס אויס פאַר דער צייטונג. אַ שריפטשטעלער דאַרף אַלצדינג אויסנוצן.

איך צו אים — אויסגעניכטערט און מיט דער לעקציע אַף דער צונג:

„אונזער אומגליק איז דער מ אַ כ אַ ז אַ כ י ז ם. דאָס זיך־אַליין־אויסנוצן. דאָס עסן צוליב דעם רעזולטאַט. דאָס אַרויספירן דעם טאַלאַנט אַף דער לאָנקע און אים פּאַשען״.

איך כאַפּ דעם אָטעם און איך רעדט ווייטער ווי פון אַ שטענדער אַראָפּ:

—די צייטונג פרעסט־אויף. גלייך ווי די טוירע וואַקסט זי אַרויס פון אַן עטישן פּאַראַדאָקס: „דו זאָלסט (בעשום אויפן) נישט האַרגענען. און ווער סי האַרגעט, דער זאָל אַליין דערהאַרגעט ווערן״.

איך שפיי ארוים דורכן פענצטער און זאג ווייטער:

„א מענטש קען צען שא א טאג מאכן הויזן און די עלפטע שא מאכן גוטע ליטעראטור. אבער א מענטש קען נישט צען שא א טאג מאכן שלעכטע ליטעראטור און די עלפטע שא מאכן גוטע".

„אבער"— — — —

איך לאז אים נישט רעדן. ווייסיכוואס! וואס קען ער מיר זאגן? ביפראט אז איך בין אויפגערעגט:

דער צייטונג־שרייבער פאטשקעט זיך שטענדיק מיט פרעמדע צארעס: מארד, קראנקשאפט, רויב, שענדונג — דאס איז דאס מעל פון זיין טעגלעך ברויט. קען שוין עפעס אנדערש זיין געשמאק? די פעדער פון רעפארטער שמעקט פון שכיטע, אדער פון עפעס ערגערס — מיט וואס קען מען זי אפוואשן?

— נעקסט סטאפ איז יאנקערס!

„אזוי זאגסטו? נו, ווי־זשע איז אשטייגער מיט א כירורג? ער פאטשקעט זיך דאך אויך מיט „ראקעס און מאקעס", נו, טוט ער דאפאר נישטקיין נוצלעכע ארבעט? לויט ווי דו רעדסט, ווייזט אויס, אז ס'איז עטישער צו זינגען וועגן א קרעבס, ווי צו היילן אים. איבעריגנס פאטשקען זיך אלע דיכטער מיט בלוט און מיט—"

דער וואס בלאזט אפן יאם...

...געטרייער פאסטוך פון מיין שאף.

דער פאסטוך פאשעט זיך, די שאף גיבן אכטונג ער זאל קייען דאס פעטסטע, דאס געשמאקסטע. ואונטערהאלטן אים מיט קדושע־האפקעס, מיט שמא־איסראעל־מאזורקעס, און—דער פאסטוך פאשעט זיך.

הא, פאשעט ער זיך? ווערט ער פעט פון די קוגל־בלעטלעך באשמירט מיט טילים־פעטס?

אוואדע!

אשריי יוישווי בייסעכא

אויד יהאללוכא סעלא...

גוט איז אונז, וואס מיר זענען דיין פאנטאפל, אלמעכטיגער האר.

נאר רייב אונז נישט אוים, וועסט בלייבן אן פאנטאפל.

אדער עפשער זענען מיר די לעדער־לאטע אף דיין הייליקן רייט־געזעס, וואס רייט מיט זיין גנאד איבער אלע ערדן?

דאַרפסטו אונז אַוואַדע נישט אויסרייבן, וואָרים ווּעסט באַלילע נאָך בלייבן פאַרשעמט.

און פאַרגיב אונז, וואָס מיר טראַכטן:

די וועלט איז אַ קליין, אָפּגעבליאַקעוועט שטערנדל — ס'מינדסטע פון אַלע. האָבן זיך די געטער אָפּגעקערט דערפון מיט אַ ליפּ־קריי־קרימעניש. אומווירדיק! האָט זיך אַן אַלטער, אויוורבאַטלדיגער גאָט אָפּגערופן:

— וואַרפטס ניש אַרויס דאָס ערדקוגעלע, געץ עם מיר!

גיט'ן עם אים.

און בעוורע געטער שטייען און שטאַרקן זיך איינס ס'אַנדערע אונטער די ריפּן און לאַכן:

— ער'ט מאַכן דאַפון אַ שיינעם טאַכלים, כאַכאַ.

— ווייסט איר גאָר וואָס, מיינע הערן יעהאָוואַס?

— וואָס? (אַלע איינינעם).

— לאָמיר אים איינרייַדן, אַז אַזוי גיך ווי ער נעמט איבער די וועלט, מוז ער זיך גלייך לייגן מיטן פּאָנים אַראָפּ און נעמען בלאָזן מיט אַלע קויכעס, קדיי די יאָמים זאָלן זיך קסיידער קנייטשן, וואָרים טאָמער הערן די יאָמים אויף זיך צו קנייטשן אַף אַ מינוט, ווּעט באַלילע געשען ס'גרעסטע אומגליק.

— באַ־כאַ.

און מי האָט געגומען דעם טויבלעכן אויוורבאַטלדיגן גאָט און מ'האָט אים צעלייגט מיטן פּאָנים אַראָפּ און אים געהייסן בלאָזן.

און דער אויוורבאַטלדיקער גאָט בלאָזט און בלאָזט.

הויב דיך אויף, דו נאַרישער גאָט!

שוין גענוג געבלאָזן!

אומעט — אומעטום

אונזערע בעסערע העלפט איז די נידריקערע העלפט, מיט וועל־כער מיר שעמען זיך.

זאָל זי אויפשטיין די נידריקערע באַליידיקטע העלפט, וואו דער לעבנס־קנופּ געפינט זיך און זאָגן: איך בין אייער פרייד, אייער גליק, אייער צוועק, אייער באַרוישונג — באַהאַלטס מיך נישט, פאַר־שעמטס מיך נישט.

און זאָל יעדער קאָפּ זיך אָנבויגן מיט אַכנאָע ביז צום גאַרטל און זאָגן: איך דין צו דיר.

איך האָב אויגן, גערהירן, צונג, ליפּן, ציין — אַלע פּאָר דיר, דו אונטערשטע העלפט, דו וויכטיקע, וואָס טראָגסט אונזער לעבן ווייטער, אַף די עאָן־פּאַליעס.

דאָרט וואו דער אונטערשטער טייל הייבט זיך אָן, דאָרט איז געדאַנק, טאַכלים, ליכט.

אומעט — אומעטום, און אין די ביטער־מיעסע וויצן וועגן גע־שלעכט ליגט אַזאַ טרויער. און אַז איך הער ווי מענטשן ווערטלען־זיך איבער דעם צו וואָס זיי זענען אזוי צוגעבונדן ווי צו ברויט און וואַסער — פאַרגיס איך טרערן.

(געשוואוירן באַ אַ נאָטאַריוס דעם 28טן יוני, 1920).

פרויען און פליגן

די „ליגע צו באַשיצן אומשולדיגע פליגן" האָט היינט אַ יאָמ־טעף. איר עלצטע באַאַמטעכע האָט היינט כאַסענע געמאַכט איר שוים־הינטל מיט אַן אָנשטענדיג צויגל. זי אַליין איז געווען אונטער־פירערקע. טרערן זענען איר געגאַנגען פון די אויגן — פון נאַכעס, וואָס זי האָט דאָס דערלעבט.

זי האָט פאַרבעטן אַלע מיטגלידעריכעס פון „קלוב צו באַשיצן אומשולדיקע פליגן". אַלע האָבן זיך אויסגע־עצט אַרום טישן. יעדער מיט זיין פליג אין דער פויסט, און יעדע האָט אַריינגעבלאָזן אינווייניג ס'זאָל זיי זיין וואַרעם.

— פייגעלעך מיינע.

— בידנע שעפּעלעך.

יעדע האָט אַרויסגענומען איר פליג, זי אַריינגעלאָזט אין אַ יאָמ־שיסעלע, וואו עס איז געווען אָנגעגאָסן צוקערוואַסער, דערנאָך האָט זיך די עלצטע באַאַמטיכע (זי האָט געהאַט אַ מין שוואַרצע „פליג" צישן פּאָנים און האַלז) געגעדט צו די פליגן ווי צו קינדער, גע־וואָרנט די די מיידל־פליגן קע:ן די געפאַרן וואָס לויערן אַף זיי אומעטום און דער איקער אַף פענצטער, וואו סע שיינט די זון, און מען צע־היצט זיך.

די פליגן האָבן דערווייל אַרומגעהיפּט אַרומן צוקער־וואַסער, זיך באַהעפט און געפּאָרט־זיך און געטראַכט, אַז ווייבער זענען די בעסטע מענטשן אַף דער וועלט — קימאַט פליגן.

דערנאָך האָט מען פאַר זיי געשפּילט אַפן פּאַנאָגראַף. דאָס שוים־הינטל וואָס מ'האָט ערשט כאַסענע־געמאַכט האָט געבלינצלט

מיט די אויגלעך און זיך באַלעקט ס'קליינע נעזל, ס'קעצל האָט זיך נעקראַצט מיט אַ לאַפּקעלע ס'אויער און אַלע זענען געווען גליקלעך און צופרידן.

דער גרעניטש־ווילעדזש־קינסטלער זאָגט —

באַ מיר.

באַ מיר אין שטוב.

באַ מיר אין שטוב איז פּאַראַן אַ פידל אַן אַלטער, אַן אומנוציקער, אָן סטרונעס, נאָר משונעדיק אָפּגעפּאַרבט, מיט צוויי האַרצשניטן איבער דער גאַנצער לייבג פון פידל, גרויסע און הילצערנע שיסלען געפּאַרבטע, מיט כאַיעס און פייגל, און אַ שווערד אַן אַלטע אין אַ שיידל און געלעכערטע כינעזישע מאַטבייעס, אין אַ דריי־רינג און בלאָ־גאָלדלעכע פראַנזן און מעשענע וואַזעס, אַ סאַך ביכער, און אַ פּייער ברענט באַ מיר אין קאַמין און דאָס רויכל גייט־אויף (דורכן קוימען) ווי אַ פייער־אָפּער און מיין גרינגעבראָנזעטע ליולקע מיטן רויטן ציבוק שטייט און וואַרעמט זיך די פּלייצע אָן די קאַכליעס פונם קאַמין, ווי עפּעס אַ צונויפגעקאָרטשעט כאַיעלע.

באַ מיר.

באַ מיר אין שטוב.

באַ מיר אין שטוב וואַיעווען געלעכטערס, הילעכן רייד. שפּייט דער גראַמאָפאָן מיט לידער פון גאַיוועדיגע כאַזאָנים, טרילערדיגע ווייבער, וויינענדיגע גאַלאָכים, גאַווערדיגע פּריילעכמאַכער.

באַ מיר.

באַ מיר אין שטוב.

באַ מיר אין שטוב — צייַשן די פּאַרביקע שיסלען טויטע פּיד־לען, אַלטע מאַטבייעס, טרילערדיקע־ווייבער, דרייט זיך אַרום אַ הוי־כער מענטש און קנאַקט זיך די פינגער, און שפּאַנט אַרויף און אַראָפּ ווי אַ שאָטן וואָס האָט נישט צו ווען זיך צו באַהעפטן, ווען אָפּ־צושאָטענען.

לויט זיגמונד פרויד

ער זאָל איר קינד זיין, ווייל איר טראַכט איז אומפּרוכטיק.

ער זאָל זויגן איר ברוסט, קנייפּן איר לייב, זי שלאָגן מיט די פויסטן אין פּאָנים אַריין, ווי אַ קליין קינד.

„שלאָג מיך, שלאָג מיך ווי אַ זון" — זאָגט זי, און זי שלאָגט זיך מיט זיינע הענט און זי טוליעט אירע בריסט צו זיינע ליפּן, און

זי רייסט זיך, בייסט זיך, וואַרפט זיך, לאַכט, וויינט. ווערט פרייליך, אומעטיג, פאַרטרויערט.

„קום צו מיר, קינד מיינס, וועל איך דיר פאַרקעמען די האָר, און דיך שיקן אין שולע אריין".

ער לאַכט, לאָזט זיך פאַרקעמען די האָר, האַלט ארומגענומען איר שיינעם קאָפּ, שטופּט זיינע מינדסטע פינגער אין אירע אויער־לעכלאך, בייסט זי אין נאַקן. זי ווערט אויפגערעגט.

„וואָס טוסטו, קינד אזוי שפּילט מען זיך מיט א מאמען?"

און זי צעוויינט זיך, און לאַכט, און גיט זיך אים איבער — שטופּט אירע בריסט צו זיינע ליפּן:

„נא, וואַרג דיך, דו שלעכטס!"

עפּעס אַזוינס

איך האָב זיך פיל־אָנגעטראַכט מיט איידל־ביטערלעכע טראַכ־טונגען און זיי פאַרזיגלט אין מיר.

איך פאַרגין מיר נישט האָנאָע צו האָבן פון דער טרייפער האָנאָע וואָס ציטערט אין מיר.

נאָר עפּעס אין מיר ווייסט, אַז ערגעץ אין מיר ליגט אָנגע־טראַכט איידל־ביטערלעכע טראַכטונגען, פאַרשמעקן מיין לעבן און מאַכן עס ווי א הויך פון א פרימאָרגן אַף א קראַנק רויזנבלעטל.

און וועט מיך דאָס לעבן צעברעכן, וועט דער איידעלער הויך אויפגיין און איר וועט פילן דעם טאַאַם פון מיין לעבן, וואָס איז געווען אזוי געשמאַק ווי קאַלינעס וואָס פלאַמען אין פראָסט.

א שפּין איז געשטאָרבן

(פון די „דעלוזיעס")

א שפּין איז געשטאָרבן אַף מיינע נאַכט־לייליעכער. איך האָב מיך א צאַפּל געטאָן. א רוף געטאָן: איצכאַקטום, איצכאָקטום, דער טויט איז דאָ. אין מיר האָבן זיך צעאַרבעט די געבליטן. געטראַכט מיטן קויכאַדאָס וועגן אַן אויסגעשטערקטן לאַנגלעכן, מיט א פוס, וואָס קוקט ארויס פון אונטער דעם לעצטן לייליעך. קאַלטער, בלאַסער פוס אונזערער.

ניין. אונזער פוס — וועלכער פוס? — איז וואַרעם. די נעגל אָפּגעשוירן, אָפּגעבאָדן, באַפּודערט.

ווען דער פוס זאָל קענען אָפּהייבן ס'היטל און זאָגן א דאַנק.

האָט ער נישט קיין היטל.

אַלע גלידער האָבן באַדאַרפט האָבן אַ היטל, אין רעגעס פון גנאָד, פון דאַנקשאַפט, צו קענען אַראָפּציען דאָס היטל און דאַנקען.

דער פּראָסטער וואָגן

אַלץ איז איינגעשפּאַנט אין פּראָסטן וואָגן פון נוצלעכקייט.

אַפילע די מענטשלעכע מידע פון שטאָלצקייט איז בלויז אַ מעשאָרעס באַם גוף, וואָרין אַז מ'איז שטאָלץ, גייט מען מיט אַ אַרויסגעשטעלטער ברוסט, אָטעמט מען שטאַרקער, עסט מען גע־זונטער, באַשלאָפט מען אָפטער.

אַלע וועגן פירן אין בעט אַריין און אַלע בעטן פירן צו דעם קו־מענדיקן דאָר, וואָס מיר זענען מעכויעוו צוצושטעלן דער נאַטור, ווייל זי, די נאַטור, וויל זיך אַליין נישט פּאַטשקען דערמיט.

קאַפּריז נומער...

איך שרייב דיר, מיין איינִיקל, אַז דו ביזט אַ גרויסער אידיאָט, און דיין פרוי איז זייער אַ קלוגע. אָבער דערפאַר וואָס דיין פרוי האָט כאַסענע געהאַט מיט אַזאַ אידיאָט, ווי דו ביזט, בעיס דו האָסט כאַסענע געהאַט מיט אַזאַ קלוגער פרוי איז אַ באַווייז, אַז זי איז נאָך אַ גרעסערע בהיימע ווי דו. און דעריבער איז זי פאַר דיר אַ פּאַסיקער שידעך. און אַזוי ווי דו האָסט געטון אַ פּאַסיקן שידעך און דיין פרוי נ י ש ט, איז אַ באַווייז, אַז דו ביזט נאָך קליגער פון איר, און דאַריבער האָט זי אויך געטון זייער אַ גוטן שידעך.

מעשענע זייפנבלאָזן

נעם איך אַ ווייסע ליים־ליולקע, טונק איין אין זייף־שאָם און בלאָז — האָפענונגען אַזוינע.

גיבן זיי זיך אַ פאַרפינקל אין דער זון — עפּעס־אַזוי־אָ, ווי מיינע אויגן אַליין וואָלטן געווען זייפנבלאָזן, וואָס ווילן באַלד פּלאַצן דאָס האַרץ, דאָס רויטע בעבערל, וואָס זאָגט אונז אָן ווען ס'איז מיטוואָך־קוידעש, גיט זיך אַ צעצאַפּל אין טויט־שיינקייט, און פאַר־בלענדט די בלוטן מיט אַזאַ ליכטיקייט!

ווילטן זיך עפּעס אַזוי צוליגן די ליפּן צו דער ציטערדיקער רונדקייט פון דעם קאָלירטן זייפנבלאָז און — כ'ווייס וואָס?

אָבער דער זייפנבלאָז צערייסט זיך צעשפּרינגט און ווערט נישט.

א קליין, מיעס סלינעלע, ווי פון קינדס ליפּן, וואָס האָבן נאָר וואָס געשמייכלט.

נעם איך נאָכאַמאָל די ליים־ליולקע, טונק ווידער אין דעם גרויען, ביטערן זייף־שוים און מאַך מיר ווידער עפּעס־אַזוינס, וואָס איז פּאַרכטיק־שיין ווי דער טויט און פאַרגייענדיק ווי דאָס לעבן.

האָט מען ראַכמאָנעס אויף מיין אומנוציקער אַרבעט און מען זאָגט:

— הער זיך איין, מיר'ן דיר מאַכן אַ מעשענעם זייפנבלאָז, — וועט זיין אַסאַך שטאַרקער און ניצלעכער.

נאָר ווער וויל נוצלעכע זייפנבלאָזן?

נאַראַיעוו

אידן זינגען זיך אונטער, בינדן פאַנאַנדער די „טאַליעס" פון די פורהענגלעך, אָפּגעגעסן — שלאָפן.

אַ ליכטיקער שאַבעס־קוואַס גיסט זיך איבער די דעכער, איבער די פּרי־זומער סטעזשקעס, די שויבן־קעסטלעך פעכלען און בלישטשען די ציגעלעך מאַכן מע, די ווערבעס און די האָפּען צעשמעקן זיך צעטראָגן זיך איבער די טירן, גאַנוועגען זיך לעבן די פענצטער־שפּאַ־רעס, רופן אַרויס.

איבערן בריקל טרייבט אַ שייגעצל אַ בעהיימע, דרייט זי באַם עק ווי אַ קאָרבע. זי שרעקט זיך פאַרן בריקל, לאָזט זיך נישט. ער דרייט ווייטער, ווי אַ קעסטל־שפּילער, נאָר זינגען זינגט ער נישט.

דער ראָוו מיט די בעלמעדיקע אויגן און מיסער זאַפּראַן־באָרד קוקט אַרויס דורכן בייסהאַמעדרעש־פענצטערל, גיט אַ פיר די שפּיץ־פינגער איבערן פענצטער, מורמלט עפּעס, דערשלאָגט אַ זינדיקן גע־נעץ, וואָס לויערט אים אין גומען, שפּאַרט זיך אין נאָז אַריין ווי עפּעס געשמאַקס. וויל נישט נעהנע זיין פון אוילאָמאַזע.

שניידער־מיידלעך מיט שניידער־יונגען גייען צום הויכן באַרג שפּילן אַ ליבע. סטענגעלעך פליען אין ווינט, קעלניש־וואַסער שמעקט. הויכע שטייענדיקע קראַגנס רייצן זיך מיט פרומע אידן, באַזיידנטע שווארצע, קליין־קאַלנערדיקע.

אַ פּאָר כניאָקישע ווינטלעך שפּילן זיך באַ אַ בלעטל שיימעס וואָס איז אַרויס פון שיימעס־קאַסטן פון פּאָליש. דרייען עס אַהער־און־אַהער, ווילן עס איבערלייענען, קענען נישט, גיבן אַ קוש מיט דער נאָז און לויפן ווייטער זייער וועג. נאַרישע שטריימלעך מיט קלוגע

פֿוקסענע עקעלעך גיבן אַ בלישטש איבער דער גאָלדנקייט פֿון טאָג. פֿוקסלעך, פֿוקסלעך, וואו האָט איר איבערגעלאָזט אייערע עקן? אַף װעמענס קאָפּ?

דאָס זונעלע גייט שוין אַהיים — רוען. אַרומגעדרייט זיך אַזאַ שאַבעס איבערן הימל, אַפֿילע אין קיין סייפֿער נישט אַריינגעקוקט, מ'שטיינס געזאָגט.

ס'פֿאַרבלאָט זיך די נאַכט, קומט אָן מיט שטעקשיכלעך. די זאַנגען זינגען אַפֿן פֿעלד, לייגן די קעפּלעך אַהין, נאָר אַהין. איר קענט זיי בעשום אויפֿן נישט איינרעדן, אַז מ'דאַרף לייגן ס'קעפּל אַהער.

און דאָס שטאָט־טייכל רוישט, דרייט די מיל מיטן מינדסטן זינגער (ס'האָט באַ אים אַ װערט!), צעשוימט זיך אַף שיינע שוימען. שפּרייט זיך אַליין אויס, װײַל עפּעס און קען זיך נישט דערטראַכט װאָס.

(צירונג־בילדל, צירונג־בילדל, הענג־דיך אויף אַף מיין װאַנט װאו עס הענגט דער זייגער מיט די שטייענדיקע װייזערס, פֿול מיט שפּינען אינעווייניק).

װען די אויגן זעען זיך אַליין

יאַפּאַנער האָבן נישט נאָר לאַקירטע קעפּלעך, לאַקירטע קונסט נאָר אויך לאַקירטע געשיכטעלעך.

איינס פֿון זיי:

עמורא האָט געפֿונען אַ שפּיגעלע.

װאָס איז אַזוינס אַ שפּיגעלע?

עמורא װייס נישט.

ער װייסט נאָר: אינעווייוניק איז עפּעס אַ פּאָנים, װאָס איז ענלעך צו זיין טויטן טאַטן. קושט ער עס, באַהאַלט עס אונטערן קישן, איז אומרואיק, גאַנוועט זיך אַלע מאָל אונטער און קושט עס.

קריגט עמוראס װייב אַ כשאַד: װאָס קען דאָס זיין, װאָס ער פֿאָרעט זיך דאָרטן אַזוי אָפּט?

שפּירט זי אונטער — ביז זי דערשנאַפּט װי ער גאַנוועט זיך אַריין אין זייער שלאָפֿצימער, נעמט אַרויס עפּעס אַ בלישטשענדיקס און קושט עס.

אַז ער גייט אַוועק, נעמט זי אַרויס ס'בלישטשענדיקע, װײַל געוואָר װערן װאָס קושט ער דאָרט אַזוינס. זעט זי עס איז אַ פֿרוי, אַהאַ, געכאַפּט.

נעמט זי און מאכט אים א לאקירט שיין סאקאנדאלכען. ווארפט אים אין קאפּ אריין א געזילבערט פאנטאפעלע, און זאגט, אז זי וועט זיך אויפשניידן דעם בויך.

עמורא ווערט אויס־מענטש. אן א בויך, וואס וועט זי אים טויגן?

נעמט ער זיך בעטן, דערקלערט, אז זי האט א טועס, עס איז — זיין טאטע.

לאכט זי און ווייזט א ציילעם אפן בויך — דאס הייסט, אז זי וועט מאכן צוויי שניטן.

נו־נו.

לויפט עמורא אוועק צום גאלעך. קומט ער צוגיין, באטראכט רי בלישטשענדיקע זאך און זאגט:

— קינדער איר האט ביידע א טועס. ס'אי גאר א בילד פון א הייליקן מאן. מ'דארף עס אויפהענגען אין טעמפל.

אזוי איז טאקע געווען: מ'האט ער אויפגעהאנגען אין טעמפל, אונטערגעשריבן: „א בילד פון א הייליקן מאן". אלע מאנצביל וואס האב געלייענט די אונטערשריפט און דערנאכדעם ארייגעבליקט, האבן זיך פארשעמט־געוויטלט און געזאגט:

— יא־יא, טאקע א הייליקער.

„יענע וועלט" — לויטן פעטער איציק

דער פעטער איציק צו מיר:

... וועגן די יענע־וועלט מאינסעם: שטעל דיר פאר — א פונק! האט א פונק אן אינדערמיטן?... קאן מען אשטייגער זאגן, אז דער פונק האט א רעכטע זייט, א לינקע זייט?... קען מען אריינפארן אין א פונק מיט א פאר טויסעפעס־פערד און דארטן האלטן שאבעס?..

וואס ווערט פונם מענטשן נאכן טויט? פרעג מיך עפּס גרינגערס! לעמאי וואס ווערט פון אן אויסגעברענט שוועבעלע? פון אן אויסגעטרוקנטן אזער? — וועט עמיצן איינפאלן צו טראכטן אז ס'איז דא א „יענע וועלט" פאר אויסגעברענטע שוועבעלעך, פאר אויסגעטרוקנטע אזערעס? צי לאמיר טראכטן אזוי? וואס ווערט פון דער רעגע אז זי איז פארגאנגען? וועט דיזעלבע רעגע אפסניי לעבן אף „יענער־וועלט?..." וועט די געגנוווארט אפסניי לעבן אינדער צוקונפט? אויב אזוי, לאמירזשע קלערן, וואוהין וועט זיך אהינטן די צוקונפט?... גיי־שוין בעסער און פוץ דיר אוים די ציין, איציקל... און טראכט נישט פון די אלע נארישע פילאסאפיעס.

פיליגראַן

צישן די צעאַקערטע בייטן אין די מעזשעס זענען שנירלעך שניי געלעגן.

ווי עמיצער וואָלט פּאַרזייט שניי.

האָט זיך גערעכט:

עס וועט אַ שניי אויפגיין אין ליכט־זאַנגען. בליִען מיט פראָסט בלימעלעך. זיך מינען ווי אַ גלעזערנער גאָרטן.

(אַ שאָד וואָס סי פאַלט קיינמאָל נישט קיין קופּער־קאָלירטער שניי. דאָס וואָלט געווען נאָך שענער).

די שניי־זאַנגען וועלן זינגען אַ זומערדיקס, אַף פראָסט־פליטן וועלן דעם זומער קאַפּריז אויפנעמען אין זיך, אים אָפּקילן, אויסניכ־טערן, איבעררעדן.

און צישן די זילבער־זאַנגען פון שניי און די רויט בלימעלעך פון מאָן, וועלן פאַרליבטע פייגל צינדן און לעשן זייער געזאַנג, זייער ליבעריי.

הייסע טאַיוועס און קאַלטע וועלן שמעקן אַפן פעלד. ריינע גלוסטונגען און טרייפענע וועלענישן וועלן זיך מיט די פיס פאַר־בייטן. עס וועט וואַקסן שניי און עס וועלן פאַלן רויטע רויזן פונם הימל.

און עס וועט זיין אַזוי אַנדערש, אַזוי דערפרישנדיק ווי ווען מענטשן זאָלן טראָגן זעקלעך פונקען אַף די פּלייצעס.

מיטן שוואַרצן פאַרטוך איבערן קאָפּ

ווי אַזוי?

נאָכאַמאָל:

אַ מענטש דאַרף זיין העפלעך, צוגעלאָזט. דאַרף שמייכלען צו די קינדער אַנישט קאָן ער קיין געשעפטן נישט מאַכן.

קיינער האָט נישט ליב קיין מענטשן וואָס גייט אַרום אַ שוויי־גענדיקער, אַ שווערער און אַז מען באַטראַכט צו לאַנג אַ שטיקל סכוירע, נעמט ער׳ס אַרוים באַ יענעם פון די הענט, זאָגט „זייטשע מויכל" און קערט זיך אָפּ און זעצט זיך קריק אַוועק אַריינקוקן אין אַ סייפער.

איז וואָס־זשע? דאַרף מען, הייסט עס, שמייכלען און זיין העפ־לעך. וועט דאָס זיין אַ סגולע צו פּאַרנאָסע? ער דאַרף האָבן פּאַרנאָסע ווי איינער דאַרף לעבן. דאָס ווייב איז אים, נישט פאַר אונז גערעכט קראַנק. די עלטערע טאָכטער אַרבעט נישט. דאָס אינגערע באָכערל זיינס איז אַנטלאָפן פון דער היים. פון דער היים אַנטלאָפן און אַוועק־

און נישטאָ אים. נו, איז מיילע. האַ? דער קאָפּ טוט אַביסל ווי אוי ער וויל שלאָפן, אָבער ס'איז גאָרנישט. אַ מענטש דאַרף זיך נישט אַזוי נאָכגעבן דעם טרייפענעם האַלז. דערויף איז'ן דאָך עפּעס איד צי ניין?

עכ־עכ־כע. איז דאַרף מען, הייסט דאָס, שמייכלען און זיין צוגעלאָזט צו מענטשן. פאַרפאַלן. אַז מען מוז מוז מען. וואָס זאָל מען טאָן. יאָ זייט אַזוי גוט. עס איז פאַראַן, פּליז, אַוואַדע איז פאַראַן. אַזאַ גרויס שטיק גאָלד זאָל מען האָבן ווי גרויס דאָס שטיק סכוירע איז. האַ? ס'איז צו העל? פאַראַן באָרוך האַשעם טונקלערס. צו טונקל? פאַראַן צישן העל און טונקל. דאָס הייסט נישט צו העל און נישט צו טונקל. האַ? ס'איז אַנאַנדער מאַטריע? אַביסענקע אַנדערש. אָבער וואָס איז דער כילעק? אין וועלכן סייפער פּראַלניק שטייט געשריבן אַשטייגער, אַז סי דאַרף זיין אַקוראַט זיידאַלין? סאַמעטין איז פּונקט אַזוי גוט, נאָך עפּשער בעסער. סי האַלט זיך בעסער. ווער זאָל אַזוי לעבן? ווער סי וויל דער זאָל אַזוי לעבן. אַוואַדע פעלט נאָך צוב רומל ער זאָל גיין שווערן צוליב אַ פּאָר גראַהצער פאַרדינגסט. ניין? איז ניין. נייטן, נייט מען כאָלילע קיינעם ניש. דאָס שטיקעלע העט אויבן? איין רעגעלע נאָר צושטעלן די שיב־לייטער. אַמבאַמבאַמבאַם, אָט איז עס. פאַרשטויבט? וואָדען האָט איר געוואָלט סי זאָל נישט זיין פאַרשטויבט, אַז סי ליגט אַף דער פּאָליצע שוין העכער אַ יאָר? מע דאַרף עס אַ קאַפּינקע אַרומשטויבן. גייטס אַוועק אַביסל ווייטער, צו דער טיר, זייטס אַזוי גוט, על איך עס אויסקלאַפּן מיט דער ווירע. אָט. אוי ווי איז מיר. ניין. ס'איז גאָרנישט. די לייטער האָט זיך אַ גליטש געטאָן. אָבער ס'איז גאָרנישט. ס'טוט נאָר אַביסל ווי אָט דאָ־אָ. אוי, אַם, איז וואָס זשע האַ? ס'איז נישט דאָס (אוי) וואָס איר דאַרפט. שאַ, עפּשער דאָס?

ער האָט זיך דערמאָנט אַז ער דאַרף שמייכלען און אַרויסגעצאַרבאַלעבאַיעמט אַ דין שמייכעלע אַף די פאַרטריקנטע ליפּן. צעוויקלט דאָס שטיקל שטאָף. געקוקט ווי יענער טאַפּט און טאַפּט, רייבט צישן די פינגער, לייגט עס צו צום פּאָנים צו פילן די גלאַטקייט פון שטיקל סכוירע, און ווידער געריבן צישן די פינגער געפּרופט דורכבלאָזן דורכן געוועב. אַרויסגעצויגן אַ פאָדעמל און עס געפּריפט מיט די ציין. עס אונטערגעצונדן מיט אַ שוועבעלע. אַרויפגעשפּיגן, צו זען צי עס וועט זיך וואַשן. פאַרשמורעט איין אויג, דערנאָך ס'אַנדערע, זיי צעעפנט ברייטער ווי געווינלעך, ווידער אַרויפגעשפּיגן און געריבן מיט די קויטיקע פינגער אַף דער איידעלע מאַטעריע.

דאָ האָט זיך געהערט אַ געזיפּצטער, אַ קליינער: „זייט־זשע מוי־כעל!"

דער מענטש, וואָס האָט אַלפּיסייכל באַדאַרפט שמייכלען, האָט אַרויסגענומען ס'שטיקל מאַטריע פון יענעמס הענט. עס קריק צונויפּ־געוויקלט, עס אַרויפגעלייגט אַף דער ערשטער און בעסטער פּאָליצע; זיך אָפּגעקערט און זיך געזעצט אַריינקוקן אין אַ סייפער און געזאָגט ווי טאָמיד: טאַמבאַמבאַם.

אינדערזעלבער צייט איז געשטאַנען דער שטעטלישער קאָוועל באַ דער האָרנע, געבלאָזן דאָס שיינע פייער, און באַלד גענומען אַריינ־קלאַפּן זיין גאַנצן האַרצוויטיק אין אַ פּידקאָווע אַריין... און אַז לאיבטשע פּיסעסאַרס כאָסנבאַכער איז נאָכמיטיק געפאָרן רייטנדיק איבערן שטראָז, האָט ער געריטן אַפן שמידס האַרצוויטיק, פון וועלכן ס'האָט געשפּריצט בלאָע פינקען...

וואו מ'שטעלט אָפּ ס'רענצל

דאָס האָטעלכן איז ציכטיק, וואַרעמלעך. דער דאַמפּ־וואַרעמער איז ווי אַ צעצויגענע אָפּגעזילבערטע האַרמאָניקע און ס'שפּילט אַ זורנדיקס.

שטעל־אָפּ ס'רענצל, מענטש! (איך צו מיר אַזוי).

איך שטעל־אָפּ ס'רענצל. זעץ זיך אַפן בעט, וואַרף אַראָפּ די קליידער און דערזע דעם שפּיגלמאַן וואָס וואַרט אַן אויסגעטאָנענער אַף מיר, מיט בלאָלעכע ראַנדן אונטער די אויגן און פּריקרע דער־וואַרטענישן אַף עמיצן, וואָס וועט אים געבן ניט קיין פרייד, נאָר דאָס פּאָשעטסטע, דאָס מענטשלעכסטע.

טו זיך אָן, מענטש! (איך צו מיר אַזוי).

איך טו מיך אָן, גיב אַ בלאָז די האָר אַף דער לינקער זייט פון מיין האַנטפלאַך און אַ זיסע קילקייט לויפט אַרויף צו די עלנבויגנס.

דער רויך פון מיין פּאַפּיראָס, וואָס כ'האָב אָוועקגעלייגט אַפן אַש־טעצל גייט אויף צו דער סטעליע, איז זיך מאַקריוו פאַר דעם גאָלדענעם פּרויעלע אַפן מונדשטיקל.

פּאַפּיראָס, פּאַפּיראָס! איך קום דיר צו מעלדן, אַז דו ביזט שוין נישטאָ, און אַז דיין גאָלדן פּרויעלע ברענט שוין אויך.

דאָ קלינגט דער טעלעפאָן, און איך זאָג צום באַלעבאָס פון האָטעלכן:

— יאָ, לאָזט זי אַרויף. זי איז מיין שוועסטער.

(„אָ, שוועסטער, שוועסטער, שוועסטער מיינע!" — רעד איך צו מיר אַליין און קנאַק מיר די פינגער).

גאָטס קראַנקער אויער

אינדערפרי אין הימל.

גאָט איז ערשט אויפגעשטאַנען.

ער טרינקט אויס א פעסל קאַפע, וואַרפט אריין אין האַלז אריין אַן אָנגעצונדן שוועבעלע — ער זאָל בעסער ברענען, פון אינעווייניק און פון אויסעגווייניק. הייסט די בלאָנדע מאַלעכטעס, זיי זאָלן אים אָפּשפּילן דעם רעפּערטואַר. די מאַלעכטעס פּאַרקאַטשען די וואָלקן-קליידלעך, נעמען הויבן די פּיס. גאָט אַרבעט אַליין אַף דער בלעך, טרע-פעט, זי זאָל ציטערן. ס׳דונערט, ער ציט אַרויס אַ בליץ פון דעם בליצן-פעסל, ווי מ׳ציט אַרויס אַ הערינג, דערלאַנגט אים אַ וואָרף אַראָפּ, צילט אים צו טרעפן אַף אַן עלטערן אידן, וואָס וואוינט אַפן יופּיטער — צילט זיך מיט אַ פאַרזשמורעט אויג — צו טרעפן דעם אידן אַקו-ראַט אַף דער רעכטער פּייע. ער וויל אים אָפּסמאַלען די פּייע און אי-בערשרעקן אַף טויט. דערפאַר, ווייל דער איד (פייוויש ווי-הייסט-ער-דאַרטן) האָט אים „אָפּגעפּיקט" מיט אַ דאַוונען. דער בליץ פאַלט, פייוויש-ווי-הייסט-ער-דאַרטן לאָזט אַרויס אַ געשריי, גאָט כאַפּט אַרויף ס׳געשריי אַף זיין געטלעכער, ברייטער דאַלאָניע, ווי איינער כאַפּט אַ פליג. דערנאָך בלאָזט ער עס אַראָפּ און בלאָזט עס אַריין אינעם שמאַטע-פעסל פון — אַלטע געשרייען.

גאָט מאַכט-אויף ס׳מויל צו גענעצן. אַ פייער גיט אים אַ שאָס אַרויס פון מויל, און בריט-אָפּ די הויפּט מאַלעכטע, וואָס ליגט לעבן אים אַף אַ האַרטן זויער-געוואָרענעם וואָלקן. די מאַלעכטע וויל אַ געשריי טאָן פון ווייטיק, אָבער זי ווייסט, אַז דאָס שמעקט מיט — זיבן יאָר הימל-קאַטאָרגע. שווייגט זי און צעשאָקלט אים דאָס קישע-לע אַפן קיסע-האַקאָוועד, און זאָגט אים:

— גאָט, דו ביסט גרויס!

— וואָס בין איך? — פרעגט גאָט איבער און לייגט-צו אַ האַנט צום אויער.

— דו ביסט גרוי-ס-ס! — שרייט די מאַלעכטע אַף אַ קאָל — נעענטער צו גאָטס אויער (צוגיין זייער נאָענט האָט זי מורא, ער זאָל זי נישט אַ כאַפּ טאָן און אויפהענגען אַפן אויער, ווי אַן אוירינגל...

ער האָט דאָס שוין אַמאָל געטאָן מיט צוויי יונגע מאַלעכטעס: יעדן פון זיי געהייסן זיך איינבייסן מיט די ציין אין זיינע האַרטע אויער-

לעפּלעך, און ער איז אַזוי געגאַנגען שפּאַצירן... יענע האָבן שיר פאַר־לוירן דערביי ס׳געזונט)...

— גרויס? האַ? — זאָגט איבער גאָט. יאָ־יאָ, מאַכט ער, איך בין שוין איינמאָל גרויס. איך בין צען מאָל, מאַכט ער, גרעסער פון וועלכן גאָט איר ווילט אַליין. איך בין דער איין־און־איינציקער גאָט, מאַכט ער, אין גאַנצן קלומיקל מיט וועלטן. די אַנדערע געטער זע־נען — סמאַרקעס, אינגלעך... זיי האָבן באַ מיר אַ ווערט, איך ווייס, אָט אַף אַזויפיל (ער ווייזט אַף אַ שטיקל נאָגל) איך בין אַדאַשעם און יעהאָוואַ און צבאות...

— יצו־וואָ־עס? — פרעגט דער וויציקער טייוול, וואָס פליט פאַר־ביי מיט מעלאַמער אַף די פּלייצעס.

— דו! דו! — שרייט אים גאָט נאָך. — זיי נישט אַזוי קלוג. פון ווען אָן ביסטו אַזוי קלוג געוואָרן!

דער טייוול בלייבט שטיין אַ פאַרציטערטער און הויבט־אָן פינטלען מיט אַן אויג. איך האָב, זאָגט ער, גאָרנישט געמיינט.

— גאָרנישט געמיינט? — זאָגט גאָט און קוקט אים אָן מיט אַן אויג, וואָס דרייט זיך ווי אַ רעדל — גאָרנישט געמיינט, האַ? — אויב אַזוי... (ער טראַכט עפּעס אַ שטראָף און קען נישט אויסטראַכטן) אויב אַזוי, לאָז אָפּ דעם אידן, וואָס דו טראָגסט אין געהנעם אריין, און גיב אים אהער, וועל איך אים אריינוואַרפן אין גאַניידן אריין — דיר אַף צולאָכעס...

— אָלרייט — זאָגט דער טייוול און לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, — טו מיר צולאָכעס. איך קען דיר גאָרנישט טאָן. אָבער כ׳וויל זאָלסט וויסן זיין, אַז דער איד, וואָס איך טראָג אַף די פּלייצעס האָט געגעסן כאַזיר אום יאָם־קיפּער, ווען ער איז געלעגן מיט אַ שיקסע אין בעט.

— אַ נייער פאַרזאָרגער מיינער! — גיט גאָט אַ צי מיט דער נאָז... פון ווען אָן ביסטו מיר געוואָרן אַזוי געטריי? גיב אהער דעם אידן!!!

דער טייוול איילט זיך נישט. גאָט גיט אַ כאַפּ דעם אידן באַ אַ פוס, גיט אים אַ טלים־אריבער אין גאַניידן אריין, אַז דער איד ווערט שיר צעשאָטן...

— איצט גיי! — זאָגט גאָט. — איך וויל מיר אָנטאָן די הויזן. וויל איך נישט, אַז — מענער זאָלן זיין דערביי.

— אָבער דו וועסט מיר גאָרנישט טאָן? — קליאַנעט זיך דער טייוול, אינגאַנצן אַ צעקראָכענער פון פּאַכעד.

— איכ׳ל זען שפעטער! — מאכט גאָט און גיט אים א בלאָז־אוועק פון זיך.

גאָט טוט א פאטש מיט די הענט און גיט א געשריי:

— הויזן!

צוועלף יונגע מאלעכטעם קומען גלייך צופליען און ברענגען די אסבעסטאָס־הויזן, גאָט קריכט אריין אינעווייניק, מיט דונער און בליצן. דערנאָך זעצט ער זיך אפן קיסע־האקאָוועד פון לויטער פייער, און הויבט אָן... רעגירן איבערן אוניווערז.

ער רעגירט קנאפע צוויי מינוט אפן זייגער, ווערט אים נימעס דער גאנצער אייסעק, און ער גייט אוועק איבערן גאניידן, כאפט די צאדיקים, וואָס זיצן אף די בוימער און ווארעמען זיך אין זיין „זיף", און — צעקוועטשט זיי, ווי פליי, און ווארפט זיי אראָפ... עס ווערט א געקוויטשעריי — ווי צישן הינער, אז סי באווייזט זיך עפעס א כאיע, וואָס דישעט... אלע נעמען זיך אף גיך אָפקלאפן מיט די ליפן דעם „קאָדויש־קאָדויש". אָבער גאָט הערט נישט און זעט נישט... ער איז פארנומען מיט זיך אליין. ער טראכט: „דאָס רעכטע אויער טוט מיר וויי, וואָס טוט מען".

דערווייל ווי ער גייט אזוי פארטראכט איבערן גאניידן, פאלט אים איין, אז ער וועט אָפטאָן א קונץ — ער וועט נעמען צוויי פוילע גאניידעניקעס און זיי הייסן זיך בייטן מיט די קעפ...

גאָט קלייבט אויס איינעם מיט א דיקן האלז, און איינעם מיט א דין העלזל. ער גיט א דריי אפ איין קאפ און דעם אנדערן, און גיט זיי א פארבייט.ביידע אידן שטייען פארגאפט. די קעפ שאָקלען זיך פון איינענעם זאמעך, און די פיר אויגן קוקן זיך אָן ווי מעשוגע.

אָבער גאָטס אויער־ווייטיק לאָזט נישט אָפ — שוין אבער א יוועל, אז עפעס איז אים אריין, — ער ווייסט נישט וואָס...

גאָט גיט א גענעץ און גייט קריק ארויס פון גאניידן. אפן וועג צום טפילע־מאגאזין טרעפט ער ווידער דעם טייוול — יענער קריכט אף אלע פיר און קליאנעט זיך בא א ברעג פון גאָטס אסבעסטאָס־פלודערן.

— וואָס ווילסטו? —פרעגט גאָט און גיט אף אים נישט קיין קוק.

— דו וועסט מיר גאָרנישט טאָן? — גייט אים דער טייוול נאָך ווי א הונט אף פיר פיס.

—כ׳על דיר גאָרנישט טאָן! — זאָגט גאָט.

— שוועך דיך! — בעט זיך דער טייוול.

— איך דארף מיך נישט שווערן — זאָגט גאָט — בא מיר איז

אַ וואָרט, אַ וואָרט. אָט האָב איך, לעמאָשל, געזאָגט, אַז איכ'ל קיינ־מאָל מער נישט ברענגען קיין מאכל אַף דער וועלט...

— נו, און גאַלוועסטאָן ?... — פרעגט דער טייוול און בויגט זיך אָן, ער זאָל נישט כאַפּן קיין זעץ.

— גאַלוועסטאָן ? — פרעגט גאָט — וואו איז „גאַלוועסטאָן” ?

— אין טעקסעס — עטפּערט דער טייוול.

— וואו איז טעקסעס ? — פרעגט גאָט.

— טעקסעס איז אין אַמעריקע — ענטפּערט דער טייוול.

— און וואו איז אַמעריקע ?

— אַפן ערד־קוגל...

— ערד־קוגל ? — זאָגט גאָט — וואו האָב איך אַן ערד־קוגל ?

— אַף דרערד — זאָגט דער טייוול און קושט דעם זוים פון גאָטס אַסבעסטאָס־הויזן. (אַפן הוילן אָרט האָט ער אים מוירע צו קושן — ער זאָל זיך נישט אָפּבריען) — אַף דער וועלט...

— שאַ ! — זאָגט גאָט. — איך דערמאָן מיך שוין טאַקע, אַז איך האָב אַמאָל געהאַט אַזאַ זאַך, ווי אַ וועלט... אָבער איך האָב שוין לאַנג נישט געהערט פון איר... וואו איז זי אַהינגעקומען ? דו ווייסט עפּשער ?

— איך ווייס נישט ! — ענטפּערט דער טייוול און קריכט אים נאָך אַף אַלע פיר — איך האָב אויך שוין אַ שטיק צייט נישט געזען די וועלט... ערגעץ האָט זי געמוזט אַהינקומען... איך האָב דיך גע־וואָלט פרעגן וואו, נאָר איך האָב געטראַכט, אַז ס'איז גלייכער צו וואַרטן, ביז דו וועסט אַליין דערמאָנען וועגן דעם...

גאָט האָט צוגעלייגט צום רעכטן אויג אַ קליין שפּאַקטיוול, ווי אַ זייגערמאַכער, געגנועמען אַראָפּקוקן פון הימל און זוכן.

— נישטאָ די וועלט ! — האָט ער געזאָגט — ווי אין דרערד אַריין...

— ווייסט, וואָס מיר פאַלט־איין, גרויסער גאָט ? — מאַכט דער טייוול און הויבט זיך אויף.

— וואָס ?

— מיר פאַלט איין, אַז די וועלט האָט דיר געמוזט אַריין אין אויער אַריין... ווייל איך האָב שוין אַליין אויך געזוכט אומעטום און זי נישט געקענט געפינען. און איצט, אַז איך האָב געהערט, אַז דו באַקלאָגסט זיך אַפן אויער, איז מיר איינגעפאַלן.

— קוק מיר אַריין אין אויער אַריין ! — האָט געזאָגט גאָט און געגעבן דעם טייוול זיין פיר־קאַנטיק שפּאַקטיוול.

—יאָ, דאָס איז דאָס — האָט געזאָגט דער טײַוול — די וועלט איז באַ דיר אין אויער, גאָט. וואָס וועסטו איצט טאָן?

— נישט דיין אייסעק! — האָט געזאָגט גאָט. — גיי דיין וועג!

דער טײַוול האָט זיך אָפּגעטראָגן. גאָט איז געבליבן אליין צווישן די ווינטן און שטערן, דאָס אויער האָט אים אביסל דאַקוטשעט, און דאָס אייגענע לויכטן־און־בלישטשען האָט אים געשווינדלט פאַר די אויגן.

ער האָט זיך ווידער אַנידערגעזעצט אָפן פייערדיקן קיסעאַקאָוועד, גענומען דעם גרויסן ברענעדיקן גאָפּל אין דער האַנט אַריין, זיך צעשמייכלט מיט אַ קליין ביטער שמייכעלע און געזאָגט צו זיך אַליין:

— כיטרע איז די ערד־וועלט! איך האָב שוין לאַנג בעדייע געהאַט, זי צו מינעווען און אויפרייסן און פאַטער ווערן פון איר, אָבער איצט — קען איך עס נישט טאָן, ווייל איך וואָלט באַדאַרפט אויפרייסן ס'אייגענע אויער... דערפאַר וועל איך קיינמאָל נישט מער הערן דאָס געשריי און דאָס געוויין פון די איינציקע, נאָר פון דער גאַנצער רווישנדיקער פליג, וואָס הייסט ערד!

דאָ האָט גאָט צוגעלייגט די האַנט צום קראַנקן אויער און — אַלצדינג איז אַנטשוויגן געוואָרן. — — —

„פרינצן"

(אַ קאָמעדיע)

פערזאָנען:

דער רעדאַקטאָר פון אַ צייטונג

קוציק, דער ראָמאַנען־שרייבער.

אָרט: — דעם רעדאַקטאָרס אָפיס.

רעדאַקטאָר (צו קוציקן, וועלכער קומט אריין מיט אַ צונויפגעראָלטן העפט אין האַנט): — אָ, קוציק, העלאָ! וואָס מאַכט מען עפּעס? (ווייזט אים אָן אַף אַ בענקל) זעצט זיך אַוועק אַ ווײַלע. איך האַלט אין פאַרענדיקן דעם לייט־אַרטיקל וועגן אידישער קולטור. (ווי צו זיך) אַ זעלטן לייט־אַרטיקל ביי מיר היינט... איך רייב דאָרטן אַ קריזש דעם רעדאַקטאָר פון „טעגלעכן צייגער" און גיב אים אַוועק אַ סטאַק, אַז ס'וועט אים פינצטער ווערן אין די אויגן, דעם פּיפּערנאָטער...

קוציק (שמייכלט צו אים): — דאַצרייט! רייבט אים אים אַ מאָרדע! דער באַלעבאַטישער אידישער לעזער האָט האָלט, אַז פאַר זיין פּעני זאָלן זיך אידן גוט אויסזידלען, זיך מאַכן צו בלאָטע! (פאַרטרוילעך) ווי גייט די צייטונג אין אַלגעמיין? הויבט זיך די סירקוליישאָן — הויבצעך?

רעדאַקטאָר: — יעס, סי גייט אַף אַ דערעך... דער „סאָבוויי" לעזט קימאַט דורכוים אונזער פּיפּער. איצט דאַרף מען נאָך זען געווינען דעם „עלעווייטאָר" אויך, וועט זיין אָלרייט.

קוציק: — יעס! דער „עלעווייטאָר"־לעזער איז גאָר אַן אַנדער מין סאָרט לעזער... (מיט אַ וויץ) ער איז געוואוינט צו עטוואָס העכערס...

רעדאַקטאָר: — כע־כע! סאַ פיינער וויץ! האַקט דאָס אריין אין אייער ראָמאַן... (דערמאָנט זיך) שאַ! וואָס הערט זיך טאַקע מיט אייער נייעם ראָמאַן? האָט איר אים שוין פאַרטיק? פאַרגעסט ניט, אַז נעקסטן שאַבעס ענדיקט זיך אָפּ אונזער ראָמאַן „זעקסינזעכציק קאַניבאַלן" (באַגייסטערט) עך! איז דאָס אַ ראָמאַן!...

קוציק (באַשיידן): — אייסיך!

רעדאַקטאָר: — דאָס איז שוין, ווי זאָגט ער, איינמאָל אַ ראָמאַן!... מיט אַזאַ ראָמאַן אַז מ'פּאַרטשעפּעט אַ לעזער, איז נעמט מען באַ אים אַרוים ס'כּייעס, מיטן געזונט, מיט דער נעשאָמע... טראָפּנוויז... און באַ די סאַמע געדיכטע, בעיים דער קאַניבאַל גיט אַ באַפעל צו דער אומשולדיקער ראָזאַ, אַז זי זאָל פון זיך אַראָפּוואַרפן די פּיזשאַמעס, פּונקט דעמאָלט גיבן מיר אַ האַק אַריין אַ „פאָרזעצונג פאָלגט"...

און ווי מיינט איר? וועט שוין דער לעזער מארגן קויפן א פייפער צי ניין? (לאכט מיט גריוון) כי־כי־כי.

קוציק (גרינגשעציק): — עט! מיר שרייבן היינט בעסערע ראמאנען. אט האב איך בא זיך דעם נייעם ראמאן: „די געהיימניסע פון זעקס הונדערט רובל מיט עלף קאפיקעס”. איז דאס פאשעט אטעמפארכאפנד... (לייגט אוועק ס׳פעקל אפן שרייב־טיש) אט איז די מאכערײ... און זייט אזוי גוט און שטעלט מיר אוים א טשעקל אף פערציק דאלאר...

רעדאקטאר (נעמט צו דעם מאנוסקריפט און וועגט אים אין דער האנט): — ס׳איז עפעס זייער לייכט!

קוציק: — וואס הייסט לייכט?... ס׳איז בא מיר א סטיל אזא... א לייכטער סטיל!...

רעדאקטאר (רייבט זיך די נאז): — איז ווילט איר, הייסט עס, א טשעקל אף פערציק דאלאר?

קוציק: — אט אזא פאנים האט דאס! (וואזשנע) וואס־זשע, עס איז עפשער ניט ווערט דאס געלט?

רעדאקטאר: — וואס מיינט איר? היינטיקע צייטן איז פערציק דאלאר א שלאל מיט געלט... (מיט א זיפץ) פון דעם סאבוויי־לעזער אליין איז, נאך אלעמען, שווער צו עקזיסטירן... אט, ווען מיר קענען ארייַנקריגן דעם „עלעוויטאר” אויך!

קוציק (מיטן זעלבן וויץ ווי פריער): — וועלל. דער עלעוויטאר־לעזער איז אן אנדער סארט לעזער... יענער איז געוואוינט צו עטוואס...

רעדאקטאר (כאפט אונטער): — העכערס. (פארגעסט, אז ער האט אים שוין פריער געגעבן די זעלבע אייצע) ס׳א פיינער וויץ! איר וואלט אים באדארפט אריינהאקן אין אייער ראמאן...

קוציק: — מיין ראמאן נוויטיקט זיך ניט אין קיין ביליקע עפעקטן. מיין ראמאן איז אזוי אויך גענוג צאפלדיק...

רעדאקטאר (דערמאנט זיך ווידער עפעס): — שא! וויפיל האט איר פרינצן אין אייער ראמאן?

קוציק: — פיר!

רעדאקטאר (פארקרימט די נאז): — וואס? בלויז פ י ר פרינצן? — דאס אלעס?

קוציק: — וואס־זשע, ס׳איז אייך ווייניק פיר פרינצן?... סאכאפל קומט אוים צען דאלאר אף א פרינץ. (נעערגערט) גיט מיר קריק דעם מאנוסקריפט!

רעדאקטאר (קאלט): אלרייט, נאט אייך קריק די מעציע!

קוציק (וויקלט איין דעם העפט אין צייטונג־פאפיר, מורמלט): —

ס'איז זיי נאָך ווייניק פיר פּרינצן, איז זיי נאָך ווייניק... (העכער) איך וואָלט אַ באַלן געוועזן זען, ווער ס'וועט דאָס איך מאַכן ביליקער... (רוקט זיך צו דער טיר און צעגערט.)

רעדאַקטאָר: — אַז ס'איז נישט קיין פראַגע פון ביליקער! ס'אַ פראַגע פון צו־ווייניק פּרינצן — אָט וואָס די פראַגע איז!

קוציק (נאָכגעבנד, מאַכט אַ שריט אַף קריק): — אָלרייט! וועל איך אייך צוגעבן אַ בישאָף אָדער אַ קאַרדינאַל... גוט?

רעדאַקטאָר: — וואָס זאָגט מען נישט צו דעם אידן? איך דער־ציילֿ אים, איך דאַרף האָבן נאָך צוויי פּרינצן — גיט ער מיר אַ בי־שאָף מיט אַ קאַרדינאַל...

קוציק: —אָלרייט... איז נישט!... (ווי צו זיך אַליין) זעקס פּרינצן וועל איך אים געבן פאַר פערציק דאָלאַרעס... מנאַ! לאָמיר גייען אַהיים... (מאַכט אַ שריט צו דער טיר און בלייבט ווידער שטיין) אויב איר ווילט, וועל איך אייך צוואַרפן נאָך צוויי קאַרדינאַלן... דאָס איז דאָס בעסטע, וואָס איך קען טאָן אונטער די אומשטענדן!

רעדאַקטאָר: — וואָס טויגן מיר אייערע קאַרדינאַלן־שמאַר־דינאַלן? מיר דאַרפן האָבן נאָך צוויי פּרינצן!

קוציק: — פּרינצן! (אַנטשלאָסן) ניין, פאַר פערציק דאָלאַר קען איך מער נישט געבן ווי פיר פּרינצן. (לאָזט זיך גיין) גוד־באַי!

רעדאַקטאָר: — וואָס לויפט איר? (מאַכט פשאָרע) ווייסט איר וואָס? וואַרפט כאָטש צו נאָך 1 פּרינץ און לאָדים נעמען אַן עק.

קוציק (שוין מער טאַקעף): — וואַרפט איר צו נאָך אַ פינפערל, וועל איך אייך צוּוואַרפן נאָך אַ פּרינץ מיט אַ קאַרדינאַל...

רעדאַקטאָר (שוין אויפגערעגט): — לאָז מיט אייך וואַרפן אין קאַדאָכעס... (ווייזט אים די טיר) גיראַריהיר!... סקידו!

קוציק (אויך אויפגערעגט): — שאַ! שאַ! וואַרפט נישט אַזוי... מ'האָט שוין געזען אַזעלכע רעדאַקטערע... מיט אַזעלכע דאָס, מיט אַזעלכע... (קען נישט געפינען דאָס וואָרט).

רעדאַקטאָר (ציטערט אַזש פון אויפרעגונג): — ער מיינט, אַז ער האָט געטראָפן אַ יאָלד אַף צו סאָקן געלט! (צו זיך אַליין) איך דאַרף זיינע קאַרדינאַלן — דאַרף איך!

קוציק (ציטערט אויך פון קאַס): — און איר מיינט, אַז איר האָט געטראָפן דעם ריכטיקן סאָקער, וואָס זאָל אייך אָוועקגעבן די פּרינצן בעכאָציכינעם!... נאַ סערי, מיסטערקע! נישט באַ מאָטיען... (גייט אַרויס וואָרטשענדיק) נעם, שטאָפּ אים אַן מיט פּרינצן — שטאָפּ אים אַן!

(פאָרהאַנג)

געשריבן אין יאָר 1911.

דער טראָן שאָקלט זיך

(אַ טעאַטער־כּוויזיקיאַדע)

פּ א ר ש ו י נ ע ן :

קעניג בונעם דער 34טער.
קעניגן גיטעלע (רעדט אונטער דער נאָז.)
הויף־כאַכעם.
מיליטער.
ס׳„פאָלק״.

אַז די סצענע עפנט זיך, זעט מען — אויב מ׳זיצט אין אָר־קעסטער און מ׳האָט אַ גוטן „סיט״ — אַ קעניגלעכן זאַל פון לייוונט, לעבן אריינגאַנג שטייען צוויי העלדישע סטאַטיסטן, אָנגעטאָן ווי פירשטן, מיט ביקסן און שווערדן אין די הענט, נאָר די הויזן שווי־מען אַף זיי אַרום. איינער פון זיי האַלט באַ פאַרלירן די באָרד.

קעניג בונעם (דערשיינט מיט מוזיק, די קרוין אָן אַ זייט קאָפּ פון גרויס אויפרעגונג. ער גיט אַ שיב ס׳קעניגלעכע היטל אַף דעם אַנדערן אויער, טוט אַ פייף מיט די ליפּן און דערנעענטערט זיך צום טראָן, אַף וועלכן ער זעצט זיך אַרויף און פאַלט שיר אַראָפּ. בלייבט שטיין דראַמאַטיש, קוקט אַף דעם קעניגלעכן שטיקל מעבל) :
— מיין טראָן שאָקלט זיך! (גייט אָפּ).

קעניגן גיטעלע (רעדט אונטערן נאָז) : — לייבוואַך פליז! העלפט מיר אַרויפגיין אַפן דראָן!...

איינער פון לייבוואַך (דער וואָס פאַרלירט די באָרד) : — אָל־רייט, מיסעס קעניגן! (העלפט איר אַרויפקריכן. זי וויל זיך אַוועק־זעצן און פאַלט שיר אַראָפּ).

קעניגן גיטעלע (צעוויינט זיך) : — פאַי צו מיר, פאַס איך האָב זיך דערלעבט... אפילע קיין לייִדיש זשדיקל דראָן אָב עך ניש... (אָפּ מיט פּלענטי גראַציע).

ערשטער מיניסטער (גייט צו צום טראָן, באַטראַכט אים און זאָגט) : — מ׳עט דאַרפן פיקסן דעם טראָן — ער שאָקלט זיך!

צווייטער מיניסטער (טראָגט גנעלע שטיוועלעך. קומט אַריינ־צולויפן מיט געזאַנג) : — אַך, וואָס הער איך? אַך, וואָס זע איך?... (אַ דרינדזשע פון קעסלפויק) איך זע דער טראָן שאָקלט זיך, שאָקלט זיך, שאָקלט זיך, שאָקלט זיך, אי וויי! (אָפּ מיט דער האַנט אַפן וועסטל פון פאַנצער).

דריטער מיניסטער (צו דער לייבוואך אַף א פיסטל־קאָל): — דער טראָן שאָקלט זיך? טאַקע? פונוואַנען ווייסט מען? (אָפּ).

פערטער מיניסטער (קומט אַריינצולויפן מיט א גוואַלד): — גוואַלד, לאָז מען פיקסן דעם טראָן! גוואַלד, לאָז מען שיקן נאָך א קאַפּיטאַ... גוואַלד, וואָס טוט זיך דאָ אַזוינס? גוואַלד, פּירשטן, אידן, קולטור־מענטשן, פאַרוואָס שווייגט מען?! (אָפּ).

הויפּט־כאָכעם (קאַלטבלוטיק, מיט א פינגער אין נאָז): — מיין מיינונג איז, אַז מ׳דאַרף פיקסן דעם טראָן... אַז נישט וועט ער זיך שאָקלען... (גיט א פינטל צו דער לייבוואך און גייט אָפּ).

(אַרום א האַלבער שאָ צייט איז קיינער נישטאָ אַף דער סצענע. דערנאָך באַווייזט זיך ווידער דער קעניג מיט די מיניסטאָרן און די גאַנצע כאַליאַסטרע).

דאָס „פאָלק״ (וואָס באַשטייט פון צוויי כאָריסטן): — הורא! וויוואַט! עס לעבע! נידער! האָך! פרישע פיש! וואָטערמעלאָן! קופּיטי בובליקי! צוויי פאַר א גראַהצער!

קעניג בונעם (צום „פאָלק״): — בירגער און לאַנדסלייט! אירר האָט זיך אַלע ביידע (ווייזט אַף די צוויי כאָריסטן) פאַרזאַמלט היינט אין די מאַסן, קעדיי אָנצוטוען קאָוועד דעם, וואָס קאָוועד גע־בירט... איך דאַנק אייך דאַרום פון טיפן האַרצן פאַר אייערר צאָלררייכן באַזוך. וואַטשט אונזערע פּאָסטערס פאַר ווייטערע אַנאָנסמענטס...

הויפּט־כאָכעם (גיט א פינטל מיטן אויג צום „פאָלק״ מייסע־כאָכעם, זיי זאָלן זיך מער נישט באַדערן, מאַכמעס ער וועט שוין אַליין אַטענדן צו די ביזנעס).

דאָס „פאָלק״ (גייט אָפּ און איז זיך פּאַשעט מעכאַיע).

קעניג בונעם (ערנסט): — מ׳דאַרף פיקסן דעם טראָן. (סטראַ־שעט) איכ׳ל נישט זיצן אַף אַזא טראָן עליכניש בעשום אויפן... איך וויל א וייכן טראָן, וויל איך, אַז נישט וויל איך נישט די גאַנצע ביז־נעס... (זיפצט) ס׳איז גאָר א קלייניקייט אָפּצוזיצן 35 יאָר אַף א אָרט און קעניגן... באַטאָג, באַנאַכט... זומער און ווינטער... שאַ־בעס און יאָמטעוו — נאָר מ׳זיצט און מ׳קעניגט... (קנאַקט זיך די פינגער) ס׳א לעבן, מ׳שטיינס געזאָגט!...

די מיניסטאָרן (צעשראָקן קוקן זיך איבער): — אַלרייט, מיר׳ן אייך פיקסן דעם טראָן, רעב קעניג־ליבן... אַבי לאָזט אונז נישט שטיין אינמיטן סעזאָן...

קעניג בונעם (אינדעפּענדענט): — בעטס מיך שיין, וועל איך נאָך סטאַפּן די נעקסטע מילכאָמע אויך...

מיניסטער (דערהערט דאָס הינטער די קוליסן, פאַלט אריין מיט א גרויס געוויין): — פּליז, קעניג... טוט עס נישט!... ווי גאָט איז איך ליב!... ס'זיינען נאָך פאראן באַם „פאָלק" באַיעס, וועלכע מ'האָט נישט דערהארגעט, און ס'איז אונז א בושענאַכארפע פאַר די שכיינים (קושט דעם קעניג וואו מ'דאַרף).

קעניג בונעם: — אָלרייט, מיר'ן נישט סטאָפּן די מילכאָמע...

די מיניסטאָרן: — לאַנג לעבן זאָל דער קעניג! וויוואַט! הורא! וואָטערמעלאָן! פינאַטס! קאַלסבראַטן! קופיטי בובליקי! (אָפּ זינגענדיק „שווישאַנאָס יאַקוויוו!").

קעניגן גיטעלע (רעדט נאָך אַלץ אונטער דער נאָז): — קעניג, דער זאַבער (סאַפּער) איז שוין רעדי. גאַיץ עסן זאַבער... (צו די מיניסטאָרן) קומץ אויך עסן זאַבער!

קעניג בונעם: — אָלרייט, לאָמיר אַלע גיין עסן סאַפּער, דזשענטעל־לייט (טאַפּט זיך באַ דער קרוין זיינען) איך וואָלט שוין באַדאַרפט האָבן א נייע קרוין אויך... די קרוין איז שוין אַרויס פון סטייל. איך האָב געזען א נייעם סטייל קרוינען אָפּ דער זעקסטער עוועניו און 32טער סטריט, איז א פּלעזשע צו קוקן אָפּ זיי... און זיי קומען מיט אַזעלכע מעשענע קייטעלעך, וועלכע מ'בינדט צו צום אויער, מ'זאָל עס נישט פארלירן. און באַנאַכט קען מען אין קרוין אריינגיסן הייסע וואַסער און זי צולייגן צו די פיס...

הויפּט־כאָכעם (גיט א פינטל מיטן אויג צו דער לייבוואַך): — גענוג געגנודיעט! לאָז מען גיין עסן סאַפּער!

ערשטער מיניסטער: — דאַצרייט, לאָמיר גיין עסן סאַפּער!

צווייטער מיניסטער (זינגט): — אַך! דאָס עסן!

דריטער מיניסטער (אָפּ א פּיסטל־קאָל): — מ'דאַרף גיין עסן? טאַקע? ווער האָט אונז געזאָגט?

פערטער מיניסטער (מיט א גוואַלד): — גוואַלד, לאָז מען גיין עסן וועטשערע! גוואַלד, ס'איז שוין א פערטל צו זיבן! גוואַלד, פארוואָס גייט מען נישט עסן?! גוואַלד, מ'זאָגט נישט אין אידיש סאַפּער — נאָר וועטשערע, וועטשערע! גוואַלד, ווען וועט איר זיך שוין אויסלערנען רעדן אידיש!

קעניגן גיטעלע (דערשיינט ווידער): — בליז, דזשענטלמען, גאַיץ אריין עסן זאַבער... דער זאַבער ווערט קאַלט...

(אַלע גייען אריין עסן וועטשערע, אָדער ווי די קעניגן רופט עס „זאַבער", און דער פאָרהאַנג פאַלט א קאַרבן פאַר אונזערע זינד, וואָס מייר גייען אמאָל אין אַזוינע פארשיווע טעאַטערס).

אויסבעסערונגען

אַף זייט 17 (29טע שורע) דאַרף זיין: „טוליען זיך 700 טויזנט אַרבעטער“ (אַנשטאָט „70 טויזנט“.)

אַף זייט 21 (7טע שורע) דאַרף זיין „20 טויזנט“ (אַנשטאָט „2 טויזנט“.)

אַף זייט 43 (21טע שורע) דאַרף זיין: „קיין סוידעס“ (אַנ־שטאָט „סודעס“.)

אַף זייט 64 (5טע שורע) דאַרף זיין: „געטאָפּיעט“ (אַנשטאָט „געטאפּויעט“.)

אַף זייט 82 (19טע שורע) דאַרף זיין: „געערגערטער ליכ־טיקייט“ (אַנשטאָט „געערנערטער“.)

אַף זייט 126 (2טע שורע) דאַרף זיין: „פּרייפלען פּעטלאַכע גאַלאָכים“ (אַנשטאָט „פּריילען“.)

אַף זייט 138 (אין ערשטע שורע פון ליד „ווי אַ שטיין“) דאַרף זיין: „מ'זאָגט“ (אַנשטאָט „מ'אָגט“.)

אַלטע מאַטעריאַלן

לידער, עסייען, געשיכטן פון מיין מיטלוי־
פערישן „רעוואָלוציע"־פעריאָד.

טעפּיכוועבערײ

1

מיין לעבן וואוינט אין ברעכלעכע געפעסן. אין גלעקלעך אזוינע גלאָזגעשפינטע. קלינגענדיק מיט רויטקייט מיט דופטיקייט. איבער מיר די וועלט איז ווי א גלאָק.

גרין־גאָלדן־גרינג איז דער גאַנג פון די שטערן. די לעוואָנע אַליין צייכנט שיינע נולן איבער אונז.

גערטנער וואַקסן אין די שפּירפעדים פון מיין גוף. מיינע נאָז־לעכער זענען מאַנדל־שפּייכלערס. מיין שטילער שאָטן איז מיין בעסטער קאָריוו. און אַז איך איינער אַליין קום צום וואַלד באַנאַכט. מאַך איך אים עלנט.

דער דרויסן איז אַ קינד מיט דריבנעם געוויין. מיט זיסע אויגן און מיט פּייכטע טריט. די שטוב איז אַ קלייד אַ וואַרעמס. באַ־לעסטיקט מיט ליבע און מיט פליי.

אַפן האָרב וואָס איז האַריץ שלאָפט די בלינדע קאַץ. וואָס איז אייביקייט. אַ קנוילכן ליינפאָדים. איז אין די נעגל פון אירע לאַפּעס

2

שיין כ׳לעבן איז די וועלט איר ביסל טעג. זענען גוט איר וואַסער איז געגאַנוועט און זיס. נאָר בעסער ווי אַלצדינג איז דאָס געפיל. אַף שפּיצפינגער. וואָס בלאָנזען דאָרשטיק־שטיל. אַף אָטעמפולע אַטלעסענע בערגלעך. היים מיט לעבן.

3

שפּין דיך שפּין דיך טאָג. דריי דיך דריי דיך ערד.
צאַרט און וואויל וויאַנען צוויבלבלעטלעך. אין מיין שפּייז־שאַנקל.
פענצטער שפּיגלען אָפּ דעם טאָג. זיין מאַמזערישע קלוגשאַפט.
פליגן שפּילן אַף די פליגנפידלען. אַ גוטעליף. דער זייגער שטייט שטיל פאַרטראַכט. אין זיין לעצטער רעגע. אַף דעם אומרו שטייט אַ פליג און זינגט. „איך בין“. אַנדאַנטע אַנדאַנטע.

4

שיין כ׳לעבן אי די וועלט. ס׳בלעטל שרייבפּאַפּיר אָט דאָ בא מיר

איז שיין־פּאַרטראַכט.

נאַכט. מיינע טריט שלאָפן שטיל אין די זוילן. אין די פּויסטן שלאָפט די מאָרגנדיקע אַרבעט.

די שליוזעס פון לעבן. פאַרפּלייצן מיך.

נאָר וואָרעם זים און אייביק. אין דער ליגן. וואָס הייסט „לעבן״ אין די ברעכלעכע געפּעסן. גלאָזגעשפּינטע. יצחק׳דיקע.

אַ מומע

ווייט און טונקלדיק. ווי דערך אַ זיפּל. זע איך איצט מיין מומען. אין איר גרינעם איפּל.

זי קומט פון ווייט פון ווייט. זי קומט פון גאַליגור. זי טראָגט אַ רויט שייטעלע. פון די אייגענע האָר.

דעם סטאַניק אויפגעפּוישט. מיט אַ לייוונט־שירעם. קומט זי אָן צו גאַסט. צו אונז אַף פּורעם.

ברענגט אַריין אַ טאָפּ. מיט פלאָמען־האָמענטאַשן. אין קיישעלע פון שטרוי. טראָגט זי לאַנגע פלאַשן.

ווערט די שמחה גרויס. אַף מיר און אַף מיין שוועסטער. אונז דאַכט די מומע איז. אַליין די מאַלקע עסטער.

זי טיילט אונז פּורעם־אויפּס. אַ טאָרטל מיט אַ פּלעדל. און איר שפּאַנגל־הוט. אַ זילבער ציטערנעדל.

דערנאָכדעם לאַכט זי הויך — אונזער פרעמדע טאַנטע. פון לאַכן רייסט זיך אָפּ. דאָס שפּינוועבס אַף אַ באַנטע.

זי לאַכט פון אונזער טיר: מי דאַרף זיך איינצובויגן. און דאָס „הייליק אָרט״. שטייט שטענדיק פאַר די אויגן.

זי זאָגט דער הימל באַ אונז. איז פאַרשטעקט מיט שמאַטעס. און איינגלעך זעען אויס. ווי איינגעשרומפּטע טאַטעס.

איז לאַכן מיר אַלע מיט. און פלאַטערן רום דער טאַנטע. אַ שפּינעכן ציטערט־מיט. אין שפּינוועבס אַף דער באַנטע.

אָ מומע זיסע מומעניו. דיין צייט פון מיסט־מיט־האָניק — לייג איך אין אַ טרונעלע. פאַרשרייב איך אין דער כראָניק.

באָטאַניק

די רויז שלאָפט אין העמד. די רויז איז לויטער העמד. פּיט אַ נעשאָמע אינמיטן.

די רויז גייט אַף אַ כאַסענע. אין אַ באַלקלייד. בלאָזט זי פון זיך נאַבאָק נאַבאָק.

בליענדיקער באָדיק אָבער. שטייט מוטער־נאַקעט. האָט נישט קיין בעבערל פאַר דער נעשאָמע.

זאָגן אַלע „אָה די רויז". זאָגן אַלע „עה דער באָדיק".

דאָס גראָז און דער באָדיק. גיבן דער קו און דער בין צו זייגן. דער באָדיק צעקנעפּלט נישט זיין שפּענצערל ווען די זון קומט צו.

ער גיט די בריסטלעך צו דער בין. ווען זי וויל. ער גיט די פּיס. צו דעם גרינעם פליגעלע.

די רויז אַליין. האָט זוויג־שטונדן פאַר מאַטקעס. און נאָך זונען־אונטערגאַנג. איז באַ איר אַ רענדל אַ טרער.

די רויז פאַרלירט דעם קאָפּ. פאַר יעדן אַטלאַסענעם לאַץ. דער באָדיק אָבער בייסט ביז בלוט. און ווער ס'בלוטיק אים. דער מוז צעבלוטיקט ווערן.

פערדישע באַלוימעס

1

אַ קאָפּ פאַרוואָרפן איבער אַ קאָפּ. שטייען צוויי יונגע פערד. און באַלעמען. האָבער. גאָט. ליבע. פון אויבן פאַלגט אַ גאַנג די זון. פון אונטן בלינעט זיך אַוועק אַ טייכל. דער מאַמזערישער ברעג דער גרינ־פאַרטאַיעטער. ווישט זיך אָפּ ס'מויל און זאָגט נישט אויס.

אַ שפּין באַפּעסטיקט זיך אַ בריק. צישן צוויי ציטערדיקע האָבער־זאַנגען. אַ סערפּ בליצט בלאָ אין גאָלד פון אַ געטרייעם טאָג.

דעם שניטערס האַנט איז נאָענט. דאָך איילט די זאַנג זיך צו דערוואַקסן. די שפּין צו ענדיקן איר אַרבעט.

דער ווינט קומט פון אַ גרויסער באַסענע. און שטייט קוים אויף די פיס. דער האַלבצעקייעטער לעקעך שפּריצט אים פונם מויל. אַז ער גיט אַ פלאַץ אַרויס אין אַ געלעכטער.

2

עס גליט די אָנגעגליטע ליידיקייט אין לופט. ווי פורפור־געלער שווערער זייפנבלאָז. (טוריסטן ווילן פאַרן אָנקוקן די כורוועס פון פּאָמפּעי. און ברענגען בלימעלעך פון די שטיינערשפּאַלטן).

עי־עי דו וועלט. עי־עי איר צוויי פאַרליבטע פערד. פאַרגאָווערטע אקעגן זון. און ברוינע בערג.

הויכקייט

אפן שפיץ פון דעמבעבוים שטייט א פויגל. ווערט דער בוים־שפיץ העכער — מיט פויגל און מיט געזאנג.

נאר אז דער פויגל פליט אוועק. שטעלט זיך דער דעמב אף די שפיץ־פינגער. דערגרייכט דאס פליענדיקע געזאנג און ווערט העכער. ווייל דאס געזאנג אפן שפיץ־בוים — איז א טייל פונעם בוים.

יאגט א יעגער

מיט א ביקס און מיט א שווערד. אף א גרינעם פערד. רייט איך אף דער ערד.

אין הוט א פויגלפעדער. פלאטערט זי קעסיידער. אין הוט — מיין פויגלפעדער.

א שפינוועב־פעלערינע. א גרינגע און א דינע. פלאמט אין ווינטן גרינגע.

יאג איך שאטנהאזן. דערך די פיבערגראזן — יאג איך שאטנהאזן.

איך אליין א שאטן. מיט ביקס און שווערד באלאדן. יאג איך ווינט און שאטן.

נעשאמע

באנאכט. אז מיין נעשאמע גייט ארויף צו גאט. שטעלט זי זיך אפ אינמיטן וועג. אין טאווערנע „אויר־האבויקער". וואו מ'טרינקט קאכעדיקן בראמפן פון די הוילע זשמעניעס. און מ'פארבייסט מיט הייסע פלאמפעליץ.

אז זי קומט שפעטער פאר די „שארייראכמימס". געדענקט זי נישט וואס זי האט צו זאגן. און זי אירצט נישט גאטס שוואגער וואס שטייט בא די טויערן. און זי פארגעסט זאגן אז גאט איז איינער און ווייטער קיינער.

נאר זי ווייזט מיט א פינגער אפן ברענעדיקן קיסע־האקאווער. און פרעגט צי ס'איז עמעסדיק פייער און צי גאטס הויזן זענען פון אסבעסטאס.

און אז נעשאמע קומט קריק אינדערפרי (ארום זעקס־זיבן). איז זי מיד און פארשוויצט און זי שמעקט מיט הימל און מיט בראמפן. (און קיין ברויט איז אלץ נישטא).

גרויסע זייגערס

זיי ציִען אָן די זייגערלעך. לויטן גרויסן זייגער. גרויסן זייגער אפן טורעם.

גרויסער זייגער אפן טורעם איז באַגלויבט. וואָס קאָן זיין באַגלויבטער ווי גרויסער זייגער. אַף אַ הויכן טורעם וואָס. יעדער ווייזער איז אַ צענטער קופּער. יעדער ציפער איז אַ פונט מיט גאָלד. און די זון ליגט אַף אים. גלעטיקט אים רעדט אים איין. אַז ער איז דער גרעסטער גרעסטער.

שאָטן שפּיצלעך פון קלויסטער־טורעם. רינגלען אים ארום. מיט טונקלעניש פון בלאָען בראַנז.

נאָר אין האַרץ פון גרויסן זייגער. איז טונקל טונקל. אין האַרץ פון גרויסן זייגער. ליגן שפּינען. ליגט אַ האַרטע הויט פון שפּינוועבס. דאָס האַרץ פון גרויסן זייגער איז טונקל טונקל.

דער שפּונט

דער שפּונט איז געעפנט. עס רינען די רעגעס. ווי לופט־גרינער ווייַן. אַ פריילעכער שיקער. אין זוניקן פעלץ־מיץ. האַלט־אונטער מ'קריג.

דער שיקער איז שיקער. פון אייגענעם דעך. און מיד פון זיין האַנט. נו גיסט זיך און גיסט זיך. אריבער דעם ברעג. אין אָן סאַף און אָן וועג.

נו פליסט עס און פליסט. דערך רינשטאָקן וויסטע. וואָס ריין און וואָס מיס איז. די רינווע איז שווער. די רינווע איז ערד.

דער קריג איז צעבראָכן. דער טאָך איז באַפרייט. דער ווייַן און דער עסיק. דער באַלזאַם און סאַם. עס רינט און עס רינט. עס קלייבט זיך און קלייבט. — אין רינשטאָק אריין. דער רינשטאָק איז איינער.

באָהעמער

זיי זיצן צו צווייט און צו דריט. און רעדן און רעדן און רעדן. דער אומעט ער זיצט אינדערמיט און קוקט זיי אריין אין די אויגן.

זיי זיצן צו צווייט און צו דריט. זיי זינגען און רעדן און לאַכן. דער טרויער ער זיצט אינדערמיט. און קוקט זיי אַריין אין די אויגן.

זיי זיצן צו צווייט און צו דריט. זיי טרינקען און טרינקען און טרינקען. דער טויט ער זיצט אינדערמיט. און קוקט זיי אריין אין די אויגן.

אָרגיע

קופּערגאָלד אין גרינעם ווייַן. טרינקען מיר אין וואַקסלעכט־שייַן.
זיבן יונגען ווי די בעכער. זיבן יונגען גאָטפאַרשווועכער.

וואַרפן שאָען פון די טרעפּ. שאָען שפּאַלטן זיך די קעפּ. צו די
הימלען לאַכן מיר. צו די יאָמים שרייַען מיר:

וועלטנמאַכער קום אַראָפּ. פון באַהעלטעניש אַראָפּ.

מעסט מיט אונז א פויסט אַף פויסט. טייט דיין פיינט און ווער
געגרויסט. סי שוין שפּעט א נאַכט צערינט. דערך דעם וויין און דערך
דעם ווינט. ראַנגלען מיר זיך פריינט מיט פריינט. ווייל עס ענטפערט
נישט דער פיינט. יעדנס האַנט אַף יענעמס לענד. און די נאַכט ווערט
אויסגעברענט.

פּאַריז

גאַלגאַנים פלאַן פון פּאַריז. איז אַלט א הונדערט יאָר צי מיין. נאָר
אַף דער אַלטער מאָפּ עס איז יונג נאָך אַלט־פּאַריז און שיין.

פּאַריז דאָ איז דער הימל אַזאַ צאַרטער. ראַכמאָנעסט ער אַף טוי־
טע סאַנקולאָטן. אויך אַף היינעם קייווער אין מאָנמאַרטר. און
אַף אַלע אָרעמע פּאָעטן.

נאָר ווען פאַרטאָג דער אַרבעטער צינדט־אָן. זיין פּאַפּיר לאַמטערן
פינקלט אַפן אייפל־טורעם־שפּיץ דער מאָרגנשטערן.

זעט ער דאָס פּאַריז פון זויערער נויט. זעט די קוילנלעבער אַף
„וואַנט פון קאָמונאַרן”. זעט דאָס געיעג נאָכן שטיקל ברויט. און זעט
אַלע מענטשנס צאַארן.

מיין אַלטע שטוב

איך האָב א שטוב מיט אויסגעשטאָפּטע פייגל. פייגל פון דער
גאַנצער וועלט. פון מידבער פון וואַלד און פון פעלד. אַף אַלע מיינע
זימסן צעשטעלט.

די שוואַלב ווי דער אָדלער און פיקהאָלץ. און אויך דער קאַנאַריק
— שווייגן. כאָטש אַלע האָבן די פליגלען צעשפּרייט. צו פליען אין
די הויכע וווייטן.

די טויב און דער ווילדער שפּאַרבער. מיט דער פלעדערמויז לעבן
בעשאָלעם. — באַ מיר אַף די הויכע קאַרניזן. אין קילן אין פאַרביקן
כאָלעם.

צישן באַווײַרים

איך האָב סאָנים פּיל־צופּיל. גוטע ליבע סאָנים. כ'האָב צו אײַך אַ ליכטיקן געפיל. ווי צו מײַן אײגן פּאָנים.

אַ וואָרט נאָר פאַלט צישן מיר און אײַך. ווי אַ שווערד אַ שאַרפע שנײַדט עס איבער. דער שליאַך צישן מיר און אײַך. דעם וועג וואָס פירט צו אײַערע שטיבער.

נאָר ווען איר קרעכצט טוט ווײ. פרעמדער צאַר פון אײגענעם איז העכער. צום פרײַעם וואָרט בין איך אַ קנעכט. מרערן שפּריצן פון דעם גלאַנציקן בעכער.

ליטגאַיווע

נאָכן עסן גיט מען ראָזשינקעס מיט מאַנדלען. נאָכן לעבן שענקט מען בלומען און געוויין. פרעג איך אײַך. בידאַרף אַזוי צו זײַן. בידאַרף אַזוי צו זײַן.

אַ ברענגט מיר איצט די טרערן. ברענגט מיר איצט די בלומען. וואָרטס נישט ביז דער טויט וועט קומען. — דער טויט וועט קומען.

אַף דעם קייווער שטייט אַ שטיין. איז ער האַרט צעקאָפּנס. זאָפּט ער אײַן אין זיך. די ווײַסע רעגן־טראָפּנס.

אַף דעם קייווער איז דער שטיין מיט זיך אַליין פאַרנומען. מײנט ער אַז דאָס ברענגט מען אים. די זשמוטן בלומען.

קאַדויש

מײַן כאַלעם איז 500 אַף 1000. דאַפּטשען דאָרט אַרום: פּישער אין געלע גומימאַנטעלאַקעס. אוויאַטאָרן מיט לעדערנע היטלען. אַנטעלאָפּן מיט ברענעדיקע הערנער. קרוייוים. פייערלעשערס. נאַפקעס. מײַז טראָגן קאַלאָשן. פּיש ניסן. אַ געלער איד פירט אַרום אַף אַ פּושקאַרט. שקאַרמיצן מיט פייער צו פאַרקויפן. אַ פּלוי מיט פייעם שטייט ובאַם אָמעד. און שפּרינגט: קאַדויש קאַדויש.

דער טאָג

דער טאָג האָט אַ גאָלדן מאָנאָקל אַ הויכן און בלויען צילינדער. קוקט ער אַראָפּ אַזוי לאָרדיש. אַף זײַנע קראַנקע קינדער.

די וועלט איז אַ שווערע דראַמע. פאַרפאַסט פונם גריך סאָפאָקל. דער טאָג אַ קראַנקער דענדי. קוקט דורך אַן ענגליש מאָנאָקל.

אינמיטן סאָף

פליגלען מיינע. מיינע פליגלען. באַמיט זיך נישט. איך דאַנק אייך זייער שיין. פאַר וועלן טראָגן מיך. איך בין מיד.

ערד דו גוטע. דו גוטע ערד. גיט גראָז און רו און אויבס. נאָר שטויב ביינקט שטיל צו שטויב. איך בין מיד.

לאַנגע לאַנגע. לאַנגע לאַנגע. מיין כאַלעם גייט שוין אויס. עס שמעקט דער וואַקס פון טריפנדיקע ליכט. וואָס מאַכן מילד און ווייך מיין אָנגעזיכט. איך בין מיד.

שטילקייט פון סקאַלעס

פאַר דער גרויסער שטילקייט בין איך שטיל. קען קיין צוויי נישט ציילן. שטיי איך מיט פּאָנים צום פעלד. און שווייג — אַף מיילן.

מיין קאָל אין מיר איז טיף באַהאַלטן. ווי אין דר ערד דאָס גאָלד און אייזן. ווייל פון סקאַלעס קומט די שטילקייט — שווער ווי טויט און אייזן.

מיין קלאָלע

אין נאַפּט צינד איך מיין קלאָלע-שטורקאַץ. לויף איך מיט אים אַפן עלישן ווינט. — צו אַלע שטרויענע דעכער פון פּאַכדאָנעס. צו אַלע פעטע ווילנס. צו אַלע טרוקענע נעשאָמעס. — צו זיי אַלע טראָג איך פייער און שטורעם. דורך מיזרעך מיירייוו צאָפן און דאָרעם.

אומרו

מיין אומרוס פייער דערגרייכט האָט. מ׳שטרויענעם דאַך פון געמיט. איצט איז מיר לעכטיק און פרייליך. און גוט.

די נאָענטע צעכאַלעמטע צעדער. מיט צווייגן צעשוואָלענעם ווינט. — טראָגן מיר גלאָוניעס פון אומרו. מיט האָריקע הענט.

אינהאַלט

די פאָרד־פאַבריקן

די פאָרד־פאַבריקן — 7
דעטראָיט — 16

קעמפּ „ניטגעדאַיגעט"

די אַמעריקאַנישע רויטע אַרמיי אין קעמפּ „ניגעדאַיגעט" — 47
דער רויטער דאָנערשטיק פון דעטרויט — 57
„ניטגעדאַיגעט" ווערט אַ האָטעל — 63
די וואַזאָנע — 69
דער פּראָליט־דיכטער און זיין וויזיט־קאַרטל — 71
דער „פּע־צע" — 71
„בלוט" פאַר דער „מאָרגן־פרייהייט" — 73
אַזאַ מין „קעמפּער" — 74
„דאָם אָטדיכאַ" — 75
ניטגעדאַיגעט מיט אַ לעוואָנע פון אויבן — 81

מאַיסעם דאָרטן

קניפּלעך — 99
ס׳מאַכט זיך אַמאָל — 91
אַ מאַיסעלע מיט אַ מאָראַל — 93
אַרבעטער און פּוילענצער — 94
אַמעריקאַנער רעקלאַמע — 95
ברוישים — 97
אַ מישפּאָכעלע — 99
וועגן בירגערלעכן טעאַטער־פּובליקום — 101
אַ שפּעקולאַנט — 101
ניט קיין דאָקטוירים, נאָר „קינסטלער" — 102
אין הונדערט יאָר אַרום — 106
אַלמאָנעלע, אַלמאָנעלע — 109
ער, ער! — 111
„אינטעדעריגדע, טינטינטין" — 113
לאַמנאַצייעך להאַפּישינער — 118

לידער

טרופּן גייען — 125
געבורט — 131
די בעלט — 132
„טרעפּיק ליוטס" — 134
פאַלנדיק און שטייגנדיק — 135
אַ פאַרגעסן וואָרט — 136
הענט — 137
הינטערן פאַרמהויז — 137
אומשטערבלעכקייט — 138
ווי אַ שטיין — 138
קאַווקאַז — 139

פון מיר צו דיר

פון מיר צו דיר — 142
אַ מין דעקלאַראַציע — 145

מײַן װירטין — 149
אין די פֿאָגראָם־יאָרן — 150
די הױשאַנעראַבע־פֿראַגע — 150
ליבע און קינדער — 151
פֿאַרשטאָכענע אױגן — 152
באַטראַכט נאָר — 153
אַלקאַמשיראַ בע־ניא — 153
„מאַכאַזאַכיזם” — 154
„טעמפּי פּאַסאַטי” — 157
דער װאָס בלאָזט אַפֿן יאַם — 158
אומעט — אומעטום — 159
פֿרויען און פֿליגן — 160
דער גרינעטש־װילעדזש־קינסטלער זאָגט — 161
עפּעס אַזױנס — 162
אַ שפּין איז געשטאָרבן — 162
דער פּראָסטער װאָגן — 163
קאַפּריז נומער... — 163
נאַראַיעװ — 164
װען די אױגן זעען זיך אַלײן — 165
„יענע־װעלט” — לױטן פּעטער איציק — 166
פֿיליגראַן — 167
מיטן שװאַרצן פֿאַרטוך איבערן קאָפּ — 167
װאו מ׳שטעלט אָפּ ס׳רענצל — 169
גאָטס קראַנקער אױער — 170
„פּרינצן” — 175
דער טראָן שאָקלט זיך — 178

אַלטע מאַטעריאַלן

טעפּיכװעבערײ — 183
אַ מומע — 184
באָטאַניק — 184
פֿערדישע באַלױמעס — 185
הױכקײט — 186
יאָגט אַ יעגער — 186
נעשאָמע — 186
גרױסע זײגערס — 187
דער שפּונט — 187
באָהעמער — 187
אָרגיע — 188
פּאַריז — 188
מײַן אַלטע שטוב — 188
צישן כאַװײרים — 189
ליטגאַיזוע — 189
קאָדיש — 189
דער טאָג — 189
אינמיטן סאָף — 190
מײַן קלאָלע — 190
שטילקײט פֿון סקאַלעס — 190
אומרו — 190